ליבער מאיר! מיך אַבסאָרבירט לעצטנס די יידן־פּראַגע אין נייעם פוילן. פאַרטראַכט זיך וועגן אונדזער לאַגע אַ טאָג נאָכן קריג. פאַראַן אַ ריי דרינגענדיקע פּראָבלעמען. מיר קומען אַ היים, טרעפן ניט קיין משפחה, פריינד, שכנים, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן אַן אָנשפּאַר. נישטאָ בכלל אויפן ערשטן אָנבייסן. דערפון דרינגט אַרויס:

1) דרינגענד נייטיק הילף.

2) קאָנסטרוקטיווע הילף.

3) מיטהילף פאַר די גרויסע מאַסן אויסוואַנדערער — און אַנדערע פראַגן.

לסוף — די פראַגע פון אינטערנאַציאָנאַלער אַפּראָבאַטע און לייזונג פון פּאַלעסטינער פּראָבלעם.

איך מאַך באַמיאונגען ביי מיין העכערער מאַכט אויפצוהייבן און פאַראינטערעסירן די קאָמפּעטענטע קרייזן מיט די פראַגן. שרייב אָפט, גרוס אַלע.

שלמה.

☆ ☆ ☆

ליבער מאיר,

פּאָליעוואָיאַ פּאָטשטאַ 16129 וו
מיטעלמאַן שלמה

דיין קאַרטל פון 16.4.1944 דערהאַלטן. עס פרייט מיך וואָס האָסט באַקומען מיינע בריוו. כ׳גלויב, אַז וועסט פון זיי האָבן אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן דעם גורל פון די יידן פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. די מענטשלעכע שפּראַך איז באמת אָרעם איבערצו־

געבן דעם גרויל און פּיין פון די יידן, ביז מען האָט זיי מאַסנווייז געטריבן צו די גרויסע ברידער־קברים, די האַלטונג פון די יידן ביי די גריבער, בעתן דערשיסן און די איבערלעבונגען פון די ניצול־געוואָרענע אין די וועלדער און באַהעלטענישן. די אַלע געשעענישן און פאַקטו לאָזן זיך איצט ניט אַזוי לייכט איבערגעבן. קאָן זיין אַז אַמאָל, אַמאָל, אין אַ רואיקער צייט, אַז כ׳וועל איבערלעבן די מלחמה, וועל איך אויסנוצן דעם דורך מיר אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל. דערווייל איז עס אוממעגלעך, ווייל אַלץ קאָכט אין מיר און זידט. כ׳קאָן זיך בשום אופן ניט באַהערשן, כ׳האָב פאַרלוירן די גלייכגעוויכט.. שרעקלעך איז דער געדאַנק און באַוווסטזיין, אַז אַלע יידן אין פּוילן זענען אויסגעקוילעט, אַז קיינער, קיינער פון אונדזערע נאָענטע, זענען ניט מער ביים לעבן. און אַמערגסטן פון דעם אַלעמען, אַז דאָס איז געשען ביי דער טיילווייזער מיטהילף פון די אָרטיקע שכנים. אין צווייטן בריוו וועל איך דיר איבערגעבן אַ ביסל פאַקטן און ציפערן וועגן דער שחיטה אין בערדיטשעוו, סמאָלענסק און ראָזשישטש — געזאַמלטע דורך מיר ביי איבערגעבליבענע יחידים, וועלכע זענען דערשלאָגן פיזיש, און נאָך מער — מאָראַליש.

...איך, למשל, האָב רעווידירט אַ סך פון מיינע מיינונגען וועגן איינאָרדענען זיך אין דער צוקונפט. פּוילן קומט נישט אין באַטראַכט.

ביטע גרוסן אַלע מיינע פריינד, גיב זיי איבער, אַז זיי זאָלן היטן זייער לעבן און געזונט, זאָלן אַרבעטן און לעבן רואיק. מיר, די פּוילישע יידן אין ראַטנפאַרבאַנד, זענען די גליקלעכע וואָס האָבן געראַטעוועט זייער לעבן, יעדער ייד איז מיר טייער ווי אַ ברודער.

...כ׳וועל דיר איבערגעבן אַ בילד: אויף אַ באַן־סטאַציע האָב איך באַגעגנט אַ ייד, צוגעגאַנגען צו אים מיט די ווערטער:

— שלום עליכם אַ ייד...

— טפו, טפו, קיין שום עין־הרע — אַ לעבעדיק יאָר אויף אייך. אַז איך דערזע אַ ייד, גלייך ווי אַ גוטער מלאך פון הימל

וואַלט זיך באַוויזן... — און דער אומבאַקאַנטער ייד כאַפּט אָן מיין האַנט און דריקט זי לאַנג און מיט קראַפט.

ביי מיר הערשט אַלץ דאָס זעלבע געפיל. זאָלסט זיך דעריבער ניט וווּנדערן, וואָס איך שרייב אין יעדן בריוו וועגן דער יידן־טראַגעדיע.

בלייבט געזונט, באַמי זיך מיר צושיקן אַ יידישע צייטונג.

דיין שלמה

☆ ☆ ☆

טייערע מאיר, 21.06.44

היינט דערהאַלטן דיין קאַרטל וואָס האָט מיך זייער דערפרייט, אַז אונדזערע פריינד פאַרגעסן נישט אין אונדז.* דאָס זענען אמתע פריינד!

מאָרגן וועל איך אין פולק אָפּסטעמפּלען פאַר דיר אַ באַפולמעכטיקונג און גלייך אַרויס שיקן. איך ווייס נישט צי דאָס וועט מיר געלונגען טעלעגראַפיש. אַלנפאַלס, באַמי זיך, אַז דאָס פעקל זאָל ניט גיין צוריק. זאָל דער פּאָסט־נאַטשאַלניק דיר מאַכן די פּראָטעקציע.

מאיר, פאַר וואָס שרייבסטו אַזוי ווייניק? כ׳האָב אָנגעשריבן עטלעכע קאַרטלעך אין יידיש. שרייב, צי האָסט זיי דערהאַלטן. איך גרוס דיך און אַלע פריינד. אַ באַפולמעכטיקונג פאַר גיטעלען פאַרן קאָלכאָז — האָב איך אַרויס געשיקט. צום פּאָסט־נאַטשאַלניק שרייב איך, ער זאָל דיר אַרויס געבן דאָס פעקל.

דיין מיטעלמאַן.

☆ ☆ ☆

* דאָס איז שלמהס רעאַגירונג אויף דער ידיעה, אַז די פּועלי־ציון חברים אין ארץ־ישראל, האָבן אויף זיין אַדרעס אין רוסלאַנד, געשיקט אַ שפּייז־פעקל.

טייערער שילדקרויט מאיר יאָסיפּאָוויטש 22.06.44

דיין בריוו דערהאַלטן און איך פריי זיך זייער, וואָס מיינע פריינד האָבן וועגן מיר ניט פאַרגעסן און אויף דיין אַדרעס מיר געשיקט פון איראַן אַ פּעקל. באַמי זיך ביים פּאָסט־נאַטשאַלניק אָפּנעמען מיין פּעקל. איך באַפולמעכ־טיק דיך דערצו. אויב ער איז דערצו ניט מסכים, זאָל ער דאָס פּעקל אויפהאַלטן, ביז כ׳וועל דיר איבערשיקן אַן אָפיציעלע באַפולמעכטיקונג. כ׳וועל זיך באַמיען דאָס צו טאָן מאָרגן. דעם פּאָסט־נאַטשאַלניק האָב איך שוין געשריבן.

מיטעלמאַן שלמה מאיראָוויטש.

☆ ☆ ☆

ליבער מאיר, 25.06.44

אויף דיין קאַרטל פון 29.5 (דערהאַלטן דעם 20.6), האָב איך גלייך געענטפערט. איך האָב דיר אַרויס געשיקט 4 פּאָסט־קאַרטלען און 3 בריוו, אין וועלכע ס׳געפינען זיך: אין איינעם — אַ באַפולמעכטיקונג פאַר דיר, אין צווייטן — אַ באַפולמעכטיקונג צום נאַטשאַלניק פון פּאָסט־אַמט און אַ דריטע באַפעלמעכטיקונג פאַר גיטעלען. חוץ דעם האָב איך מיט אַ טאָג פריער געשריבן אויף דער פּאָסט און געבעטן מען זאָל דיר נישט מאַכן קיין שוועריקייטן ביים אָפּנעמען פאַר מיר דעם פּאַקעט. אַלנפאַלס, כ׳האָב געטאָן אַלץ און אַרויס געשיקט אַזש דריי פאָרמעלע באַפולמעכטיקונגען.

ליבער מאיר! קאָנסט זיך נישט פאָרשטעלן וואָס פאַראַ פרייד ס׳האָט ביי מיר אַרויס גערופן דער פּאַקט, וואָס אונ־דזערע פריינד געדענקען אין אונדז און פאַראינטערעסירן זיך מיט אונדז. ס׳האָט אין גאַנצן אויפגעהייטערט און געהויבן די שטימונג. איך בעט דיך אָבער שרייבן מיר גענוי ווער ס׳איז דער אַרויסשיקער פון דעם פּאָסט־פּעקל. איך מוז דיר אָבער

מאַכן אַ קליינעם פאָרוואורף: פאַר וואָס האָסטו וועגן דעם פּאַקט געשיקט מיר בלויז איין קאַרטל? וואָס וואָלט געווען געשען, ווען דאָס קאַרטל גייט פאַרלאָרן אין וועג — און דאָס טרעפט זיך אָפט — וואָלט איך וועגן דעם גאָרנישט געוווסט און נאַטירלעך ניט געשיקט דיר די נייטיקע באַפולמעכטי־קונג. האָסטו באמת ניט קיין צייט, אָדער קיין פּאַפּיר, צו שרייבן מער ווי איין קאַרטל? ס׳איז לייכטזיניק פון דיין זייט. איך לעב נאָרמאַל ווי אַ זעלנער, ניט שלעכט. שרייב צי דו דערהאַלטסט מיינע יידישע קאַרטלעך. גרוס אַלע. בלייב דערווייל ווייטער אין לענגער און לעב אַ גוטן טאָג.

דיין שלמה

☆ ☆ ☆

טייערער מאיר, 30.6.44

איך שרייב דאָס קאַרטל, הגם עס קומט מיר אָן זייער שווער, ווייל כ׳בין קראַנק און ליג אינעם פעלד־שפּיטאָל פון פּולק. כ׳האָב מאַלאַריע. ביז איצט גערהאַט ניט אָפטע אַטאַ־קעס, באַנוצט אַקריכין און ווי ס׳איז געהאַלטן זיך אויף די פיס. די לעצטע פינף טעג געהאַט כסדר אַ הויכע טעמפּעראַטור וואָס האָט מיך אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז איך קען נישט שטיין אויף די פיס. איך האָף אין עטלעכע טעג אַרום צו זיין געזונט. דיין קאַרטל פון 28.5 דערהאַלטן. איך האָב דיר אַ סך קאַרטלעך און בריוו געשריבן, צווישן זיי — עטלעכע אין יידיש. האָסטו זיי דערהאַלטן? איך בעט דיך ענטפערן מיר אויף יעדער קאַרטל מיינס — אויספירלעך. אַרויסגעשיקט באַפולמעכטיקונגען: 1) פאַר דיר. 2) צום פּאָסט־נאַטשאַלניק פאַר דיינעטוועגן. 3) פאַר גיטעלען. שרייב ווי זעט אויס דער ענין וואָס מיר קומט אין קאָלכאָז. אַ באַפולמעכטיקונג פאַר גיטעלען האָב איך שוין פון לאַנג געשיקט. איך דאַרף דיר שרייבן עפּעס אינטערעסאַנטס, נאָר — ווען כ׳וועל געזונט

ווערן. איך האָב געטראָפן טשאַטשקעסן. ער איז כאַראַנזשי אין דער פאַרבינדונג. זעט גוט אויס.

דיין שלמה

☆ ☆ ☆

ליבער מאיר, 8.7.44

שוין אַ פּאָר טעג ווי כ׳האָב דיר גאָרנישט געשריבן, כאָטש זייענדיק דאָ שרייבער, האַלט איך שטענדיק די פעדער אין האַנט. קאָן זיין, אַז כ׳בין אַ ביסל אין די לעצטע טעג פאַר־טעמפּט געוואָרן, שטימונגסלאָז, אָן וויברירנדיקן געדאַנקען־שווונג — שרייבט זיך נישט. פונדעסטוועגן שרייב איך דיר — זאָל זיין אָן שטימונג.

שרייב מיר, איך בעט דיך, צי דו דערהאַלטסט מיינע יי־דישע קאַרטלעך און בריוו. כ׳האָב דיר געשריבן איבער דער צייט אַ פּאָר וויכטיקע בריוו אין יידיש. איצט, וואָס איז די סיבה וואָס דו שרייבסט ווייניק און דאָס אויך — אויפן שפּרונג, אַוודאי אויפן צוג לענגער־טשימקענט, אָדער אויפן וואָקזאַל. כ׳קאָן גאָרנישט אַרויס לייענען פון דיינע קאַרט־לעך: ווי דו לעבסט זיך אויס, מיט וואָס דו אָטעמסט, חוץ דיין יאָגן זיך צו פאַרדינען אויף פּרנסה. שרייב מיר צי גיטעלע האָט דערהאַלטן די באַפּולמעכטיקונג אָפּצונעמען פאַר מיר אין קאָלכאָז? צי האָסטו דערהאַלטן די באַפּולמעכטיקונ־גען פאַר דיר, פאַר גיטעלען און פאַר דיר — אויפן אַדרעס פון פּאָסט־נאַטשאַלניק?

ווו איז שיף? צי דיין יחיאל־נח פייערט נאָך אַזוי אויף מיינע חברים? צי דיין שוואָגער שרייבט דיר בריוו? איך בעט דיך שרייבן אין מיין נאָמען אין „דבר״, אַז איך זוך מיין ברו־דער משה און שוועסטער רבקה.

איך פיל זיך לעצטנס בעסער מיטן געזונט און לעב זיך

נאָרמאַל, ניט שלעכט. מיינע בעסטע גרוסן פאַר אַלע מיינע באַקאַנטע און פריינד. שרייב אָפט און נישט אויף דער קני.

דיין שלמה

☆ ☆ ☆

ליבער מאיר,

9.7.44 (?) *

מיר לעבן אין אַ וווּנדערלעכער צייט. יעדן טאָג טראָגט אונדז אונטער די העלדישע זיגרייכע רוסישע אַרמיי דער־פרייענדיקע נייעס. דאָס האַרץ קוועלט פון נחת. די רויטע אַרמיי גייט מיט מייַלן־טריט, יאָגט און פאַריאָגט די אומבאַ־זיגבאַרע מאַטאָריזירטע היטלער־אַרמיי פון די אָקופּירטע גע־ביטן. ריישע, באָריסאָוו, מינסק, באַראַנאָוויטש, פּאָלאָצק, מאָ־לאָדעטשנע און ווילנע; באָברויסק און קאָוועל און היינט — לידע! אַזאַ זיגרייכער קאַמפּס־מאַרש איז ביישפּיללאָז אין דער געשיכטע. עס פרייען זיך פריינד און עס מוזן אַפּלאָדירן באַהאַלטענע פיינד. פאַרשווונדן דער אַמאָליקער חוזק און ביטול־באַציאונג פון קורצזיכטיקע שוטים־פּאָליטיקער, שונאים און ניט־פאַרגינער. דרך־ארץ! די ראַטנפאַרבאַנדישע רויטע אַרמיי גייט פּאָראויס און איבעראַשט די וועלט. די ראַטן־מלוכה און די פאַרבאַנדישע פעלקער־משפּחה געווינען אַכ־טונג, דרך־ארץ און אין קאָנסעקווענץ דערפון — ליבע. דער פּרימיטיווער, פּראָסטער, אָבער האַרציקער רוסישער פאָלקס־מענטש האָט ווידער באַקומען זיין גוטן נאָמען אין דער וועלט אַלס בראַוווער העלדישער קעמפער, פאַר וועמען דאָס וואָרט ט ו י ט רופט ניט אַרויס קיין שרעק, ווען עס האַנדלט זיך אין פאַרטיידיקן זיין לאַנד און כבוד.

...אַזאַ דרייסטקייט אין קאַמף, אַזאַ שרעקלאָזיקייט אין

---

* דער בריוו איז זייער באַשעדיקט, די שריפט אָפּגעריבן און אַ סברה, אַז עס פעלט פון אים אַ העלפט. אויך די דאַטע איז ניט אַזוי קלאָר — דערפאַר דער פראַגע־צייכן.

סיטואַציעס פון דראָענדיקן טויט — זעט מען זעלטן ביי אַ פאָלק. דאָס קאָן געשען נאָר ביי אַזאַ פאָלק, וואָס פאַרמאָגט אַ טיפע אינערלעכע מאָראַלישע קראַפט און אַ ציל אַ גרויסן, אַ וועלט־באַפרייערישן און אַ באַוווּסטזיין פון זיין אַ שליח פון פרייען וועלט־גייסט, וואָס איז דער אַוואַנגאַרד און פאַרניכטעט אַלץ וואָס שטעלט זיך אין זיין וועג צום ציל.

ליבער מאיר! כ׳האָב זיך געקליבן שרייבן דיר מיינע רעפלעקסן און שטימונגען. כ׳פאַרענדיק זיי נישט צוליב דיין קאַרטל.

...כ׳האָב דיך כסדר געפרעגט אויף מיין ברודער משה און געוואָלט וויסן זיין אַדרעס. אָבער היינט בין איך געוואָרן רואי־קער. זיך צוגעוווינט צום טרויעריקן געדאַנק, אַז מיינע לעבן נישט און אַז קיינער, קיינער לעבט נישט און האָב צוריק באַקומען מיין פריערדיקע גלייכגעוויכט. איך בין אין מיליטער, אין אַזאַ אַרמיי, וואָס גייט מיט געווער אין האַנט, צוזאַמען און אין אָנשפּאַר אויף דער זיגרייכער רויטער אַרמיי, צו שאַפן אַ ניי, פריי פוילן. — דאָס איז אַן אידעע, אַ ציל. אמת, ניט קיין סאָציאַלער, וואָס באַגייסטערט, אָבער דאָך אַזאַ מלוכה וואָס שאַפט מעגלעכקייטן פון גליקלעכן אויסלעבן זיך פון אַלע בירגער און בתוכם אויך די יידן. און דאָס אַבסאָרבירט מיך. צי ס׳וועט זיין אַ פּראָצענטועל־גרויסע אויסוואַנדערונג? לויט מיין מיינונג — זיכער! די מאָראַליש־פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן, דער מינדערווערטיקייטס־געפיל און די טיפע אינערלעכע בושה וואָס די איבערגעבליבענע יידן טראָגן.

...ליבער מאיר, באַמי זיך שרייבן אַ בריוו, ניט קיין קאַרטל, ווייל אין קאַרטל שרייבסטו נאָר אַ פּאָר ווערטער און כ׳ווייס נישט ווי דו לעבסט זיך אויס איצט אין לענגער. פאַר די יידישע צייטונגען — מיין בעסטן דאַנק. די „אייניקייט" באַקום איך היינט דירעקט פון דער רעדאַקציע אין מאָסקווע.

די אַלגעמיינע פּרעסע לייען איך און בין אין אַלעמען ניט שלעכט אָריענטירט. פאַראַן די בעסטע האָפענונגען, אַז די

מלחמה זאָל זיך שנעל ענדיקן. אויף דער פּוילישער ערד וועלן מיר אין קורצן מאַרשירן און פאַרטרייבן די דייטשן...


☆ ☆ ☆

טייערער מאיר, 12.7.44

וואָס איז מיט דיר, פאַר וואָס שרייבסטו נישט?! וואָס טוסטו, ווי אַזוי לעבסטו און וואָס האָסטו בדעה צו טאָן? איך האָב דיר נישט איין מאָל געשריבן, אַז זאָלסט אָנקניפּן אַ קאָנ־טאַקט מיט ז.פּ.פּ. און זיך אַנגאַזשירן אין אָרטיקער מיטאַר־בעט ביים אָרגאַניזירן אַן אָפּטיילונג פון ז.פּ.פּ. אין דיין ראַיאָן. פאַר וואָס שרייבסטו מיר נישט וועגן דעם? אַפילו זאָלסט זיין שטאַרק פאַרנומען, איז עס נישט קיין שום פאַרענטפער. דאַרפסט וויסן זיין, אַז די אָרגאַנען פון ז.פּ.פּ. דאַרפן שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין אונדזער לעבן אין דער נאָענטסטער צוקונפט. עס ליגט אין אינטערעס פון די פּאָלקס־מענטשן, אַז אויך די לאָקאַלע אָרגאַנען זאָלן האָבן אַנטשפּרעכנדיקע טוערס און נישט ווי ס׳איז געווען ביי שיקאָרסקיס צייטן.

איך לעב זיך נישט שלעכט. איך בין שרייבער אין דער קאָמפּאַניע און גלייכצייטיק פּאָליטיש־דערציערישער אונטער־אָפיציר, וואָס גיט מיר אַ מעגלעכקייט צו געבן מיין באַשיידע־נעם צושטייער צו אונדזער אַלגעמיינעם ציל, אַז אונדזער אַרמיי זאָל טאַקע זיין העכסט באַוווסטזיניק, דורכאויס פּראָגרעסיוו און דעמאָקראַטיש. דער אַרום, מיינע קאַמפּס־חברים, אַנט־שפּרעכן מיר נישט, וואָס אַן אמת, אין גאַנצן, ווייל עס זענען פאַראַן ווינציק אינטעליגענטע מענטשן. נאָר פאַרפאַלן. איך האָב זיך שוין מיט זיי צוזאַמענגעלעבט און אַפילו ליב באַקו־מען. פריילעכע יאַטן!

שרייב צי גיטעלע האָט שוין אַלץ אָפּגענומען פון מיין קאָלכאָז און צי איר האָט דערהאַלטן מיין באַפולמעכטיקונג



פון מײן נאָטיץ-בוך.

חוץ מהמכתבים שכתב ושלח שלמה מיטלמן מן החזית, הוא ניהל גם „פנקס רשימות", שנאבד לו בקרבות. בתמונה: דף אחד מן ה„פנקס" — „בפולין".

אויסער די בריוו, וועלכע שלמה מיטעלמאַן האָט געשריבן און געשיקט פון פראָנט, האָט ער אויך געפירט אַ מין טאָגבוך, וועלכער איז אים פאַרלוירן געגאַנגען אין די שלאַכטן. אויפן בילד: אַ זײַטל פונעם נאָטיץ־בוך — „אין פּוילן".

אָפּצונעמען דאָס פּעקל? גרוסן פאַר אַלע מיינע חברים. זײַ געזונט און שרײַבט אָפּט.

דײַן שלמה

האָסטו דערהאַלטן מײַנע בריוו אין דער יידישער שפּראַך?

☆ ☆ ☆

(דער ווייטערדיקער בריוו, דאַטירט דעם 15.7.1944, איז בלויז אַ קליינער טייל פון אַ גרעסערן בריוו — אַ האַלב בלעטל, פאַרשריבן פון ביידע זייטן און נומערירט 4 און 5).

...נאָך אַרויסזאָגן פעסט און גענוי. איינס פאַרשטיי איך, אַז איצט איז די פּאַסיקע צײַט צו פאַרטראַכטן זיך ערנסט וועגן דעם. באַשליס און שרײַב מיר.

מאיר! נעכטן האָב איך צופעליק געטראָפן אַ זעלנער. פרעגט ער מיך, צי כ׳בין נישט געקומען אין דער וואַרשעווער „וויאַזדאַ". ער איז געוועזן אַ פוטבאָליסט פון דער צווייטער מאַנשאַפט. צוו. אַנד. האָט ער מיר איבערגעגעבן, אַז אים האָט געזאָגט מונדאַק, אַ שפּילער פון דער ערשטער מאַנשאַפט, אַז בוקסבוים געפינט זיך אין פּוילישן מיליטער. איך האָב, פאַרשטייט זיך, אים זייער געבעטן, ער זאָל מיר גענוי שרײַבן וועגן דעם, ווײַל עפּעס גלייבט זיך מיר נישט, אַז דאָס זאָל זײַן אמת. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו שרײַבן. מער קיין נײַעס. איך אײַל זיך. מיר רירן אין וועג אַריין, אויפן פראָנט. דאָס רייצט מיך און פרייט מיך. איך פרעטענדיר נישט צו גרויסער העלדישקייט, נאָר שלאָגן וועל איך זיך מיט אייפער און ברען. פאַר אַלע אונדזערע דערמאָרדעטע ברידער. יאָ, יאָ, מאיר! ס׳האָט נישט קיין שום זין אונדזער לעבן — אָן נקמה־מעשים, אָן מיטהעלפן פאַרניכטן אונדזערע פאַרניכטער. ס׳איז ניט קיין פראַזע, ס׳איז אַ טיפער לעבנס־אינהאַלט. כ׳בין פאַרסמט און מוז דעם דאָזיקן סם אויסהיילן מיטן בלוט פון די היטלער־דײַטשן.

איך שיק פאַר גיטעלען אַ באַשטעטיקונג צו געניסן פון

הילף אַלס פּרוי פון אַ מיליטער־מאַן. די דאָזיקע באַפולמעכ־
טיקונג (אַ קאָפּיע פון איר, רעיענטאַל באַשטעטיקט) זאָל זי
שיקן אין ז.פּ.פּ. און בעטן הילף — וועט זי באַקומען. שרייב
מיר צי גיטעלע האָט עפּעס באַקומען פון מיין קאָלכאָז. ברוכן
שרייב, אַז איך געפין זיך אין מיליטער און גיב איבער די בעסטע
גרוסן.

בלייב געזונט און שרייב אַ גרעסערן בריוו.

דיין ש ל מ ה

☆ ☆ ☆

טייערער מאיר, 15.7.44

היינט דיר אַרויס געשיקט אַ גרעסערן בריוו אין יידיש
אַלס ענטפער אויף דיין קאַרטל פון 22.6. פון דעם קאַרטל האָב
איך זיך דערוווּסט, אַז האָסט באַקומען מיין בריוו פון 17.5.
איך שרייב דיר דאָס קאַרטל אין דער לעצטער מינוט פאַרן
אָפּמאַרש אויפן פראָנט. מעגלעך, אַז כ'וועל דורך דער „קלוגער
שטאָט" בקרוב אָנקומען קיין לובלין, אונדזער היימשטאָט. די
רויטע אַרמיי גייט מיט אַזאַ שטורעם, אַז מען קאָן זיך ריכטן,
אַז דאָס וועט געשען אין גיכן.

צי כ'וועל זען עמעצן פון אונדזעריקע — איז אַ גרויסער
ספק. דאָס עיקרדיקסטע — מיין באַשיידענע פּערזאָן וועט אין
שלאַכט געבן אַ צושטייער צו פאַרניכטן דעם שונא, און דאָס גיט
מיר צו כוח און מוט.

ליידער, מיין פּעקל איז צוריק געקומען. פאַרפאַלן. היינט
אַרויס געשיקט אַ באַשטעטיקונג פאַר גיטעלען, זי זאָל קאָנען
געניסן פון אַלע סאָרטן הילף אַלס פרוי פון אַ מיליטער־פליכ־
טיקן. זאָל זי זיך ווענדן צו ז.פּ.פּ. מיט אַ קאָפּיע פון דער באַ־
שטעטיקונג, וועט זי באַקומען הילף.

שרייב ווייטער און אָפּט. שרייב צי דו דערהאַלטסט מיינע
יידישע בריוו. די צייטונג „איינִיקייט" דערהאַלטן. די רעדאַק־

ציע שיקט די צייטונג רעגולער. איך ענדיק און געזעגן דיך. זיי געזונט.

ש ל מ ה.

☆ ☆ ☆

טייערער מאיר,

דיין קאַרטל פון 26.6 דערהאַלטן, ווי אויך דאָס קאַרטל פון נאַטשאַלניק אין לענגער. איך נעם זיך נישט איבער, וואָס דאָס פעקל איז געגאַנגען צוריק. כ׳בין נאָר באַזאָרגט, אַז גיטע־לע קאָן ניט אויסנוצן מיין באַפולמעכטיקונג, כדי עפּעס אָפּ־נעמען פון קאָלכאָז.

מיך וווּנדערט זייער וואָס דו שיקסט מיר אַרויס 150 רובל. פאַרוואָס טוסטו דאָס? איך דאַרף דאָך נישט קיין געלט. כ׳האָב שטענדיק מזומן. איבעריקנס, נישטאָ ווו עפּעס צו קויפן. דעריבער בעט איך דיך נישט שיקן מיר קיין שום געלט. איך לעב גוט. ליידער, כ׳בין כסדר קראַנק אויף מאַלאַריע. דאָס האָט מיך זייער אויסגעמאַטערט, כ׳זע אויס שרעקלעך.

שרייב, צי דו באַמיסט זיך גיין אין דער אַרמיי. היינט דערהאַלטן ענטפער פון דער רעדאַקציע „אייניקייט", אַז וועגן בוקסבוימען האָבן זיי נישט קיין שום ידיעות. ווי דו זעסט, באַמי איך זיך מ׳זאָל אָפּגעפונען מיין פריינד. גיט אַ טראַכט, צי איז נישט צייט צו טאָן אַזוי ווי ריף? מיר גייען כסדר פאָר־אויס. מיר זענען שוין ביים בוג. מיר מאַרשירן פאָראויס און דער שוואַב אַנטלויפט. גרוסן פאַר אַלע.

22.07.44 ש ל מ ה.

☆ ☆ ☆

ליבער מאיר, 24.7.44

דיין קאַרטל אין יידיש פון 6.6, ווי אויך ראָמעקס פון 25.6 — היינט דערהאַלטן. איך האָב דיר אין די לעצטע פאָר

טעג ניט געשריבן, ווייל מיר מאַרשירן אויף וואַרשע. מיר גייען און גייען כסדר פאָראויס. געווען אין בעקערס שטאָט. אַ קלוגע שטאָט, כמעט ניט צעשטערט. און ווידער דאָס זעלבע. געבליבן בלויז אַ 20 יידן. מאָרגן וועל איך זיין אויף רינעק. איך בין לעצטנס שוין באַרואיקט. צו דער יידישער בראָך זיך צוגעוווינט. פאַרנאָטיר נאָר דעם חורבן. מיר גייען פאָראויס. אפשר וועלן מיר אָניאָגן די דייטשן, איך וויל שיסן און טויטן. אַ ביסל נקמה אַלס באַלזאַם אויף דער נשמה.

מאיר! זע פאַרשרייב זיך אין אונדזער אַרמיי. אויב מען נעמט נישט, זע אַרבעט אין ז.פּ.פּ. אַלס אַקטיווער פּאַטריאָט. כ׳ פאַרשטיי, אַז דו קאָנסט נישט איינזיצן, הערנדיק די באַריכטן פון פראָנט, אַז דיין שטאָט לובלין איז פאַרנומען און מיר גייען אַלץ פאָראויס. כעלם האָט אויפגענומען די פּוילישע אַרמיי מיט בלומען און אָוואַציעס. לובלין וועט מאָרגן זיכער נאָך שענער אונדז אויפנעמען. שרייב.

דיין ש ל מ ה.

☆ ☆ ☆

טייערער מאיר, 24.7.44

איך שרייב פון וועג, אויפן אָפּרו. מיר מאַרשירן כסדר פאָראויס. איך בין געווען אין בעקערס שטוב. מאָרגן וועל איך זיין ביי בעלען. אויב זי לעבט, וועל איך מיט איר ריידן און אָפּגעבן פון דיר אַ גרוס. פאַר וואָס מאַכסטו נישט קיין באַ־מיאונגען מען זאָל דיך אָננעמען אין דער פּוילישער אַרמיי? באַמי זיך ווערן אַ מיטגליד אין ז.פּ.פּ. איך פיל זיך איצט בע־סער. געקרענקט אויף מאַלאַריע, וואָס האָט מיך זייער אָפּגע־שוואַכט. איך זע שלעכט אויס, נאָר דאָס פאָראויסמאַרשירן אין אונדזערע מקומות שטאַרקט מיך און גיט צו כוח. די קאַרטלעך פון 5.6 און ראָמעקס פון 25.6 דערהאַלטן. שיק מיר

נישט קיין געלט. איך דאַרף נישט. זיי געזונט. גרוסן פאַר די ניימאַנס.

שלמה.

☆ ☆ ☆

27.7.1944 טייערער מאיר,

איך שרייב דיר בעת אַן איבערייס אין מאַרש. כ׳בין זייער מגיד, די פיס טוען ווי פונעם כסדרדיקן מאַרשירן, אָבער ס׳איז גאָרניט. איך גיי דאָך פאָרט אויף אונדזער ערד, דורך אונדזער באַקאַנטע און באַליבטע שטאָט און דער וואַרעמער, ענטוזיאַס־טישער קבלת־פּנים — דערהייבט אונדז אַלעמען און שטאַרקט אין דעם כסדרדיקן מאַרש. די היגע באַפעלקערונג באַוואַרפט אונדז מיט בלומען, צוקערלעך, סיגאַרעטן און קושן.

איך בין געווען אויף דער ערשטער מאַי גאַס אין לובלין און אויפן רינעק. אין מיין וווינונג אַפילו ניט אַריינגעקוקט. צו וואָס? כדי זען, אַז עמעץ וווינט דאָרט?! און צו דעם צו — די נאָך גרעסערע ווייטיק וועגן גורל פון אונדזערע ברידער און נאָענטע, זייער אינקוויזיציע־טויט. ניין, מע דאַרף שוין ניט צו־געבן אַ באמת קליינעם טראָפּן גיפט, אַז אַן אַנטעק צי אַ באַר־טעק פאַרנעמען איצט דיין דירה...

כ׳האָב גערעדט מיט עטלעכע יידן, וועלכע האָבן זיך אָפּ־געראַטעוועט אין דער פּאַרטיזאַנקע. ערשט נעכטן זענען זיי אַרויס פון וואַלד. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז עס זענען געבליבן אַ 10 ביז 15 יידן. מיט פאַרביטערטקייט ריידן זיי וועגן דעם, אַז די שכנים האָבן אויסגעליפערט דער געסטאַפּאָ אַ סך אַ סך אונדזעריקע. מיין באַקאַנטער דאָקטאָר ליפּעצקי, וועלכער האָט געהיילט מיין פרוי נאָכן געבורט פון אונדזער טעכטערל, האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אָפּגעראַטעוועט די פרוי פון אַפּטייקער לאַם. אויך שלימאַק פון דער מיל לעבט. מיר שטייען אַזוי אויף דער ביכאַווסקע גאַס, זיי פרעגן און אינטערעסירן זיך

מיט אונדזער אַרמיי, שטעלן פֿאַרשידענע פֿראַגן. איך דערצייל זיי גערן וועגן אונדזער אויפֿגאַבע און כוח.

מיט אַמאָל קומט צו אַ יונג מיידל, זי זאָגט אַז זי וויל מיט מיר ריידן. מיר גייען אַוועק אין אַ זייט. זי נעמט מיך אונטערן אָרעם און טוליעט זיך אַזוי שטאַרק צו מיר, הייבט אָן וויינען:

— איך פֿריי זיך מוראדיק, אַז כ׳זע אַ ייד...

זי קוקט זיך אום אין אַלע זייטן, צי קיינער באַמערקט נישט, זי האָט נאָך אַלץ מורא. זייער אָנגעשראָקן. זי הייסט וואַקסמאַן, געוווינט אַמאָל אויף דער נאַרוטאָוויטשאַ גאַס. די גאַנצע צייט געווען ביי אַן אינטעליגענטער פֿאַמיליע פֿון אַ באַאַמטן, אָבער זיי האָבן ניט געוווסט, אַז זי איז אַ יידישקע. באַהיט גאָט, זי וואָלט אומגעקומען.

— כ׳האָב אַזוי שרעקלעך געליטן מאָראַליש — זאָגט זי ווייטער. — ווייל כ׳האָב זיך געגוג אָנגעהערט אין דער וווינונג און ביי די שכנים אויף די יידן און געמוזט מאַכן דעם אָנשטעל אַז אויך איך בין קעגן די יידן. און די אַנטיסעמיטישע רייד האָט מען געהערט נאָכן כמעט פֿולשטענדיקן אויסמאָרדן אַלע יידן אין שטאָט...

— איך פֿאַרשטיי דיך, קינד, — האָב איך איר געזאָגט. — פֿאַרגעס, אַזוי ווי איך. באַמי זיך צו פֿאַרגעסן דאָס אַלץ וואָס כ׳האָב געזען און זע. עס וועט זיין גוט, מיר וועלן אָנהייבן לעבן פֿונדאַסניי. זייט פֿולקאָם רואיק, איר קענט איצט דרייסט זאָגן, אַז איר זענט אַ יידישקע. איצט איז אַ נייע צייט פֿאַר אַלעמען און פֿאַר אונדז...

און זי, אַזאַ נעבעכדיקע, אַן איבערגעשראָקענע, בעט מיך כ׳זאָל קיינעמען פֿון די מענטשן, מיט וועלכע כ׳האָב פֿריער גערעדט, ניט דערציילן, אַז זי איז אַ יידישקע. איך וווּנדער זיך ניט אויף איר פּחד, אַפֿילו איצט. איך פֿאַרשטיי זי. מיר גייען ווי קליינע קינדער, מען האַלט זיך ביי די הענט און פֿרייען זיך ווי שוועסטער־ברודער. איך, דער זעלנער מיטן אויטאָמאַט אויפֿן

אָרעם, און זי — אַ צעשטראַלטע, אַ ניי־געבוירענע, יונג, איבער־געשראָקן, נאָר אַ שיין־בלאָנדע יידישע טאָכטער...

אויף מיין גאַס האָבן מיך געטראָפן באַקאַנטע באַן־אַר־בעטער, זיי קושן זיך מיט מיר, פאַרבעטן אַהיים אויף בראָנפן. איך גיי גערן. כ׳האָב אַ סך געגעסן און געטרונקען. ביי יעדן צו ביסלעך. אונדזער אַרבעטער־עלעמענט זאָל לעבן!

...איך האָב געזען דעם טרויעריק־באַרימטן לובלינער לאַ־גער מיידאַנעק. אין צווייטן בריוו וועל איך אים באַשרייבן. די יידישע געגנט איז צעשטערט און רואינירט. די גאַסן רוסקע, שעראָקע, פורמאַנסקע, קראַוויעצע און דערבייאיקע געסלעך — אויסגעגלייכט מיט דער ערד. אין שטאָט וואַלגערן זיך צעהאַק־טע מאַשינען, צעקלאַפּטע טאַנקן, דערהרגעטע, עיפּושדיקע פערד. ניטאָ קיין צייט אויפצורוימען. די רויטע און פּוילישע אַרמייען גייען אויף מערב, אויף וואַרשע און בערלין, טרייבן און יאָגן די פּריצן פון פּוילן, וועלן זיי פאַרניכטן אין זייער אייגענעם לאַנד. גאָט זאָל געבן, אַז איך זאָל דערלעבן די מינוט פון נקמה און אַליין אָנטייל נעמען אין דער הייליקער, גע־בענטשטער שלאַכט. איך ענדיק, ווייל עס איז געפאַלן אַ באַפעל ווייטער צו מאַרשירן. צום ווידערזען. זיי געזונט. שרייב.

דיין שלמה.

☆ ☆ ☆

טייערער מאיר, 28.7.44

נעכטן דיר געשריבן אַ בריוו און געשילדערט אונדזער שטאָט. איצט, בעת אַן איבעררייס אין מאַרש, ווייט אויסער דער שטאָט, לעבן אַ שיין קוראָרט, גענים איך פון אַ פרייער מינוט און שרייב. מיר איז שווער, כ׳בין מיד פון מאַרש, ניט אויסגעשלאָפן, די אויגן קלעבן זיך, אָבער שלאָפן קאָן איך אויך נישט — אַזוי פיל איינדרוקן, איבערלעבונגען, רעפלעקסן. אַלץ שווינדלט אין קאָפ, ס׳איז אוממעגלעך צונויפקלייבן די

געדאַנקען. צו איינס שטרעבן מיר: ווי אַמגיכסטן באַפרייען נייע און נייע שטחים, דעריאָגן די פריצן וועלכע אַנטלויפן פון די טויט־קלעפּ פון דער רויטער אַרמיי און זיי נאָכשיקן עט־לעכע אויפרייס־מתנות מיט דער אויפשריפט „מייד אין פאָ־לאַנד״. מיר באַוועגן זיך דעריבער שנעל. נאָר ער, דער דייטש, יאָגט זיך אָפּ. אַטאַקירט פון דער לופט די שאָסייען, וואַרפט באָמבעס און אַראָפּלאָזנדיק זיך נידעריק, שיסט ער מיט סער־יעס פון מאַשין־געווער. נאָר ביז איצט האָט קיינער פון אונ־דזעריקע ניט געליטן. מיר מוזן אָבער, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, לאָזן זיך מיט זייטיקע פעלד־סטעזשקעס, דורך שיינע דערפער, וועלכע זענען צעוואָרפן אויף אַ כוואַליק־אַרטיקן באָדן, אַרומגערינגלטע מיט סעדער און וועלדלעך. דיר איז זי־כער באַקאַנט די דאָזיקע שיינע לאַנדשאַפט פון אונדזערע מקו־מות. טייל מאָל איז אונדז אויסגעקומען צוזאַמען צו פאָרן אויף אויספלוגן. אַ מילדע לאַנדשאַפט פאַרן אויג, אַ גוטמוטיק־שיינע, אַ באַרואיקנדיקע, וועלכע באַגריסט איצט אירע לאַנדסלייט־זין־וואַנדערער אין די מונדירן, באַוואָפנטע, צעשמייכלטע, דורכ־גענומענע מיט פרייד, ווייל זיי איילן זיך אַדורכצופירן אַ גרויסע אויפגאַבע און חוב וואָס ליגט אויף זיי.

☆ ☆ ☆

טייערער מאיר, 29.7.44

איך האָב נישט פאַרענדיקט דעם בריוו, ווייל דער אָפּרו איז געווען אַ קורצער. ענדלעך איצט וועלן מיר אָפּהאַלטן אַ שלאַכט מיט די פריצן. דערגאַנגען צו דער ווייסל. אויף דער צווייטער זייט זענען פאַראַן די דייטשן. מיר האָבן זיך אויף ביי־נאַכט איינגעאָרדנט און גרייטן זיך צו דער שלאַכט. סוף־כל־סוף האָבן מיר אַ געלעגנהייט צו באַנוצן אונדזער געווער אין קאַמף מיט די פריצן. די שטימונג ביי די יאַטן — אַן ערשט־קלאַסיקע. איך ענדיק, ווייל עס קומט איצט פאָר אַ לופט־אַליאַרם...

.30.7.44

אַ גאַנצן טאָג שיסט זיך איבער די אַרטילעריע און מער־זערס. יעדער צד וויל דערטאַפּן דעם שונאס ווידערשטאַנד־פונקטן. מיר געפינען זיך אין אַ וואַלד. צענפאַכיק הילכט אָפּ דער עכאָ פון די שאָסן און שראַפּנעל־אויפרייסן. אין אָנהייב זענען די ניט־דערפאַרענע זעלנער צערודערט און אָנגעשראָקן, אָבער זיי געוווינען זיך שנעל צו צו די הילכיקע אויפרייסן. מען זיצט אין די אָקאָפּעס, גלייך דאָס וואָלט געווען פאַר אונדז אַ נאָרמאַל אָרט.

ביינאַכט איז געוואָרן הייס, די פריצן האָבן אויף אונ־דזער זייט דערזען אַ לעבהאַפטע באַוועגונג און אָנגעהויבן דער־לאַנגען פייער פון אַלע מינים געווער, אַז ס׳איז אַזש ליכטיק געוואָרן אין וואַלד. אונדזערע האַרמאַטן און מערזערס האָבן געעפנט אַ הוראַגאַן־פייער — און די דייטשן האָבן אויפגעהערט. אַ סברה, אַז אונדזער פייער האָט געטראָפן אין ציל און זיי געצוווּנגען זיך צו באַהאַלטן. די קעגנזייטיקע שיסעריי האָט געדויערט 15—20 מינוט. דערנאָך — אַ שטילקייט. מען קאָן שלאָפן. ביי אונדז זענען פאַראַן נאָר פיר פאַרווּנדעטע..

31.7.44 טייערער מאיר,

דער פראָנט ווירקט אויפן מענטש. דאָס איז אמת. ער ווירקט אויפן גייסטיקן צושטאַנד פון דער אַרמיי, אָפּהענגיק פונעם ציל און אידעע פאַר וועלכע די דאָזיקע אַרמיי גייט אין שלאַכט. די דייטשן זענען געוואָרן נאָך מער חיהשער און סאַ־דיסטישער. אַלץ מעג מען פאַרניכטן, אונטערצינדן, מאָרדן, אַפילו דעמאָלט ווען דער פראָנט פאַרלאַנגט דאָס נישט. דאַ־קעגן די באַפרייערישע אַרמיי, וועלכע האָט פאַר זיך אַ הויכן אידעאַל און ציל, ווירקט אין דער ריכטונג פון אַרויסרופן די בעסטע, אַלגעמיין־מענטשלעכע געפילן פון ברודערלעכקייט. מיר קעמפן פאַר באַפרייאונג, מיר ברענגען פרייהייט די ליידנדיקע, אויסגעבלוטיקטע און באַעוולטע — טאָ ווי אַזוי קאָן מען טאָן שלעכטס?

דאָס זענען רעפלעקסן פון איין מאָמענט פונעם פראָנט־לעבן. איך האָב זיך צוגעקוקט צו אונדזערע בחורים. קאַמפס־חברים. איינער דעם צווייטן האָט קיינמאָל נישט געקענט. אויפן פראָנט איז יעטוועדע קאָמפּאַניע, צי אָפּטיילונג — איין משפחה, קרובים, ברידער. איינער העלפט דעם צווייטן און טיילט זיך מיט אַלעמען. נישטאָ מיינס־דיינס, פאַראַן — אונ־דזערס!

מאיר! זיי מוחל וואָס איך שרייב וועגן דעם אַלעמען. אפשר אינטערעסירט עס דיך נישט, נאָר איך מוז זיך טיילן מיט מיינע געפילן. איך בין אויפן פראָנט. איך קעמף. זאָל זיין געבענטשט דער דאָזיקער פרייהייטלעכער קאַמף!

דיין ש ל מ ה.

☆ ☆ ☆

טייערער מאיר, 1.8.44

איך זיץ אין דער אָקאָפּע, גרייט יעדער מינוט אויפן באַפעל פון קאָמאַנדיר צו עפענען אַ הוראַגאַן־פייער אויף יענער זייט ווייסל און דערלאַנגען די פאַרשאָלטענע דייטשן די צוגעגרייטע „מתנות". דערווייל פליען איבער מיין קאָפּ שראַפּנעלן פון אונ־דזער אַרטילעריע, וועלכע שטייט עטוואָס הינטער אונדז. דער אייגנאַרטיקער פייף פון די פליענדיקע שראַפּנעלן און די אָפּ־קלאַנגען פון די אויפרייסן און עכאָס פון יענער זייט, שאַפן דעם פאָרשפּיל צו די געשעענישן אויף דעם פראָנט.

פאַר די לעצטע דריי טעג האָט מיין קאָמפּאַניע ניט איין מאָל געשאָסן צו די דייטשן. איך קאָן דיר ניט באַשרייבן וואָס איך פיל ביי יעדן שאָס וואָס טרעפט אין ציל: פאַר מיידאַנעק, פאַר די לעצטע רציחות אויפן לובלינער „זאַמעק"! פאַר די יידן! אויך מיין חבר מישאַ שרייט נאָך יעדן שאָס אויף דייטש: „איך בין יודע! פיר די פּאָלען! פיר די יודען!" ער שרייט און טאַנצט אונטער פאַר פרייד ווי אַ קליין קינד.

מיר דאַרפן פאַרסירן די ווייסל. אַ שווערע מערכה, נאָר יעדן איז גרינג אויף דער נשמה. דאָס איז דאָך אונדזער געליבטע ווייסל, זי וועט ניט וועלן אונדזערע קרבנות. זי וועט אונדז אויף אירע לייכטע כוואַליעס אַריבערטראָגן אויף יענער זייט, כדי ווייטער שלאָגן און יאָגן דעם שוואַב. ניין, די ווייסל קאָן ניט זיין קיין דאַמבע און שוץ פאַר די פריצן. די ווייסל, געהייליקט מיטן בלוט פון די בעסטע זין פון לאַנד, וועלכע זענען בעסטיאַליש דערמאָרדעט געוואָרן דורכן אָקופּאַנט־אונטערדריקער — קאָן אונדז נאָר העלפן אין דעם קאַמף. דעריבער זענען מיר רואיק, גרייטנדיק זיך צו דער פאָרסירונג. אויב אַפילו עס וועלן זיין נייטיק קרבנות (ווייל עס זענען נישטאָ קיין שלאַכטן אָן קרבנות), איז יעדער אויף דעם גרייט. דרייסט צום קאַמף, אויף מערב!

איך בין שוין ווי אַן אַלטער פראָנטאָוויק. לויטן פייף פון די מינעס, שראַפּנעלן און באָמבעס, ווייס איך אין וועלכער ריכטונג זיי פליען און ווו זיי דאַרפן פאַלן. דער אומבאַשרייבלעכער גערויש פון די שאָסן שרעקט מיך שוין נישט. איך זיץ איצט אין דער אָקאָפּע און שרייב דעם בריוו, ביים אַקאָמפּאַניאַמענט פון האַרמאַטן, מערזערס און שווער מאַשין־געווער. איך זיץ אין דער אָקאָפּע און רייד זיך איין, אַז איך זיץ אויף אַ זיכערן אָרט, הגם כ׳גיב זיך אָפּ אַ רעכענונג, אַז אַ טרעפלעכער שראַפּנעל קאָן מיך צעקוועטשן, אָדער ווינציקסטנס — שווער פאַרוווּנדן. עס ליגט שוין אַזוי אין דער טבע פון מענטש איינצורעדן זיך אויף אַ נאַרישן אופן, אַז כלומרשט אים וועט גאָרניט געשען; אַז ס׳איז אוממעגלעך דאָס זיינע שטרעבונגען, אַספּיראַציעס און פּלענער צו לעבן נאָכן קריג — זאָלן מיט איין מאָל באַגראָבן ווערן דורך עפּעס אַזאַ זאַך וואָס הייסט באָמבע. ניט שטענדיק ריכטעט זיך דער מענטש מיטן קאַלטן פאַרשטאַנד און לאָגיק. דער פראָנטאָוויק ריכטעט זיך מיטן פאָרגעפיל און אינטואיציע...

2.8.44

איצט איז שטיל. נאָך דער קאַנאָנאַדע אַ גאַנצע נאַכט, נאָך

די בליץ־אויפרייסן פון אַלע זייטן, וועלכע זענען גענוג געווען פאַרן אויג און אויער, נאָך דעם שטאַרקן הוראַגאַן־פייער — כאַפּסטו איבער דעם אָטעם, דערמאָנסט זיך, אַז מען דאַרף עפּעס אָפּעסן, זיך אַרומוואַשן, אָפּטרייסלען פונעם זאַמד און שלאָפן. אַך, אַזוי גוט זיך אויסשלאָפן אַ ביסל — וואָלט געווען דאָס בעסטע געווינס. אויפן פראָנט אָבער איז דאָס אַלץ אויפן צווייטן פּלאַן. צומערשט מוז מען רייניקן און צוגרייטן דאָס געווער צו די ווייטערדיקע שלאַכטן, ברענגען קוילן און שראַפּנעלן, פאַרריכטן די פאַרמאַסקירטע אָקאָפּע און ערשט דערנאָך עסן און שלאָפן. אָבער דאָס איז ניט תמיד אָנגעגרייט, צו דער ערשטער פראָנט־ליניע קאָן מען ניט שטענדיק צופירן עסן, מוז מען זיך אַן עצה געבן מיט די פאַראַנענע זאַפּאַסן. איצט איז זומער, אויפן פעלד וואַקסן קאַרטאָפל, די פּויערים זענען נישטאָ — קאָן מען זיך דערנערן מיט דעם וואָס וואַקסט. אויך וויינשלען און די יאַגדעס אין וואַלד זענען זייער נאַרהאַפטיק. אַז די קיך וועט קומען צו פאָרן, וועט שוין זיין צו פיל עסן און ברויט, אַזוי, אַז מען נעמט ניט אַפילו די גאַנצע פּאָרציע. מיר לעבן מיטן טאָג, מיט דער מינוט...

טייערער מאיר,

נעכטן דערהאַלטן דיין קאַרטל אין יידיש, געשריבן דעם 5.7. נעם זיך ניט איבער דערמיט, וואָס דער קאָלכאָז גיט ניט אָפּ דאָס וואָס מיר קומט און אַז מיין פעקל האָט זיך אומגעקערט צום אַרויסשיקער. מיך אַרט עס ניט. איך ווייס ניט וואָס דיר איז איינגעפאַלן צו שיקן מיר 150 רובל, ווי דו שרייבסט. ס'איז מיר לגמרי אומנייטיק! איך בעט דיך ניט שיקן מיר קיין שום געלט.

באַדאַנק ניימאַנען און זיין שוועסטער פאַרן קאַרטל, לאָז זיי אויך גרוסן.

איך בעט דיך נאָר, זאָלסט אָפּט שרייבן און מערער. פון מיין פריערדיקן בריוו ווייסטו שוין אַוודאי, אַז כ'בין געווען אין אונדזער שטאָט און אַז פון אונדזערע איז קיינער נישטאָ.

געבליבן אַ מאַן פופצן. אַז מיין געמיט וועט זיין רואיקער, וועל איך דיר באַשרייבן וואָס כ׳האָב געזען און געהערט פון די לעבן־געבליבענע יידן. דאָס איז זייער אינטערעסאַנט און באַ־לערנדיק. כ׳וועל דיר אויך באַשרייבן דעם טרויעריק־באַרימטן לאַגער מיידאַנעק, וועלכער האָט זיך געפונען אַנטקעגן דער עראָפּלאַנען־פאַבריק פון פלאגע־לאשקעוויטש, הינטער דער באַן־סטאַציע, און דעם צווייטן לאַגער לעבן פולאַוו. גרוסן פאַר אַלע באַקאַנטע. זיי געזונט!

דיין ש ל מ ה.

☆ ☆ ☆

ליבער ראָמעק,

דיין קאַרטל פון 25.6 דערהאַלטן, פאַר וועלכן איך בין דיר זייער דאַנקבאַר. דיין פאָרוווּרף אַז כ׳האָב דיך שנעל פאַר־געסן — איז אַן אומפאַרדינטער. אין מיינע בריוו צו מאירן שיק איך דיר אָפּטע גרוסן, דאָס זעלבע אויך — דיין שוועסטער. פאַרשטייסט דאָס אַליין, אַז איך קאָן ניט שרייבן יעדערן באַ־זונדער מיינע איינדרוקן, שטימונגען, רעפלעקסן. כ׳גלויב, אַז איר אַלע לייענט מיינע בריוו. כ׳וויל זיך טיילן און אויסריידן פאַר אַלע מיינע פריינד, אַפילו פאַר גאַליציאַנער — קאַלטע, אַ ביסל באַגרענעצטע ציניקער, אָבער גלייכצייטיק ניט קיין נאַרישע. באַליידיק זיך נישט. דאָס איז שוין מיין אַלטע טבע אַ שטאָך טאָן, ווער עס פאַרדינט זיך דערויף.

ווי אַזוי איך פיל זיך אָן אַ פערדל? איך פיל זיך גוט, מיט וואָס איך זאָל זיך ניט פאַרנעמען. היינט האָב איך ליב מיין מינען־וואַרפער און די ביקס. איצט האָב איך איין באַגער: מיינע קוילן און מינעס זאָלן שטענדיק טרעפן אין ציל, אין די היטלעריסטישע באַנדיטן, אין זייערע אָקאָפּעס און שוץ־פונק־טן. היינט האָב איך איין פאַרלאַנג: נקמה! און איך ווינטש זיך דערלעבן צו קוויקן מיין האַרץ מיט דער זיסקייט פון דער

דערגרייכטער נקמה. אָבער ווער ווייסט? איך בין אויף דער פייער־ליניע שוין דעם זיבעטן טאָג, שטענדיק אונטער אַ האָגל קוילן, מינעס שראַפּנעלן און באָמבעס. יעדער איינער וויל לעבן, און נאָך שטאַרקער איז דער באַגער צו בלייבן לעבן — ביי אַ יידן. אַזוי ווייניק, אַזוי נישטיק־ווייניק יידן זענען געבליבן, אַז צו להכעיס אַלע פרעמדע און אייגענע שונאים, ווילט זיך לעבן. אָבער איך ציטער נישט אויפן פראָנט. אין ערשטן טאָג האָט מיך אָנגערעגט דער אומבאַשרייבלעכער גערויש פון דער האַרמאַטן־קנאַלעריי און אויך אַ ביסל צעמישט־צעשראָקן. איך האָב אָבער באַלד זיך באַהערשט, אַפילו געוואָרן פריילעך און וויציק. עס גייט ניט וועגן באַמיען זיך אַרויס צו ווייזן העלדישקייט. עס גייט אין דערפילן אַן אינערלעכן דראַנג, וועלכער לאָזט דיך ניט רוען. כ׳פיל, אַז כל־זמן כ׳וועל ניט בידים דערשיסן אַ ביסל דייטשן און אַנדערע באַנדיטן, וועל איך נישט צוריק באַקומען קיין גלייכגעוויכט אין לעבן. פאַר דיר איז אַ ביסל פרעמד מיין געפיל־קאָמפּלעקס. דו ביסט אין ציוויל. צווייטנס, ביסטו ווייט פון דיין היימאָרט און די גרויליקעווירקלעכקייט איז דיר ניט באַקאַנט. יעדער רעדט זיך איין, אַז אַלע אַנדערע יידן זע־נען אויסגעקוילעט געוואָרן, נאָר מיינע אייגענע, קאָן זיין, לעבן. ס׳איז שרעקלעך — אָבער אמת: אין יעדן אַמאָליקן גרויסן 40—50 טויזנט קעפּיקן יידישן ישוב, זענען געבליבן נאָר גע־ציילטע אויף די פינגער — און דאָס אויך נישט פון אונדזער סביבה.

איך בין געווען אין כעלם און אין לובלין, אין גרעסערע און קלענערע שטעט און שטעטלעך — אומעטום דאָס זעלבע. נאָר איך האָב זיך צוגעוווינט צום דאָזיקן פאַקט און דאָס לעבן, ד. ה. די שלאַכט — גייט זיך ווייטער. ס׳וועט קאָסטן מיין קאָפּ? וועט אויך נישט זיין קיין לאָך אין הימל.

אָבער זאָל זיין גענוג וועגן דעם. ס׳איז מיר נישט איבעריק אָנגענעם צו שרייבן אויף דער טעמע, ס׳קאָסט געזונט. איך גלויב, אַז אייך איז עס אָנגענעם צו לייענען. גלייכער, אַז מע פאַרגעסט דערין. דו ביסט גערעכט. האָסט זיך אַ ביסל פאַר־

בענקט נאָך אַננע זעשפּקאָוויטש — זוכט מען זי אויף און מען פאַרברענגט אָנגענעם די צייט.

אויב דו האָסט איר אַדרעס און שרייבסט זיך דורך מיט איר, ביטע זי האַרציק גרוסן אין מיין נאָמען. אַ קוש, גאַלי־ציאַנער, וויל איך דיר ניט אָנפאַרטרויען.

איצט בין איך מיד. ס׳איז היינט אַ פויזע־טאָג אויפן שלאַכט־פעלד. מען דאַרף זיך אויסרוען. שלאָפן און אויסשלאָפן פאַר דער גאַנצער צייט. זיי געזונט, שרייב. גרוס דיין שוועס־טער און גיב איבער די פאַסקודניאַקעס פרידמאַן און פינ־קערט, אַז זיי זאָלן אַ מאָל אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער. איך האָב נישט זייער אַדרעס.

5.8.44 ש. מיטעלמאַן.

ראָמעק! ביטע איבערגעבן דעם גאַנצן בריוו מאירן.

ליבער מאיר,

דיין קארטל געשריבן אויף דער טשימקענטער פּאָסט, נאָר אָן אַ דאַטע, דערהאַלטן.

איך וועל דיר מאָרגן שרייבן. היינט בין איך זייער מיד. איך מוז זיך אויסרוען און גרייטן צו פּאָרסירן די ווייסל. שלמה שיינבערגס דירה איז צעשטערט, דאָס זעלבע — —טאַרטשיצעס הויז. קיינער פון זיי איז נישט געבליבן. ביי מיר דערווייל — קיין באַזונדערע נייעס.

גרוס אַלע מיינע פריינד און שרייב. זעסט דאָך, איך בלייב ניט הינטערשטעליק מיטן שרייבן. שרייב גרעסערע בריוו. בלייב געזונט.

דיין שלמה.

☆ ☆ ☆

ליבער מאיר, 5.8.44

מיין אָפּטיילונג איז היינט אַרויס געצויגן געוואָרן פון דער פאָדערשטער פייער־ליניע אויף אַ קורצן אָפּרו. ס׳איז צו־

געגרייט געוואָרן אַ פעלד־באָד. האָבן מיר זיך גוט אַרומגעוואַשן, אָפּגעפרישט, דעזינפעקצירט די מלבושים, נאָרמאַל געגעסן און זיך אויסגעשלאָפן פאַר אַלע צייטן — אפשר גאַנצע 8 שעה! אָפּגערוט זיך און ווידער גרייט צו דער שלאַכט מיט פרישע כוחות. מיר וואַרטן אויף אַ באַפעל. דאָס הייסט נישט, אַז דאָ, אויפן אָפּרו, איז אין גאַנצן שטיל. אונדזער אַרטילעריע געפינט זיך נאָך אַלץ הינטער אונדז און שיסט איבער אונדזערע קעפּ צום שונא, אויף דער צווייטער זייט ווייסל. אָבער שטאַרק באַ־דראָט זענען מיר נישט. חברה האָט זיך אַ לאָז געטון אין די פּו־לאַווער סעדער און געמאַכט אַ שחיטה אין די פרוכטן אויף וועלכע מ'האָט זיך אָנגעטראָפן: וויינשל, אַגרעסט, וויינפּער־לעך, עפּל, באַרנעס. מען קאָכט קאַרטאָפל אויף דעסער — אַז עס גייט אַ לעבן. „מאָרגן קאָן איך ליגן מיטן פּופּיק קאַפּויער — זאָגט צו מיר פריילעך־לאַכנדיק מיין חבר באָריס. — היינט אָבער דאַרף מען עסן און הנאה האָבן פונעם עסן...״ ער איז אפשר גערעכט.

איך רו זיך אויס. אָבער נאָך מער רוט זיך אויס מיין גע־מיט. צופיל צעשטרייט און אָנגעשטרענגט געווען אין די לעצטע 6—7 שלאַכט־טעג. דאָס אומאויפהערלעכע פייפן פון די ביקסן און מאַשין־געווערס, דאָס ברומען פון די שווערע האַרמאַטן און דאָס דונערן פון די באָמבעס־אויפרייסן, באַגלייט מיט די פייער־בליצן — דענערווירן און שטרענגען אָן אַלע דיינע חושים. דערצו נאָך ביסטו אַן אַקטיווער מיטבאַטייליקטער אין דעם פייער־געראַנגל. איז טאַקע גוט וואָס מען האָט אַמאָל אַן אָפּרו־פּויזע.

איצט איז גראָד אַ מינוט פון שטילקייט. פּאַרנאַכט. זון־אונטערגאַנג אין אַזאַ פּרעכטיקער געגנט. אומעטום גרין. סעדער פול־אָנגעלאָדענע מיט פרוכטן. אַלץ שמעקט מיט פרישקייט, שפעדיקייט, זאַפטיקייט. זיצסט אַזוי און פאַרגעסט אַ ווײַלע אין דיינע זעלנערישע מלבושים און אין דער מלחמה. שיין איז די וועלט, אָנגענעם דאָס לעבן. די קיניגין־נאַטור טיילט אַלע מענטשן אירע מתנות. נאָר אַ פריש האַרמאַטן־קנאַלעריי רייסט

דיך אַרויס פון די דאָזיקע מחשבות, פאַרשעמסט זיך אַליין פאַר אַזעלכע קינדערישע סענטימענטן. היינט איז קריג. אויף דער גאַנצער וועלט איז קריג. אייזן, בעטאָן און שטאָל ווערט צע־ריבן, פייער פאַרלענדט אַלץ אויף די וועגן, עס דוכט זיך, ווי די גאַנצע מענטשהייט וואָלט געווען איינגעהילט איינעם גראָ־גרינעם זעלנער־מונדיר. איז טאַקע אַ בושה צו זיין ווייבעריש־סענטימענטאַל. אויב „סענטימענט" קאָן האָבן אַן אָרט אין היינטיקן מלחמה־לעקסיקאָן — איז עס נוגע אַ צאַרטן געפיל־צושטאַנד פאַר שטילע, באַשיידענע העלדן־קעמפער, וואָס זייער צאָל איז גאָר גרויס, באַזונדערס אין דער רויטער אַרמיי. און יעדעס מאָל ווען איך רייד אַרויס די ווערטער „רויטע אַרמיי", טו איך עס מיט אַזאַ יראת־הכבוד, דרך־ארץ און מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט און סענטימענט — וואָס איך וויל דיר אויך איצט אונטערשטרייכן.

עס ווערט שוין פינצטערלעך. די זון איז שוין לאַנג פאַר־גאַנגען. אַ גוטע נאַכט, בלייב געזונט. שרייב און גרוס אַלע.

דיין שלמה.

ליבער מאיר! דיין קאַרטל געשריבן אויף דער טשימקענ־טער פאָסט, אָן אַ דאַטע, נעכטן דערהאַלטן. כ׳האָב דיר נעכטן געשיקט 2 בריוו. כ׳בין נייגעריק צו וויסן צי זיי אינטערעסירן דיך. איך שרייב זיי בוכשטעבלעך אויף דער קני, אויף שנעל, אָן פאַרבעסערן זיי. איך אַליין לייען זיי נישט. איך פאַרנאָטיר נאָר אַ טייל, אַ גאָר קליינעם טייל פון מיינע איינדרוקן, אָב־סערוואַציעס, שטימונגען און רעפלעקסן. קאָן זיין, אַז אין די בריוו געפינען זיך אַ היפּש ביסל אָנגעפּאַטשקעטע נאַרישקייטן, טאָ זיי מיר מוחל.

דערהאַלטסטו בריוו פון דודן, לערערן און אַנדערע פריינד? דיינע 150 רובל דערהאַלטן. איך דאַנק דיר נישט, ווייל ס׳איז אַן אומגעבעטענע און פאַר מיר אומנוצלעכע טובה. געלט האָב איך און ניטאָ מיט דעם וואָס צו טאָן. פאַרן געדענקען אין מיר — אַ האַרציקן דאַנק.

דיינע באַמערקונגען וועגן דעם, אַז מערעזשינס פאַרנעמען זיך מיט אונדזערע ענינים מאַכט אוממעגלעך דיין פאַראינטע־רעסירונג — איז נישט באַגרינדעט. דו פאַרגעסט, אַז ביסט אַ פוילישער בירגער און קאָנסט פראַנק און פריי זיך אַרויסזאָגן וועגן אַלעמען וואָס דיך אינטערעסירט, אָדער אָנשרייבן אין ז.פ.פ.

איך האָב עפּעס אָנגעהויבן צו טאָן, נאָר מיטן אַרויסמאַרש אויפן פראָנט — איז אַלץ געוואָרן אויס. מיינע בעסטע ווונטשן. נעכטן געשיקט ראָמעקן אַ בריוו. זיי ביי אים. גרוס אַלע.

ש ל מ ה.

☆ ☆ ☆

טייערער מאיר, 7.8.44

איך שרייב דיר ווידער בעת אַן אָפּרו אין מאַרש. מיר זע־נען געווען אין שלאַכטן אויפן פראָנט, גאַנצע 7 טעג. מיר האָבן זיך באַמיט, אַז אונדזער פייער צו די דייטשן זאָל זיין שטאַרק און טרעפן. כ׳בין אָן אויפהער געווען אונטערן פייער. אין גייסט האָב איך זיך שוין גערעכנט צווישן די געפאַלענע ברידער מיינע. ווייזט אויס, אַז מיר האָבן געהאַט מזל, ווייל אונדזער גאַנצע קאָמפּאַניע, אויסער איין לייכט־פאַרווונדעטן פון אַ מינע־שפּליטער, איז בשלום אַרויס פון די קאַמפן. גראַנאַטן און מי־נעס האָבן אויפגעריסן ביי אונדזערע פּאָזיציעס. אונדזערע בחורים האָבן זיך אויסגעלערנט שלאָגן. דעריבער פאַרגראָבן זיי זיך גוט — און דאָס איז דאָס גאַנצע גליק.

9.8.44

כ׳האָב ניט פאַרענדיקט דעם בריוו, ווייל ס׳איז געקומען אַ באַפעל צו מאַרשירן ווייטער. דער מאַרש איז פאַר מיר זייער שווער, ווייל כ׳בין זייער אָפּגעשוואַכט צוליב די אָפטע אַטאַקעס פון מאַלאַריע און אויסער דעם טראָג איך עטוואָס

צו גרויסע שיך און כ׳האָב זיך דערפֿאַר אָפּגעריבן די פּיס. 35—30 קילאָמעטער אַ טאָג איז פֿאַר מיינע יאָרן און געזונט אַ ביסל צו פיל. פון דעסטוועגן גיי איך און שטיי נית אָפּ. מיר גייען דאָך אויף מערב, דורך אונדזערע דערפער, שטעטלעך און שטעט. אַמאָל האָב איך געהאַט אין די מקומות גוטע פריינד און באַקאַנטע, היינט דאַרף מען זיי זוכן אין די מאַסן־גריבער. זייערע הייזער און היימען זענען פֿאַרקלאַפּט מיט ברעטער. יאָסל לערמאַן און זיינע ברידער לעבן נישט. דאָס זעלבע דיין משפּחה אין קאָנסקעוואָליע. טאַרטשיצס ברודער לעבט אויך ניט. איבעריקנס, ס׳איז ניט נייטיק אויסצורעכענען ווער עס לעבט נישט. ס׳וואָלט געווען אַ נאַרישע אילוזיע זיך איינצורעדן, אַז ווער פון אונדזעריקע לעבט.

טייערער מאיר! עפּעס קאָן איך איצט ניט שרייבן מיינע אינטערעסאַנטע איינדרוקן פון מאַרש. כ׳בין אויף דעם צו מיד און ניט אויסגעשלאָפן, כ׳בין ניט פעיק צונויפנעמען די גע־דאַנקען. איך זאָג דיר צו ביי דער ערשטער געלעגנהייט מערער צו שרייבן. איך ענדיק, געזעגן דיך, זיי געזונט.

ש ל מ ה

☆ ☆ ☆

11.8.44

ליבער מאיר,

מיר איז אויסגעקומען, אין מיין צוריקוועג פון טיפן ראַטנפאַרבאַנד ביז דער ווייסל, צו קענען לערנען דעם כאַראַק־טער פון פעלקער, מענטשן, סביבה און געגנטן. איך וויל דאָ אין דעם בריוו פאַרפיקסירן מיינע באַשיידענע איינדרוקן.

נאָך דעם ווי מען האָט אונדז, די פוילישע מיליטער־פאָרמאַציעס, אַרויסגעפירט פון די קאָשאַרן אין דיוואָוואָ, האָט מען נאָך אַ פּאָר טעג באַן־רייזע, אונדז באַזעצט אין די דערפ־לעך אַרום סמאָלענסק. מען האָט אונדז איינגעטיילט צו 4—5 זעלנער אין יעדער פויערישער שטוב און מיר האָבן ביי זיי

געוווּינט. די אָרטיקע פּויערים האָבן אונדז אויפגענומען מיט אַזאַ מוטערלעכער גאַסטפריינטלעכקייט, וואָס מען קאָן נאָר טרעפן אין רוסלאַנד. חוץ אונדזער עסן פון זעלנער־קעסל, האָבן די פּויערטעס פאַר אונדז געבאַקן און געקאָכט פון בעסטן וואָס זיי האָבן נאָר פאַרמאָגט. נישט געווען קיין איין פאַל, אַז די פּויערישע משפּחה זאָל זיך זעצן צום טיש עסן און ניט צווינגען מיטצוהאַלטן. מ'האָט אונדז באַהאַנדלט ווי אייגענע קינדער, „געטריבן" פאַר אונדז בראָנפן, געוואַשן אונ־דזער שמוציקע וועש, געצוואָגן אונדז און געזאָרגט, אַז מיר זאָלן זיין זאַט, פאַפּראַווען זיך און האָבן אַ גוט געלעגער. קיינער האָט זיי דערצו ניט געצוווּנגען, נאָר מיטן אייגענעם גוטן ווילן און כאַראַקטער, האָבן זיי ניט נאָר געטיילט זיך מיט אַלעם, נאָר אַפילו זיך באַמיט. ווען למשל, אַ בעל־הביתטע האָט ניט געהאַט קיין פעטקייטן אָדער קרויט, איז זי אַוועק זיך לייען דאָס, אָדער קויפן — אַבי מיר זאָלן האָבן אַלץ און גענוג. איבער דער צייט (אַ 2 חדשים) האָבן זיי, אַזוי צו זאָגן, געלעבט פאַר אונדז און געפרייט זיך, אַז מיר זענען צופרידן.

ווידער האָט מען אונדז איבערגעפירט הינטער בערדי־טשעוו, זשיטאָמירער קרייז און אונדז איינגעאָרדנט אין פּויע־רישע כאַטעס. דאָ האָט אונדז די אָרטיקע אוקראַינישע דאָר־פישע באַפעלקערונג אויפגענומען מיט נאָך מער גאַסטפריינט־לעכקייט. מיר האָבן געלעבט בעסער ווי ביי זיך אין דער היים. אויפגעשטאַנען אין דער פרי פון שלאָף — און דער טיש איז שוין געגרייט מיט פרישע אָפּגעקאָכטע עסן, אָנגעגרייט וואַסער צום אַרומוואַשן זיך. אין פאַרלויף פון די עטלעכע מינוט וואָס מיר זענען אַרויס אין דרויסן זיך אַרומוואַשן, האָט מען אויף שנעל אויפגערוימט די שטוב — און לעבעדיק, חברה, געזעצט זיך צום טיש און — גענומען זיך צו דער אכילה. דאָרט האָבן מיר קיינמאָל נישט אויפגעגעסן אונדזער זעלנערישע ברויט־פּאָרציע. מיט אונדזער ברויט האָט מען געפּאַשעט זייערע חזירים און שאָף.

לויט אונדזער באַגריף פון אַמאָל, האָבן זיי געלעבט אָרעם, זייער אָרעם. נישט קיין מעבל, אַפילו ניט פאַראַן ביי זיי קיין בעטן. אַלץ שלאָפט דאָרט אויפן פּיעקאַליק. פאַר אונדז האָט מען זיך באַמיט איינצואָרדענען גוטע געלעגערס. האָסטו געוואָלט זיך דורכוואַרעמען — איז אַרויף אויפן פּיע־קאַליק לעבן דער בעל־הביתטע, אָדער אירע טעכטער. ס׳איז איין משפּחה. יעדן צווייטן אָוונט האָבן מיר איינגעאָרדנט טאַנץ־אָוונטן („וויעטשערינקעס״) אין אַן אַנדערער כאַטע און — געטאַנצט זאָל ווערן! די מאַמעס מיט די טעכטער גייען געאָרעמט מיט די זעלנער, אויפגעהייטערט פון אַ שפּאָר ביסל סאַמאָגאָן־משקה — און מען מאַכט אַ לעבן. זיי האָבן זיך נישט געזאָרגט וואָס מיר עסן אויף זייער קאַרטאָפל־זאַפּאַס, אָדער תבואה. „נישקשה, מיר וועלן פון הונגער ניט שטאַרבן״ — פלעגן זיי זאָגן. — „דער דיאַדיאַ סטאַלין וועט געבן!״. פאַרמאָגט מען אייגנס אַ יובקע און אַ בלוזקע, ווער שמועסט נאָך אַ קאָפּטיכל — גענוג! זיי פעלט די נאַרישע זאָרג פון שפּאָרן, איינקויפן זיך מער שמאַטעס־קליידער, אָנגרייטן זיך אויף אַ „שוואַרצער שעה״. מען לעבן מיטן היינט און מען פרייט זיך, אַז מען קאָן זיך נאָך היינט פרייען, לאַכן, שטיפן, זינגען און טאַנצן. זיי האָבן פיינט דאָס זאָרגן זיך, דעם אומעט און ליידן ניט קיין פאַרצערטע, האַמעטנע און שווערע מענטשן. האָבן מיר צוזאַמען מיט זיי זיך געפרייט און געטאַנצט, גע־לאַכט און געזונגען, געשטיפט און זיך געליבט.

אוקראַינע, ראַטן־אוקראַינע, מיט אירע אָפענע טירן פאַר יעדן און געדעקטע טישן פאַר יעדן; מיט איר געלעכטער און פרייד פאַר יעדן; מיט איר געזאַנג און טענץ פאַר יעדן — זאָלן מיר לעבן! די מלחמה האָט אַרויסגעריסן פון זייערע היימען די טאַטעס מיט די זין, צו דריי־פיר אין יעדער שטוב, מען זעט אָבער ניט קיין טרערן אין דער מאַמעס אויגן, מען הערט ניט קיין קרעכץ. ס׳איז נאַטירלעך — געגאַנגען אין שלאַכט פאַר זיך, פאַר אַלע! נישט וויכטיק צי מ׳איז צופרידן מיטן קאָלכאָז, אָדער נישט. ס׳איז פאָטערלענדישע מלחמה — דאַרף

מע גיין אין שלאַכט! די מאַמע האָט באַקומען אַ טויט־מיטיי־לונג, אַז איר זון איז געפאַלן אין שלאַכט. האָט זי זיך איבער־געצלמט, אויסגעוויינט און — געגוג! דער פּראָנט פאַרלענגט, קרבנות זענען נייטיק — פאַרשטייט די מאַמע. און זי בעט גאָט, אַז כאָטש איינער זאָל קומען צוריק...

די ראַטנמאַכט האָט די דאָזיקע גראָע פּויערישע מאַסע איבערגעקנאָטן, איבערדערצויגן, די פרוי איז געוואָרן די פּי־רערין און אויספירערין פון אַלע אַרבעטן. נישט פאַראַן פאַר זיי קיין שווערע אַרבעט. אַלץ מוז מען טאָן און מ׳איז צופרידן.

מען האָט אונדז ווייטער איבערגעפירט אויף מערב־אוקראַינע. ווידער באַזעצט אין פּויערישע כאַטעס. אָבער וואָס פאַראַ מענטשן זענען דאָס? קיין לעפל וואַרעם וואַסער שענקט מען נישט. די קאַסטנס זענען פול, אָנגעשטאָפּט מיט וועש און מלבושים, ניט קיין פּויערישע זאַכן — נאָר אַלץ באַגראָבן אין דער ערד. זאַפּאַסן תבואה אויף 3—4 יאָר, פון אייגענער, אָבער נאָך מער — פון פרעמדער פּראַצע. אין שטוב געפינט זיך פון אַלעם גוטן: מאָדערן קיך־געשיר, אַ פּאַטעפאָן, אַ ראָ־ווער, אַ ניימאַשין, אַ כמעט נייע שאַנק, אַ טיש מיט אָנלען־שטולן. דאָס אַלץ האָבן זיי אַמאָל ניט געהאַט. עס שמעקט מיט יידיש שווייס און בלוט! אָבער וואָס פאַראַ באַציאונג צו אונדז, פּוילישע זעלנער? אַפילו קיין טאָפּ אָפּצוקאָכן קאַר־טאָפל באָרגט מען אונדז ניט גערן. „פון צופיל קאָכן ווערט פאַרברענט די דעק, איז אַ שאָד" — דערקלערט די בעל־הביתטע. צו 2—3 קי, חזרים, פערד, יעדער בעל־הבית פאַר־מאָגט כמעט אַ פולן הויף הינער. מילך — ביטע זייער, עס קאָסט אַזוי פיל און אַזוי פיל. אָדער ברענג אַ שטיקל זייף, צוקער — וועט מען דיר פאַרקויפן. מיט מיינס קאָן איך טאָן ווי מיר געפעלט און נעמען דערפאַר וויפל איך וויל. וואָס שייך די זעלנער, פּוילישע זעלנער — אויב כ׳קאָן פון זיי עפּעס האָבן, געניסן, זענען זיי אַ טייל פון מיינעם. אויב ניט — אינטע־רעסירט מיך ניט.

ס׳איז אַן אַנדערע וועלט פון מיינס און דיינס, דערצו

נאָך פאַרווילדעט פונעם אָפּלערנען זיך פון דער דייטשער חיהשקייט. מען לערנט זיך אָפּ, שלעכטס לערנט מען זיך שנעל אויס. מלחמה? אויך פון דעם מוז מען געניסן. יידן־שחיטה? דאַרף מען אוודאי געניסן. יידן האָבן געהאַט אַ לייטישע בעל־הבתישקייט — טאָ ווער זאָל דאָס ירשנען, אויב ניט מיר, די שכנים?! פון אַוועקשענקען עמעצן, זיין גאַסט־פריינדלעך צו וועמען — קומט אָפּ, עס ווערט ווייניקער, טאָ זה לא! פון צופיל קאָכן אין טאָפּ די קאַרטאָפל, ווערט פאַר־ברענט די דנאָ. און מיר דאָ זענען מענטשן וואָס לעבן נישט נאָר מיטן היינט, מען דאַרף זאָרגן פאַרן מאָרגן. דאָס איז מיינס — און איך בין דער בעל־הבית...

אַ פּאָר שטריכן, פּאַקטן. געזען ניט בלויז דורך מיינע אויגן־ברילן. אַלע אונדזערע וועלכע האָבן אַדורכגעמאַכט די


Niemcy wyrżnęli tu jak i wszędzie wszystkich żydów
nawet dzieci. Tylko ci którzy się ewakuowali zostali
się przy życiu. Teraz wszyscy ewakuowani mają moż-
ność przybyć z powrotem. Przybyli pracują
intensywnie przy odbudowie swoich chat. —
Czem dalej więcej chłopcy się weselą i śpiewają.
Opowiadają sobie różne wice i kawały:
tłuste pieprzone niecenzuralne wice
żołnierskie. — Co do mnie — to i radując
się że jedziemy do naszych stron i
lękam się spotkać się ze straszną
dla nas rzeczywistością, że nikt
z naszych bliskich, kochanych
nie został żyw. Serce moje
zaczyna często silnie bić
że mało brakuje do ata-
ku sercowego. Ta świa-
domość zabija mnie.
Na dziś dosyć.
Napiszę Ci
dalej moje
wrażenia.

באמת שווערע רוסישע דערציאונגס־שול — האָבן דאָס געזען, געפילט. און זיי, ווי מיר, ווייטיקט דאָס האַרץ: אָט דאָס דאַרפן זיין אונדזערע מענטשן?! רוסישע, אוקראַינישע און פוילישע מענטשן — צוויי וועלטן! ביי איינע איז פּאַראַן אַ פּאָפּולער וואָרט: נעם, ס׳איז ניט קיין שאָד! („ניע זשאַלקאָ״), ביי די צווייטע איז פּאַראַן אַ הייליקטום: מיינס!

געבענטש זאָלן זיין די רוסישע בירגער — האַרציקע, אי־בערדערצויגענע, ליידנדיקע מענטשן! און אונדזערע פּאָ־ליאַקן — ווער ווייסט, צי ס׳וועלן לייכט אָנקומען די פּרווון זיי איבערדערציען מיט האַלבע מיטלען?

דערווייל גענוג. כ׳אייל זיך. מיר גייען ווייטער. ביי אַ נאָענטער געלעגנהייט וועל איך ווידער שרייבן. בלייב געזונט. מיינע בריוו באַהאַלט. פּאַרלאָרן מיין נאָטיץ־ביכל.

ש. מיטעלמאַן.

☆ ☆ ☆

ליבער מאיר! 12.8.44

מיר רוען ווידער נאָך אַ טאָגיקן מאַרש. איבערגעשלאָפן זיך, ווי מען קאָן שלאָפן אויפן פראָנט. איין אויג צוגעמאַכט, דאָס צווייטע — אָפן. יעדע מינוט קאָן מען זיך ריכטן אויף אַ לופט־אַטאַקע. זענען שטענדיק גרייט אויף שנעל אויסגעגראָ־בענע שוץ־גריבער. קוים אַ לופט־אָנגריף — אַריין אין די גריבער. דאָס טוט מען ניט ווען עס באַווייזן זיך דעם שונאס שטאָלענע פייגל, אָדער ווען מען הערט דאָס זשומען און רוישן פון עראָפּלאַנען. ניין! דאָ פליען זיי אומאויפהערלעך. אונ־דזערע און דייטשישע. דאָ איז ניט שטיל. די לופט איז פול מיטן רויש פון די מאַשינען און געפייפעריי פון די מינעס און טרעסקעריי פון די שראַפּנעלן־אויפרייסן. דאָס טוט מען נאָר דעמאָלט, ווען דייטשע עראָפּלאַנען אַטאַקירן דירעקט אונ־דזער אָפּטיילונג מיט באָמבעס, אָדער לאָזן זיך אַראָפּ אויף

אונדזערע פּאָזיציעס. דאַן, ברודערקע, באַגראָב דעם קאָפּ אין דער ערד און פאַרדעק זיך אַזוי, אַז דער שפּליטער זאָל דיך ניט טרעפן און זיך איינעסן אין דיין קערפּער.

מיר זענען גאָר נאָענט פון דער ווייסל. די רויטע אַרמיי איז שוין לאַנג אויף יענער זייט. אויך אַ היפּש ביסל פּוילישע מיליטער־איינהייטן זענען אַריבער אויף יענעם ברעג ווייסל, אָבער קיין נאָרמאַלער פאַרקער איז נאָך נישטאָ, ווייל דעם שונאס פייער גרייכט נאָך אַלץ אַהער און דער דייטשישער לופט־פלאָט היט און שטערט. אונדזער סאָוויעטישע אַוויאַציע שלאָפט אָבער אויך נישט און אָפט זענען מיר צושויער פון לופט־קאַמפן. ס׳איז באמת אַ וווּנדערלעך־שיינער, נאָר שרעקלעכער שלאַכט־ספּעקטאַקל. די הויפּט־ראָל שפּילן דאָ די לייכטע שנעל־פליענדיקע יעגער־עראָפּלאַנען. ווערט די לופט דורכגע־שטעפּט פון מאַשין־געווער־שאָסן און לייכטע קעגן־פּאַנצער־קוילן פון די קעמפנדיקע עראָפּלאַנען. אַלץ געשעט זייער גע־שווינד, די פליערס אַטאַקירן פון אויבן אַראָפּ, פון אונטן אַרויף, גלייך און פון דער זייט. אַ מינוט, צוויי, דריי — און דער קאַמף איז פאַרענדיקט. די פאַרטנערן פאַרשווינדן פון דער קאַמפּס־אַרענע, אָדער די שלאַכט טראָגט זיך איבער אויף צענדליקער קילאָמעטער ווייטער.

ליבער מאיר,

דו האָסט געוויס געלייענט דעם נייעם דעקרעט וועגן דער מעגלעכקייט פון באַקומען פּוילישע בירגערשאַפט. זאָלסט נישט פאַרשלאָפן און צו דער צייט אָנגעבן אַ געהעריקע ביטע אין אַנטשפּרעכנדיקן אַמט בנוגע בירגערשאַפט. וואָס שייך אונדז, פּוילישע זעלנער, וועלן מיר אויך אָנגעבן אַזעלכע מעלדונגען.

איך פאַרשטיי, אַז דו פיבערסט און וואָלסט געוואָלט שוין זיין אין דיין לובלין. ס׳איז נאַטירלעך! דערווייל איז מיר נישט באַקאַנט ווי עס שטייט די פראַגע פון רעעמיגראַציע אין די באַפרייטע פּוילישע געביטן. כ׳גלויב נישט, אַז דאָס זאָל אַזוי

שנעל געלייזט ווערן. אפשר איז מעגלעך, דורך פּערזענלעכע באַמיאונגען, אָדער צו פאָרן אין שליחות? איך ענדיק. געגוג דאָס שרייבעריי.

איך בעט דיך, אויב מעגלעך, באַהאַלטן ביי זיך און נישט פאַרניכטן מיינע בריוו. כ׳האָב פאַרלאָרן מיין נאָטיץ־ביכל מיט וויכטיקן און אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל. טאָ זאָלן כאָטש בלייבן מיינע וויכטיקסטע בריוו. איך גריס אַלע.

☆ ☆ ☆

ליבער מאיר, 14.8.44

מיר שטייען ביי דער ווייסל און גרייטן זיך צו אַ קאָנצענטרירטן אָנגריף. גרויסע טיילן פון סאָוויעטישן מיליטער, ווי אויך פּוילישע פאָרמאַציעס, געפינען זיך שוין אויף דער צווייטער זייט ווייסל און האָבן זיך דאָרט באַפעסטיקט. די דייטשן אָבער לאָזן זיך ניט לייכט פאַרטרייבן פון דער דורך זיי שטאַרק באַפעסטיקטער ווייסל־ליניע. נישט אומזיסט האָט היטלער אין זיין באַפעל אָנגעוויזן, אַז די ווייסל איז די פאַקטישע פעסטונג־גרענעץ פון דייטשלאַנד. פאַרלירן דעם אָנשפּאַר־פּונקט ביי דער ווייסל, הייסט עפענען אַ וועג קיין דייטשלאַנד. דערפאַר קעמפן די דייטשן פאַרביסן. צענדליקער מאָל זענען דייטשע טאַנקן, געשטיצט פון לופט־פלאָט און אַרטילעריע, אַוועק אין קאָנטראַטאַקעס און מיטן גאַנצן כוח געוואָלט אונדזערע טיילן אַרויסשטויסן פון יענער זייט ווייסל. אָבער יעדעס מאָל זענען זיי צוריק געשליידערט געוואָרן, ליידנדיק גרויסע פאַרלוסטן, באַזונדערס אין טאַנקען. אויך דער טאַנקען־ריז האָט אויפגעהערט זיין שרעקלעך פאַר די אויסגעפּרוּווטע רויטאַרמייער. פאַראַן פאַרשידענע קעגן־טאַנק־מיטלען, מיט וועלכע די פראָנטלער באַנוצן זיך — און מיט דערפאָלג. קומט פאַר די איבערגרופּירונג און קאָנצענטרירונג פון די כוחות און אין די

נאָענטסטע טעג וועט די ווייסל אָפּגערייניקט ווערן פון די דייטשישע ווערים.

*

פאַרנאַכט. זון־אונטערגאַנג ביי דער ווייסל. וויפל שיינ־קייט פאַרמאָגט דאָ די פּרעכטיקע ווייסל־געגנט. וויפל צייט בין איך אַזוי אַמאָל אָפּגעזעסן ביי אירע ברעגן אין טיפער, שטילער התפעלות, זיך איינגעקוקט אין וואַסער־שפּיגל פון צעפלאַמטע שקיעהדיקע הימלען, איינגעזויגן אין זיך די נאָגנ־דיקע בענקשאַפט און אין זיסער פאַרדרימלטקייט געחלומט פון מענטשן־ און וועלט־גליק. וויפל שעהן בין איך דאָ געזעסן מיט דיר, געליבטע חוה מיינע, און געהייליקט אונדזער זיין צוזאַמען. יעדעס וואָרט — אַ ליבעס־ליד, יעדער קוש — אַ באַהעפטונגס־געזאַנג. דאָ האָט דער אָפּגלאַנץ פון שטילע וואַ־סער־כוואַליעס און ווייסע לבנהדיקע נעכט איינגעוועבט מיין נשמה אין זיסע, ראָזעווע חלומות פון מאָרגנדיקן גליק. — דאָס איז דער כישוף פון קלאַנגלאָזן ווייסל־געזאַנג.

דאָס איז געווען אַמאָל, אין מיינע יוגנט־יאָרן און אין די יוגנט־יאָרן פון דער וועלט. היינט כישופט נישט און זינגט נישט די ווייסל. היינט קאָכט זי און זידט פון צעגליטע מינעס און בראַנד־באָמבעס. היינט רעוועט זי און ברומט, ווי עס רע־וועט און ברומט די געפייניקטע אייראָפּע. נישט צעפלאַמטע שקיעה־הימלען שפּילן זיך אין די ווייסל־כוואַליעס. היינט שפּיגלען זיך אין איר גלאַנציקער אויבערפלאַך פייער־בליצן פון פּולווער און שטאָל, פון בראַנדיקע שריפות. היינט הערט זיך איין די ווייסל אין מעכטיקן געזאַנג פון דער שטאָלענער פייער־שלאַכט, פון האַרמאַטן־רעוועריי און מינען־טראַסק. היינט הערט זי זיך איין אין די פּלוכט־אויסגעשרייען פון שיכורע דייטשע האָרדעס פון איין זייט, און דעם מעכטיקן געזאַנג פון זיגער־דראַנג און נקמה־באַגער.

לאַנג וועט עס אַזוי דויערן ? ניין, היינט איז נישט די צייט צו שטיין אויפן אָרט. היינט גרייפט מען אָן, היינט איילט מען

זיך. מיר דערנענטערן זיך צום פינאַל אוןביים פינאַל זינגט דער שטורעמער און אָנגרייפער.

☆ ☆ ☆

ליבער מאיר,

איך בעט דיך שרייבן קיין לוואָוו צום ד"ר בוקסבוים און געוואָר ווערן וועגן ח׳ נתן. איך וואָלט אַליין געשריבן, נאָר איך געדענק נישט דעם אַדרעס. איך גלויב, אַז דו מאַכסט באַמיאונגען דורך ז.פּ.פּ. צו קומען קיין לובלין. פאַרשלאָף נישט. איצט בעט איך דיך מיר שרייבן דעם אַדרעס פון ד"ר הערשענהאָרן. איך וויל זיך מיט אים אַדורכשרייבן וועגן אַ פּאָר ענינים.

אויף היינט געגוג. יאָ! כ׳האָב פאַרלאָרן מיין נאָטיץ־ביכל, געווען דאָרט אַ שלל מיט וויכטיקן מאַטעריאַל און אינטערעסאנטע נאָטיצן. ס׳איז פאַר מיר אַ גרויסער שאָדן. איך בעט דיך, אויב מעגלעך, וואַרף נישט אַוועק מיינע בריוו, האַלט זיי אין אַ גוטן צושטאַנד.

מיינע בעסטע גרוסן אַלעמען. שרייב, צי עס נודען דיך ניט מיינע בריוו. וואָס איז מכוח דיין גיין אין פּוילישן מיליטער? שרייב וואָס האָסטו באַשלאָסן צו טאָן?

ש ל מ ה

☆ ☆ ☆

ליבער מאיר, 16.8.44

איך געפין זיך שוין מיט מזל אויף דער לינקער זייט ווייסל. מיר זענען געגאַנגען איבער דער ווייסל אויף אַ בריק וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך די סאַפּערן־באַטאַליאָנען פון דער רויטער אַרמיי, אונטער אַן אומאויפהערלעכן פייער פון שונאס אַרטילעריע און אַוויאַציע. נישט קיין פאָנטאָן־בריק איז עס. אַזאַ וואָלט נישט געגוגנד אויף איבערצופירן שווערע אַרטילע־

ריע און ריזן־טאַנקן. האָט מען טאָג און נאַכט געקלאַפּט גראָבע בעלקעס אינעם ווייסל־דנאָ. טויזנטער אַזעלכע בעלקעס־פונ־דאַמענטן אײַנגעהאַמערט אין טיפן וואַסער־גרונט און גע־לייגט אַ בריק איבערן טייך, אונטערן פייער און אַ ים פון קוילן. פאַלן הונדערטער ביי דער אַרבעט, די ווייסל איז זייער קבר — שטייען ווייטער טויזנטער, וועלכע האַמערן שטאַרקער און שנעלער, אויך פאַר די געפאַלענע. לייגן אַ בריק פאַר האַרמאַטן און טאַנקן, פאַר פוסגייער, אַמוניציע און אָבאָז־פּראָוויאַנט, דערמעגלעכן צו יאָגן און פאַרניכטן דעם שונא. בלויז אויף אַ שטח פון אַ פּאָר קילאָמעטער האָט מען אויפגעשטעלט אַזש דריי אַזעלכע בריקן.

גייען מיר איבער דער בריק שנעל, כדי אַנדערע מיליטער־טיילן נישט פאַרהאַלטן. אַלע איילן זיך. ס׳איז דער וועג קיין מערב, דורך וואַרשע — קיין בערלין. ביי דער זייט הענגט אַ טראַנספּאַראַנט: „כבוד און רום די העלדישע רויטאַרמייאישע סאַפּערן". מיר גייען איבער דער בריק און בענטשן זיי אין זייער אַרבעט: אמתע העלדן!

מיט בערך 2 וואָכן צוריק האָבן מיר זיך געפונען ביים פּו־לאַווער ווייסל־ברעג און במשך 5 טעג געשיקט פייער אויף דער צווייטער זייט טייך, צום דייטש. געפּרוווט פאָרסירן, געלייגט קרבנות און — אָפּגעשטאַנען. מען האָט אונדז אַרויסגעצויגן פון דעם דאָזיקן פראָנט־אָפּשניט און געשיקט אויף אַ צווייטן. די ווייסל האָבן מיר נישט פאָרסירט, געגאַנגען אויף אַ פּאַרטיקער בריק. אויף אונדזער אָרט זענען געקומען רויטאַרמייער, אַ קאַ־וואַלעריע־טייל. מיר האָבן זיי געזען: אויסגעמאַטערטע, פאַר־שטויבטע, זענען זיי געריטן האַלב־שלאָפנדיקע אויף קליינע, מאָגערע פערדלעך. אונדזערע העלדן האָבן געשמייכלט און גע־מורמלט: אויך מיר זעלנער... נאָר די דאָזיקע „אויך מיר זעלנער" האָבן גלייך אויפן צווייטן טאָג פאָרסירט די ווייסל און אויף יענער זייט געיאָגט דעם דייטש. דאָס הייסט — רויטע אַרמיי!

אַריבער די ווייסל זענען מיר אין קאַמפּס־אָרדענונג, מאַר־

שירט צום פראָנט. בערך 4 קילאָמעטער פון דער ערשטער פראָנט־ליניע, האָבן די דייטשן געעפנט אַ הוראַגאַן־פייער פון אַרטילעריע און מינען־וואַרפערס אויף אונדזער קאָלאָנע. באַשאָסן דעם וועג פון אונדזער מאַרשרוט. צו אונדזער ציל איז געבליבן ניט קיין סך, אַ 2 קילאָמעטער. מיר האָבן גלייך אָפּגעקערעוועט אין אַ זייט, אַרויס פון באַשיסונג־קרייז און דורך אומוועגן געקומען צום ציל. באַלד זיך אויסגעגראָבן שוץ־גריבער און גענומען זיך גרייטן צום אָוונט־ברויט. דאָ האָבן די דייטשן אונדז אויפגענומען מיט אַ לופט־אָנגריף. נאָר דאָס מאָל האָט זייער לופט־פלאָט באַקומען אַ צעשמעטערנדיקן קלאַפּ סיי פון דער זעניט־אַרטילעריע, סיי פון דער סאָוויעטישער אַוויאַציע. די שוואַרצע פייגל זענען פאַריאָגט געוואָרן.

די דייטשן קעמפן דאָ פאַרביטערט און עקשנותדיק. זיי האָבן אונטערגעצויגן אַהער אַ סך דיוויזיעס פון באַלטישן פראָנט און ווילן פאַר יעדן פרייז דערהאַלטן די פּאָזיציעס. זיי ווייסן, אַז פאַרלירן די פּאָזיציעס ביי די ווייסל־ברעגעס, הייסט — עפענען אַ וועג פאַר אונדז ביז זייערע גרענעצן. גייען זיי צענדליקער מאָל, שיכורע, אין קאָנטראַטאַקע, מיט און אָן טאַנקן, ווילן פאַרהאַלטן דעם אָנגריף, ליידן גרויסע פאַרלוסטן און ציען זיך צוריק. דערציילט מיר אַ דערפאַרענער רויטאַרמייער: אַלע פּאָר שעה רייסן זיך די פאַשיסטן אין קעגן־אָנגריף. מיר זיצן איינגעגראָבן אין דער ערד, לאָזן זיי צוגיין נענטער צו אונדזערע פּאָזיציעס. ערשט נאָענט עפענען מיר אַזאַ פייער, וואָס לייגט זיי אַלעמען אַוועק. הויפנס דייטשע פּגרים ליגן אויפן פעלד. ס'רוב זענען דאָס נישט קיין ריינע אַריער, נאָר ווערבירטע אין די וואַסאַלן־לענדער, וועלכע העלפן היטלערן „באַפרייען די וועלט". יאָ, די פאַשיסטישע נאָכלויפערס העלפן זייערע בירגער זיך באַפרייען... פון דער וועלט. זיי געפינען דאָ זייער טויט, אויף דער ערד פון באַפרייטן פוילן.

מאָדנע אייגנשאַפטן פאַרמאָגן די פראָנטאָוויקעס. ערשט מיט 5 מינוט צוריק זענען אַלע געלעגן אין די שוץ־גרובנס, געשיקט פייער צום שונא און אויפגענומען זיין פייער. די לופט

איז פול מיט פייער־בליצן און געקנאַלעריי — ביז טויב ווערן. אַלע זענען אָנגעשטרענגט. ס׳איז שלאַכט. יעדע סעקונדע גרייט אויפצונעמען ווייטערע באַפעלן פאָרצוזעצן דאָס פייער, אָדער גיין פאָרויס. אָבער שוין 5 מינוט שפּעטער, אין שטילשטאַנד־פּויזע, פאַרלאָזט מען די אָקאָפּעס. מען זעצט זיך אין רעדלעך, מען חוזקט און מען ווינצלט זיך און מ׳דערציילט זיך מעשיות, גלייך ס׳וואָלט גאָרנישט געווען. צי איז עס צוגעוווינטקייט צום פראָנט, צי איז עס גלייכגילטיקייט צום שפּיל פון לעבן און טויט — כ׳ווייס נישט. נאָר אַזוי איז עס.

נעכטן פאַרנאַכט. שטיל. אַרום און אַרום ציען זיך גרויסע רויך־פּאַסן אויפן האָריזאָנט. איך ליג אַזוי און באַוווּנדער דעם פּורפּור־אָפּגלאַנץ פון זון־אונטערגאַנג אויף די רויך־כמאַרעס. לעבן מיר זיצט אַ גרופּע סאָלדאַטן און ציט אַ נאָגנדיקן אוק־ראַינישן מאָטיוו. צום ערשט — אָן ווערטער, דערנאָך העכער און העכער צעטראָגט זיך דאָס געזאַנג: „פּאַר וואָס האָסטו מיך, מאַמע, געבאָרן?" — און „כ׳געזעגן דיך, ליבסטע און שיק דיר דעם לעצטן קוש". אַ ביסל ווייטער זיצט אַ גרופּע רויט־אַרמייער און זינגט אַ לעבעדיקס, באַגלייט מיט אַ הייזעריקער האַרמאָשקע: „זאָרג נישט, מאַרושאַ, מאָרגן וועל איך קומען און ווידער דיך קושן..." פון נאָך ווייטער הערט זיך דאָס באַ־גייסטערנדיקע פּאַטריאָטן־ליד: „שטיי אויף, ריזיק לאַנד, באַפריי זיך פון פאַשיסטישן שמוץ". דאָ זינגט מען. ביחידות און קאָ־לעקטיוו. ווער עס זינגט דאָ אויס, אויף דער שוועל פון לעבן און טויט, זיין באַגער און בענקשאַפט נאָך גליק; ווער עס היי־ליקט דאָ אין געזאַנג דאָס אַמאָל איבערגעלעבטע גליק; ווער עס ברענגט אין געזאַנג צו קבורה זיין אומגעקומענע פרוי און קינדער און ווער עס שמידט אויס אין באַגייסטערטן פּאַטריאָ־טישן ליד זיין ווילן און דראַנג נאָך נקמה־זיג. צוזאַמען איז עס איין גרויס געזאַנג אינעם קאַמפּס־מאַרשרוט אויף מערב.

ליבער מאיר! איך שרייב דיר כמעט יעדן צווייטן טאָג און דו ביסט פויל, און זעלטן ווען שרייבסטו אָן אַ פּאָר גע־ציילטע ווערטער. וואָס איז מיט דיר? צי לעבסטו אין אַזעלכע

שווערע באַדינגונגען, אַז האָסט נישט דעם קאָפּ צו שרייבן? געדענק! כ׳וועל דיר אויפהערן שרייבן. גרוס אַלעמען, בלייב געזונט.

דיין שלמה.

☆ ☆ ☆

טייערער מאיר, 17.8.44

לעצטנס שרייב איך דיר יעדן טאָג. איך שרייב אַ סך, אָבער נישט אַלץ וואָס כ׳וואָלט באַדאַרפט שרייבן. אוממעגלעך וועגן אַלץ צו שרייבן. אַז אין האַרצן טאָטשעט דער וואָרעם פון ספיקות און פּילסט זיך ווי פאַרסמט — איז בעסער דעם סם ניט אָנרירן מיט דער פּעדער און אים אויסגיסן אויפן פּאַפּיר. דאָס טוט דאָפּלט וויי. אונדזער וועג איז ניט אומעטום און תמיד באַצירט מיט בלומען. נישט אומעטום באַגעגנט מען דיך מיט פרייד־שטראַלנדיקע אויגן, מיט אַ האַרציקן און באַגרי־סנדיקן שמייכל אויף די ליפּן, מיט טרערן פון גליק און אַ וואַ־רעם אַרומנעמען דיך ווי דאָס איז געווען אין לובלין. אַמאָל פּאַסירט אויך אַנדערש. מיר גייען פאַרביי שטעטלעך און דער־פער, מיר זינגען אונדזערע פּוילישע זעלנערישע לידער וועגן שלאַכט וואָס וואַרט אויף אונדז, וועגן נקמה, וועגן אונדזער באַפרייטער ערד — און אויף די גאַסן און ביי די כאַטעס שטייען מענטשן, פּאָליאַקן, קוקן אויף אונדז, אָנגעטוענע אין פּוילישע מונדירן, מיטן אָדלערל אויף די פּיאַסט־היטלען. קוקן פון הינטער די אויגן אַפער, מיט פאַרוואָלקנטע פּנימער און שווייגן. ווי אונדז טוט וויי דאָס דאָזיקע שווייגן. מיר שעמען זיך און ס׳ווערט טרויעריק אויף דער נשמה. הונדערטער קי־לאָמעטער האָבן מיר אַדורכגעמאַכט פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע צו די אויסגעבענקטע פּוילישע דערפער, געשלאָגן זיך און פאַרגאָסן אונדזער בלוט אויף דער פּוילישער ערד, מיר, די זין — נע־ונדניקעס, וועלכע גייען ווידער אין שלאַכט באַפרייען

דאָס לאַנד און אָפּרייניקן אונדזער ערד פון דער פאַשיסטישער אומרייניקייט — און דאָ שטייען זיי און קוקן זיך צו מיט אומ־גלויבן און אומצוטרוי. יאָ, יאָ, מיין טייערער, די מאָראַליש־געזעלשאַפטלעכע פּאַסקודסטווע און שמוץ זענען ניט פאַר־שווונדן צוזאַמען מיט די אַנטלויפנדיקע און געיאָגטע דייטשן. זיי, די פאַשיסטן־היטלעריסטן, האָבן דאָ כיטרע און קלוג גע־פּירט זייער פּראָפּאַגאַנדע: „נישטאָ קיין פּויליש מיליטער — דאָס זענען סאָוויעטן, איבערגעטוענע אין פּוילישע מונדירן". „דאָס קומען איבערגעטוענע באָלשעוויקעס פאַרלייגן דאָ קאָל־כאָזן". „דאָס גייט די זשידאָ־קאָמונאַ אויף אייך, פּאָליאַקן" או״ו. ליידער, זענען אין דער פּוילישער געזעלשאַפטלעכקייט פאַראַן אַזעלכע עלעמענטן און גרופּן, וועלכע האַלטן אונטער די דאָזיקע היטלעריסטישע פּראָפּאַגאַנדע. זייערע פאַטראָנען, מאַכטהאָבער און מנהיגים זיצן אין לאָנדאָן — זיי זענען געווען זיכער אין זייער צוקונפטיקער מאַכט אין פּוילן, גלייך פאַר די 5 יאָר האָט זיך גאָרנישט געענדערט... און דאָ קומען אַנדערע מענטשן, נייע, כוח האָבן זיי אַ סך, צילבאַוווסט — די נייע פּוי־לישע אַרמיי. דאַרף מען דעריבער זייען אומצוטרוי צו די נייע מענטשן: נישטאָ קיין פּוילישע אַרמיי.

די פאַרשקלאַפונג פון פאָלק, די דייטשע אָקופּאַציע, איז געווען נישט נאָר אָקופּירטער שטח, נאָר אויך אָקופּירטע מוחות. פאַרפעסטעט די לופט און די געזעלשאַפטלעכע מאָראַל. דערי־בער די דאָזיקע דערנער אויף אונדזער וועג. געננג זיך צונויפצו־ריידן מיט די אומצוטרוי־פאַרוואָלקנטע צו אונדז פּשוטע מענ־טשן — און ער ווערט באַלד אונדזער אמתדיקער ברודער. מען דאַרף אַדורכפירן אַ גענעראַל־דיזענפעקציע און מיט אייזערנע בעזעמער אויסרייניקן דעם באָדן, אַרויסוואַרפן דאָס מיסט צו־זאַמען מיט די מיסטקאַסטנס, סטרוזשעס און זייערע פאַט־ראָנען.

צי וועט אַזוי געשען? אָבער אַזוי מוז זיין. קיין אַנדערער אויסוועג איז נישטאָ, אויב פּוילן דאַרף זיין פריי!

טייערער מאיר! היינט אָוונט גייען מיר אין אָנגריף. די

שטימונג ביי אונדזערע יאַטן איז אַ קעמפּעריש. עס זאָל נאָר נישט אויספעלן קיין אַמוניציע — טענהן זיי. זיי ווילן וואָס מערער פייער און בליי שיקן צום שונא. שטענדיק ווייזט זיך אויס, גלייך מיר וואָלטן געהאַט אַ צו קליינעם זאַפּאַס. אונ־דזער ריכטונג — וואַרשע, וואָס שטייט אין פייער פון אויפ־שטאַנד. צום ווידערזען.

שלמה.

ביטע אָפּגעבן אַ גרוס דאָרע קריגער. באַקומען איר קאַרטל פון 26.6.44. אַ האַרציקן דאַנק פאַרן געדענקען און פאַר די עטלעכע וואַרעמע ווערטער. מיט 6 טעג צוריק האָב איך נייטאַ־נען געשיקט אַ בריוו.

שרייב וואָס דו מאַכסט, ווי אַזוי לעבסטו, וואָס הערט זיך ביי נתנען און גיטעלען מיטן קינד, אַ וואָסערע פּלענער האָסטו? צי רעדט מען ביי אייך וועגן דער מעגלעכקייט פון רעעמיגראַציע פון אונדזערע מענטשן קיין פּוילן? זשאַלעווע נישט קיין פּאַפּיר און שרייב דייטלעך און אויספירלעך.

שלמה.

☆ ☆ ☆

טייערער מאיר, 18.8.44

דער צווייטער טאָג היינט ווי מיר געפינען זיך אויף דער פּאָדערשטער ליניע פון פראָנט, אויף דער צווייטער זייט ווייסל. אַלע פון מיין אָפּטיילונג שלאָפן. אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר צו־געגרייט פייער־פּאָזיציעס פאַר די מערזערס און פאַר זיך אויס־געגראָבן אָקאָפּעס. פון די פריצן טיילן אונדז אָפּ אַן ערך 1200 מעטער. זיי האָבן באַמערקט די לעבהאַפטע באַוועגונג אין שייכות מיט אונדזער אָנקומען און איינאָרדענען זיך — האָבן זיי אָנגעהויבן אונדז באַאומרויקן מיט פייער און ליכט־ראַקע־טעס. דער רעש פון די באָמבעס און געפייף פון די קוילן האָבן

געדויערט אַ לענגערע צייט. די בחורים האָבן אויף דעם ניט געלייגט קיין אַכט און זיך געטאָן זייערס. אין דער פרי איז אַלץ געווען פּאַרטיק. פריער ווי תמיד האָבן מיר אָפּגעגעסן פרישטיק (אַזוי איז שטענדיק אויפן פראָנט: די קיך קומט באַגינען און אין אָוונט) און נאָך אַ גלעזל, האָט מען זיך געלייגט שלאָפן. אַלע עטלעכע מינוט האָט יעדער צד געגעבן אַ צייכן דעם קעגנער, אַז ער לעבט, אויסשיסנדיק צענדליקער שראַפּ־נעלן. דאָס הייסט: „אַ דעפּעשע מיט אַן ענטפער". איצט איז שטיל, ווייל די אַרטילעריע רוט זיך אָפּ.

מיט עסן איז נאָך ניט שלעכט. ערגער — מיט רייכערן. שוין עטלעכע טעג ווי מען האָט אונדז ניט צוגעטיילט די טיטון־נאָרמע און די בחורים האָבן נישט וואָס צו רייכערן. זיצן אין די אָקאָפּעס און נישט האָבן קיין סיגאַרעט, אָדער מאַכאָרקע —איז אַן אָפּקומעניש. די נערוון פון די רויכערער צעשפּילן זיך אַזש. בראָנפן אויפן פראָנט מעג פאַרפעלן, אָבער טאַבאַק — קיינ־מאָל נישט! נאָר דאָס מאָל זענען מיר מוחל, ווייל מיר ווייסן ווי שווער עס זענען די טראַנספּאָרט־באַדינגונגען אויף אונדזער אָפּשניט. צייטונגען און בריוו גיט מען אונדז אָפּ יעדן טאָג, צו־זאַמען מיט די ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן.

☆ ☆ ☆

טייערער מאיר, 20.8.44

כ'האָב איבערגעריסן דאָס שרייבן, ווייל מיט אַמאָל איז געוואָרן הייס. נאָך ווי אַזוי הייס! ס'האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ געוויינלעכער איבערשיסונג און מיט יעדער מינוט האָט דאָס פייער, באַזאַמען מיטן געקנאַל פון די שאָסן און אויפרייסן, אַזוי זיך געשטאַרקט, אַז די ערד האָט גענומען טרייסלען, גלייך זי וואָלט געווען אויף פּרוזשינעס. אין דער לופט האָט אַלץ וויברירט, ווי מיר וואָלטן זיך געפונען אויף אַ שרעקלעכן ווול־קאַן. אַלץ צוזאַמען הייסט, אַז ס'איז געווען וואַרעם. איך ווייס

נישט ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט, מיר לעבן אָן אַ זייגער, נאָר אַזעלכע מינוטן זעען אויס אַן אייביקייט. אַזאַ קאַמפּס־אַקציע — בייט זיך. אַז דער שונא דערלאַנגט פייער — שווייגט אונדזער צד. אַז ער הערט אויף — הייבן מיר אָן. דאָס מאָל איז עס געווען אַ קעגנזייטיקע אַקציע: זיי און אונדז גלייכצייטיק. דאָס האָבן אַלע אונדזערע פייער־פּונקטן אונטערגעהאַלטן די אָנגרייפנדיקע פיעכאָטע, וועלכע איז אַוועק אַ ביסל פאָרויס און פאַרכאַפּט די ערשטע ליניע פון די דייטשע אָקאָפּעס. אַ דאַנק דעם פייער האָבן אונדזערע שכנים, די רויטאַרמייער, אָנגעהויבן זיך שטאַרקער יאָגן נאָך די דייטשן און באַדייטנדיק זיך אַ רוק געבען פאָרויס. אויך מיר בלייבן נישט הינטערשטעליק, מיר וואַרטן אויף אַ באַפעל. מיין סוב־אָפּטיילונג האָט פאַרהעלנישמעסיק ווינציק געליטן. בלויז איינער פון מיין גרופּע איז שווער פאַרוווּנדעט אין אַ פוס מיט אַ שפּליטער פון אַ שראַפּנעל.

טייערער מאיר! זיי מוחל, וואָס איך באַאומרויק דיך מיט מיין שרייבן. כ׳וועל זיך אָפּרוען און בכלל אָפּשטעלן אויף עטלעכע טעג דאָס שרייבן בריוו. די נערוון זענען אָנגעשטרענגט און אונטערגעריסן. כ׳וועל זיך אָפּרוען, באַרויקן, גוט זיך אויסשלאָפן. וועט זיין צו רייכערן, וועל איך אפשר ווידער אָנהייבן שרייבן. דערווייל: צום ווידערזען. גרוסן פאַר די פריינד.
ש. מיטעלמאַן.

☆ ☆ ☆

טייערער יחיאל, 20.8.44

דיין קאַרטל פון 15.7 דערהאַלטן. דאָס וואָס דו שרייבסט נישט — איז צו פאַרגעבן. האָסט אַוודאי נישט קיין צייט: מען דאַרף דאַווענען, גיין אויפן באַזאַר אאַז״וו. פאַרדינען אויף פּרנסה דאַרף מען אויך. איבעריקנס, האָסט נישט וואָס צו שרייבן, סיידן דאָס, אַז היי־יאָר איז דער אורוק געראָטן, אַז די

דיניעס און אַרבוזן האָבן נישט דעם זעלבן טעם וואָס אַמאָל אַאַז״ו. אַנטשולדיק זייער. נאָכן געשמאַקן אורוק האָסטו זיך דערמאָנט, אַז נו, נו, האָסט געהאַט אַ טאָכטער — טאָ זאָל שלמה, זיצנדיק אין דער אָקאָפּע, באַמיען זיך דערוויסן פאַר חילן (ווי אַזוי?), צי זיין טאָכטער לעבט. אַלזאָ, חיל, אויב דיין טאָכטער האָט זיך ניט עוואַקואירט קיין טיף רוסלאַנד — לעבט זי נישט אויף זיכער. וואָס? דאָס טוט דיר וויי? די ידיעה וועט שטערן דיין רו? ס׳איז גאָרנישט, חיל. ס׳וועט גענוג זיין, אַז וועסט אָפּזיפצן — און דער אורוק וועט דיר ווייטער שמעקן. נאָר אָן וויצן! איר זייט קינדער, דאָס זעלבע אויך — ראָמעק! ער פּרעגט זיך אויף קוגעלן אין לוצק. סאַראַ קינדערישע באַגריפן איר האָט פון דעם אַלעמען. ווען וועט איר ענדלעך זיך אויסניכטערן? זייט געגריסט און גרוסן פאַר אַלע.

אייער שלמה.

זאָל מאיר ניט שרייבן מאָרגן, נאָר תמיד היינט. איך האָב אַרויס געשיקט זייער אַ סך בריוו. שרייב, צי דאָס אינטערעסירט דיך.

☆ ☆ ☆

טייערער פריינד,*

דאָס קאַרטל נומער 2 פון 15.7 דערהאַלטן. אויפן פראָנט בין איך געוואָרן אָרנטלעך און וויל נישט בלייבן קיין בעל־חוב. דערפאַר שרייב איך באַלד צוריק. היינט בין איך עפּעס נישט אויפגעלייגט צו שרייבן דיר איינדרוקן און פראָנט־רעפּלעקסן. איך באַגרענעץ זיך צום אָנשרייבן דעם בלויזן פאַקט, אַז שוין דאָס צווייטע מאָל ווי איך בין אין שלאַכט. דאָס ערשטע מאָל ביי דער ווייסל, זעקס טעג, און איצט — אין דער ריכ־

---

* דער בריוו איז אַדרעסירט צו די ניימאַנס.

טונג אויף וואַרשע. איך געהער צו אַ קאָמפּאַניע פון מערזוערס און מיר שיקן די פריצן מתנות פון מינעס. וואָס אַן אמת, אויך די פריצן שווייגן נישט און טיילמאָל ווערט געגוג הייס, הויפּט־זעכלעך ביינאַכט. אָבער מיר זענען שטענדיק אין אָנגריף, מיר אַטאַקירן מיט שווונג און אַמביציע, מיטן אַנטשלאָסענעם גלויבן אין נצחון. און זיי פאַרטיידיקן זיך, פאַרטיידיקן זיך מיט אַלע כוחות, פאַרביסן, קאָנטראַטאַקירן אַפילו, קעמפן אויף לעבן און טויט. מיר שטויסן אָפּ אַלע מאָל זייערע קאָנטר־אַטאַקעס און גייען כסדר פאָרויס.

אונדזערע האָבן זיך שוין אויסגעלערנט קעמפן, הגם עס פעלט אונדז נאָך שלאַכט־דערפאַרונג. אויף אונדזער אָפּשניט שטעלן די דייטשן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, ווייל דאָס פאַר־צוימט דעם וועג אויף וואַרשע.

ווי דו זעסט, לעב איך נאָך דערווייל. וואָס מאָרגן וועט זיין — ווייס איך נישט. אָבער דאָס באַאומרויקט מיך נישט. ס׳איז מלחמה!

איך שרייב אין דער אָקאָפּע. איצט איז שטיל, דערפאַר גאָלן מיר זיך, וואַשן זיך, שרייבן בריוו — נאָר גרייט יעדער מינוט צום קאַמף.

אויף דיין אָנפראַג בנוגע דעם באַקאַנטן קוגעל פון לוצק, קאָן איך דיר גאָרנישט שרייבן, ווייל כ׳בין איצט זייער ווייט פון לוצק. לויט דעם וואָס כ׳האָב געזען, איבעריקנס — אומעטום, איז נישטאָ קיין שפור פון די קוגעלס. איך ענדיק, ווייל עס ווערט עפּעס אומקלאָר און מען דאַרף שטיין ביים מערזער.

זיי געזונט. גריס די שוועסטער און די שילדקרויטס.

ש ל מ ה.

☆ ☆ ☆

ליבער מאיר, 27.8.44

שוין אַ פּאָר טעג ווי כ׳האָב דיר נישט געשריבן. ס׳איז מיר געווען אוממעגלעך זיך אַוועקזעצן רואיק און שרייבן.

איבעריקנס, ניט געטראַכט וועגן דעם און ניט געהאַט דאָס אין זין. מיר זענען כסדר געווען אין אַזאַ אויסערגעוויינלעך פייער, וואָס איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן. איך אַליין טראַכט איצט: איז דאָס געווען אַזאַ בייזער חלום, אָט דער צעברומטער ים פון דונערן און פייער — אָדער אויף דער וואָר? איז מעגלעך, אַז איך האָב דאָס איבערגעלעבט?

מיר זענען געגאַנגען אין אָנגריף. פון אַלע זייטן און פון הינטער אונדזערע פּאָזיציעס האָט אונדזער אַרטילעריע גע־שטורעמט און באַשאָסן דעם שונא מיט אַ האָגל פון מינעס, שראַפּנעלן און באָמבעס פון גרויסן קאַליבער. אויך מיין קאָמ־פּאַניע מינען־וואַרפער האָט געעפנט אַ הוראַגאַן־פייער אין אַ קאָנצענטרירטער פאָרעם (ד. ה. — אַלע אויף איין מאָל). די לופט איז געוואָרן אויפגעבושעוועט, הייסע כוואַליעס האָבן דיך געשטויסן פון אַלע זייטן, לאָזן ניט שטיין אויף די פיס, צווינגען דיך צו ליגן. די ערד טאַנצט ווי אין פיבער. דאָס איז בלויז דער אָנפאַנג פון שטורעם. מיר זענען די אָנגרייפער. מיר ווערן פאַרטויבט פון אונדזערע אייגענע אַרטילעריע־שאָסן. אַזוי דויערט עס אַ צייט. דערנאָך קומט דער קעגן־אָנגריף פון שונא. זיינע באָמבעס און מינעס רייסן זיך אין אונדזער ראַיאָן. צום רעווען פון אונדזער אַרטילעריע, קומט צו דאָס געטראַסקעריי פון זייערע באָמבעס און מינעס־אויפרייסן. עס האָגלט מיט בליי און פייער. די לופט ווערט געדיכט, שווער צום אָטעמען. ס׳ווערט פינצטערלעך און שוואַרץ פון שוועבל־רויך און שטויב. זעסט גאָרנישט, חוץ פייער און זיילן שטויב פון די אויפרייסן. דו טראַכסט — ניין, טראַכסט גאָרנישט. איין באַ־גער פאַראַן: איבערהאַלטן! באַגראָבסט טיפער דעם קאָפּ אין דער ערד־נאָרע, מאַכסט צו די אויגן און אַ סוף זאָל עס נעמען. עס נעמט אָבער נישט קיין סוף. ס׳דויערט אַן אייביקייט. אָט ווערט שטיל. מיר אָטעמען אָפּ און ציילן זיך איבער, צי קיינער פעלט נישט. מען באַגריסט זיך מיט די שכנים מיט דער פראַגע: „דו לעבסט, ברודער?" — „דערוויל!". איינעם פון אונדזערע האָבן מיר נישט געפרעגט. ער איז שטערבלעך פאַרווונדעט גע־

וואָרן און תיכף געשטאָרבן. אַ וואַרשעווער יידישער בחור, שלמה זאַקטרעגער, פון נאָוואָליפּיע 41. חוץ אים זענען פון מינען־שפּליטערס פאַרוווּנדעט געוואָרן פינף פון אונדזער קאָמ־פּאַניע. דאָס איז דער בילאַנס פון דער שלאַכט.

נאָך אַ קורצער אָטעם־פּויזע איז די שלאַכט באַנייט גע־וואָרן מיט נאָך מער שטורעם און קראַפט. צו הילף אונדזער אַרטילעריע איז געקומען די קיניגין פון סאָוויעטישן געווער, די „קאַטיושע". זי האָט דאָס דאָרף, פאַרנומען דורך די דייטשן, באַגאָסן מיט אַזאַ בראַנדיק פייער, וואָס אַז מען זעט דאָס פון עטלעכע קילאָמעטער ווייט, וואַרפט עס אָן אַ פּחד. די „קאַטיושע" איז דער ליבלינג פונעם רויטאַרמייער און פּוילישן זעלנער. זי באַווייזט זיך, ווען עס אַנטשטייט אַ סכנה, אָדער ווען מען מוז צעברעכן אַ שטאַרק באַפעסטיקטע פּאָזיציע. ווערט דער זעלנער הייטערדיקער, ווען ער הערט רוישן די ליבע „קאַ־טיושע". ער איז זיכער, אַז דער שונא איז פאַרניכטעט און אונ־דזערע וועלן גיין פאָרויס. איך בין אַזוי גוואַלדיק אויסגעמאַ־טערט געוואָרן פון דעם אַלעם, אַז כ'האָב זיך קוים געקענט שלעפּן אויף די פיס. עס פרעסט אויף די נערוון און דעם מאַרך.

ווערט שטילער, אַזוי ווערסטו צוריק נאָרמאַל, קומסט צו זיך און ביסט ווייטער גרייט צו דער שלאַכט. פאַרגעסט שנעל, אַז האָסט קובר געווען דיין קאַמפס־חבר. ס'ווערט נאַטירלעך דער בלוט־אָפּפלוס פון די פאַרוווּנדעטע און דער מענטשן־פאַרלוסט. די שלאַכט פרעסט אויף אירע קרבנות. יעדער טראַכט, און נישט מיט ווייטיק און טרויער — וועמענס ריי איז איצט? איינס ווייסן מיר: אויף יעדער אונדזער איינעם געפאַלענעם, זענען געפאַלן צענדליקער זייערע, פאַשיסטישע הינט. איז גרינ־גער דער קומענדיקער טויט. מיר דאָ לעבן מיטן מאָמענט. איז שטיל, איז עס דיין צייט. ווערט הייס און עס שטורעמט — איז עס דעם טייוולס צייט. ווערסט גלייכגילטיק צו דיין גורל, ווערסט אַ טיילעכל פונעם אָנגריף. וועט שיינען דיין שטערן — וועסטו לעבן, נישט — איז נישט... גייסטו פאָרויס אונטער אַ האָגל פון פייער, ס'יאָגט דיך דער אָנגריף — גייסט וואָס שנע־

לער צו פאַרענדיקן די מלחמה, אַ סוף מאַכן צו דעם קאָשמאַר פון די שלאַכטן, וואָס היטלער האָט געברענגט אויף דער וועלט. פאַרניכטן די פאַרניכטונג, פאַרברענען און אויסברענען דאָס מלחמה־פייער — און אַ סוף זאָל עס נעמען ! וואָס שטאַר־קער דער אָנגריף, וואָס שנעלער צום סוף, צו היטלערס סוף.

*

ליבער מאיר, מיט דעם שרייבן האָב איך זיך אַ ביסל אויפגערעגט. דו פילסט עס אין מיין שרייבן. אַז כ׳וועל האָבן מער געדולד, וועל איך דיר שרייבן אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן און מאָמענטן פון שלאַכט.

פאַראַן אַ סך שלאַכט־העלדן. אַ גאַר גרויסער פּראָצענט צווישן זיי — יידן. זיי זענען ביישפּיללאָזע בראַווע שלאַכטלייט. אָט די משהלעך און שלמהלעך. די יידן דאָ אויפן פראָנט דער־וועקן דרך־ארץ און באַוווּנדערונג. אַ סך פון זיי לעבן שוין נישט. זיי זענען געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט. זייער לעבן פאַרקויפט פאַר אַ טייערן פּרייז פון פאַרניכטן צענדליקער דייטשן.

דערווייל גענוג. בלייב געזונט און גריס אַלע. פאַר וואָס שרייבסטן נישט ? !

ש ל מ ה.

שרייב מיר צי מיינע יידישע בריוו קומען אָן אַזוי שנעל ווי די פּוילישע, אויב נישט, וועל איך דיר שרייבן נאָר אין פּויליש. יחיאלן האָב איך מיט אַ פּאָר טעג צוריק געשריבן אין אַן אויפגערעגטער מינוט — זאָל ער נישט זיין בייז. אויך ראָמעקן האָב איך געענטפערט.

☆ ☆ ☆

טייערער מאיר, 28.8.44

נעכטן דיר אַרויסגעשיקט אַ יידישן בריוו. איך שרייב איצט בעת אַן איבעררייס אין דער שלאַכט. שטיל. גלייך די קעמפּנ־

דיקע צדדים וואָלטן זיך אָפּגערעדט ניט שטערן זיך קעגנזייטיק די רו. אונדזער אָפּטיילונג נוצט אויס די שטילקייט. אַ טייל מענטשן האָט מען אַוועק געפירט אינעם פעלד־באָד, וואָס געפינט זיך אַ 7—8 קילאָמעטער הינטער אונדז. די פאַרבליבענע פאַרטרעטן זיי אויף די פּאָזיציעס. אַז יענע וועלן צוריק קומען, וועלן די אַנדערע גיין אין באָד. און אַ באָד איז זייער נייטיק. שוין דעם עלפטן טאָג, אַז מיר ליגן דאָ אין די אָקאָפּעס, אין זאַמד. די ערד, די איינציקע באַשיצערין אויפן פראָנט בעת אַ שלאַכט, איז אַזוי צוגעוואַקסן צום גוף, אַז ס׳איז נישט צום דערקענען ווו ס׳איז שוואַרץ, ווו ווייס. אַזאַ לאַגע שאַפט גינסטיקע באַדינגונגען זאָלסט זיך צואייגענען לייז און אַנדערע אינסעקטן. דאָס אָפּפּרישן דעם קערפּער אין באָד ווירקט גוט אויך אויפן פסיכישן צושטאַנד פון זעלנער.

איז איצט שטיל און רו הערשט אַרום. די בחורים שלאָפן און רוען זיך אויס. נעכטן, 11 ביינאַכט, בין איך געזעסן אין דער אָקאָפּע און דיזשורירט בײַם טעלעפאָן־אַפּאַראַט מיט אָנגעטוענע הער־טרייבלעך אויף די אויערן. מיט אַמאָל דערהער איך אַ באַפעל: „אָפּשטעלן די שיסעריי!" אויף אונדזער זייט איז געוואָרן שטיל, די דייטשן האָבן בלויז געקלאַפּט מיט זייערע פולעמיאָטן. פלוצעם דערהערט זיך פון ווייטנס אַ מעכטיק קול: „האַלאָ, האַלאָ, דויטשע זאָלדאַטן! היער שפּריכט מאָסקאַו. וויר גיבן איבער די נויעסטע נאַכריכטען אין דויטשער שפּראַכע. פירשפּרעכער: גענעראַל פאָן......" מיט אַמאָל זענען אויך די דייטשן שטיל געבליבן. אַ סברה, אַז נישט נאָר די זעלנער, נאָר אויך די דייטשע אָפיצירן האָט אינטערעסירט די ספּעציעלע פאַר זיי ראַדיאָ־אוידיציע, ווייל אַנדערש וואָלטן זיי באַפוילן אַ שטאַרקע שיסעריי, כדי פאַרטויבן די שטימע פון מעגאַפאָן. ווי עס האָבן מיר דערציילט אונדזערע פאַרבינדלער, האָבן אונדזערע שכנים, די סאָוויעטן, צוגעגרייט די פריצן אַן איבערראַשונג. איינער איז צוגעקראָכן זייער נאָענט צו די דייטשע אָקאָפּעס מיט אַ מעגאַפאָן, וואָס איז געווען פאַראייניקט מיט אונדזער טעלעפאָנישן קאַבעל — און ביטע זייער, די פריצן

האָבן זיך דערוווּסט, אַז „היטלער האַט דעם קריג פערלאָרן".
פּאַריז איז באַפרייט, אין דרום־פראַנקרייך האָט מען פאַרנומען
גרענאָבל, באָרדאָ. די דייטשן אַנטלויפן פון פראַנקרייך. די רו־
מענישע רעגירונג האָט דערקלערט דייטשלאַנד קריג, די בול־
גאַרישע רעגירונג פאַרטרייבט די דייטשן, שווייצאַריע האָט אָפּ־
געשטעלט דעם אַריינפיר קיין דייטשלאַנד אַאַז"וו. דער ספּיקער
פאַרענדיקט: „מיינע ליבע קאַמעראַדן, היטלער האַט דעם קריג
פערשפּילט".

דערנאָך — ווידער עטלעכע מינוטן שטילקייט און עס
הייבט זיך אָן דער רעש פון אויפרייסן און שאָסן. אונדזערע
בחורים קאָמענטירן די נייעס פאַרשידנאַרטיק, נאָר מיין חבר
מישאַ קאָנקלודירט: די מלחמה מיט די פאַשיסטן וועלן מיר
נישט פאַרענדיקן מיט מעגאַפאָנען און אַגיטאַציע־לשון. די דיי־
טשן זענען געוואָרן טעמפּע מערדער. אַנטי־מלחמה־לאָזונגען
וועגן שלום און צוזאַמענלעבן פון פעלקער, דערגייען נישט צו
זייערע טעמפּע מוחות, זיי פאַרשטייען דאָס נישט. די איינציקע
שפּראַך פאַר זיי איז פון האַרמאַטן־לופעס, איבערצייגנדיק פאַר
זיי איז נאָר דער כוח פון פייער, רירן קאָנען זיי נאָר באָמבעס.
בלויז די שפּראַך און אַרגומענטן וועט איבערצייגן די דייטשע
פאַשיסטן און נאָר מיט דער סימפּאָניע פון פייער און אויפ־
רייסן וועלן מיר פאַרענדיקן דעם קאָנצערט פון דער מענטשלע־
כער טראַגעדיע, וועמענס ערשטער דיריגענט איז געווען היטלער.
מיר וועלן פאַרענדיקן אויף מזרח און די אַרמייען פון די פאַר־
אייניקטע פעלקער — אויף מערב. אָן שום ספק, אַז מיר דער־
נענטערן זיך צום סוף. שרעקלעך־שיין וועט זיין דער פינאַל.
שרעקלעך פאַר זיי און שיין פאַר אונדז, די שלום־ליבנדיקע, וואָס
שטרעבן צום גליק פון דער מענטשהייט. די וועלט וועט זיין
צעשטערט און חרוב. מיר וועלן אָבער באַווייזן ניט נאָר קעמפן
אין שלאַכט, נאָר אויך בויען און פאַרלייגן נייע פונדאַמענטן
אונטער אַ נייע, לאָמיר האָפן, בעסערע, גליקלעכע אָרדענונג
פאַר דער מענטשהייט און פעלקער. אויך מיר וועלן קאָנען
רעגירן און שאַפן זיך מיט דער אומצאָליקער מאַסע דייטשע

אַרבעטער און זיי באַנוצן אויפצובויען נייע געביידעס־הייזער פון גליק און פרידן.

ש ל מ ה.

שוין 10 טעג ווי כ׳האָב פון דיר אַ קאַרטל. וואָס איז געשען? גרוסן פאַר אַלע.

☆ ☆ ☆

ליבער מאיר! 1.9.44

היינט פאַרטאָג האָבן די דייטשן געוואָלט פאַר אונדז איינאָרדענען אַ יובילעום־פייערונג און אונדז דערמאָנען די טרויערדאַטע פון אָנהייב פון אונדזער חורבן. די אוווערטור פון דעם קאָנצערט איז געווען אַ ראַשיק־שטורמישע און צוגלייך האָפערדיקע. די ערשטע פידל האָט געשפּילט זייער אַרטילעריע פון גרויסן קאַליבער און וואָס ווייטער האָבן זיי זיך צעשפּילט מיט אַלע קריגס־מכשירים. אין זייער דעפּרעסיע און אבל־געשטימטקייט, אין די יאוש־שטימונגען פון מפּלה, פאַרלאָזן דורך די געצווונגענע פריינד פון אַ גאַנצער ריי האַלב־ און גאַנץ־אָקופּירטע מלוכות — האָבן זיי, שיכור אָנגעזויפטע, געוואָלט פאַרטרייבן פון זיך די טרויער־געדאַנקען און אין רעם פון דער געקנאַלעריי פאַרטויבן זיך, אין פייער־בליצן — פאַרבלענדן זיך, פאַרגעסן אין יאָר און געדענקען בלויז דעם טאָג — ערשטער סעפּטעמבער.

האָבן זיי געעפנט אַ פייער. ווייט פאַר זון־אויפגאַנג. געמיינט, אַז מיר וועלן צעטומלט ווערן, אַריינפאַלן אין בהלה, וועלן זיי אונדז יאָגן און פרעך זיך פרייען — אַ געלונגענער ספּעקטאַקל.

און אפשר האָבן זיי געוואָלט זיך צעשטרייען פון די פאַר זיי טרויעריקע ידיעות, וואָס ראָקאָסאָווסקיס פראָנט־קאָמאַנדע האָט זיי נעכטן, נאָך האַלבער נאַכט, אונטערגעטראָגן און איבערגעגעבן דורך שטאַרקע מעגאַפאָן־הילכערס אין דער דיי־

טשישער שפּראַך. מפּלה־ידיעות פון רוסיש־פּוילישן מזרח־דרום און פון פראַנצויזיש־איטאַליענישן מערב־דרום, אין אַ קורצן איבערזיכט־רעפּעראַט: „1טער סעפּטעמבער 1939 און 1טער סעפּטעמבער 1944".

שטיל און רויק אין זייערע אָקאָפּעס, בעת מען האָט זיי איבערגעגעבן די פראָנט־ידיעות. זיי זענען געזעסן שטיל און זיך אפשר פאַרטראַכט, נישט וועגן וועלט־חורבן און מענטשן גלייכ־הייט — צו דעם זענען זיי צו טעמפּ און געפּיללאָז — קאָן זיין, אַז זיי האָבן זיך פאַרטראַכט וועגן גורל פון זייער אונטערגאַנג, וועגן פעלקער־משפּט וואָס דערוואַרט זיי. האָט זייער העכערע מיליטער־אָנפירונג באַפוילן: פייער! דער זעלנער אין דייטשן מונדיר טאָר נישט טראַכטן. וואָס מער טעמפּ, הייסט זיין גע־האָרכזאַם קנעכטיש. פריי, אַפילו אין דער שטיל, טאָר נישט דענקען און טראַכטן אַפילו די העכערע ראַסע. איז פאַראַן אַן אויסגעפּרוּווטע רעצעפּט: בראָנפן און פייער. ביידע צוזאַמען פאַרווילדן און בילדן דאָס וואָס זיי רופן אָן: דייטשישער מיל־טערישער גייסט.

האָבן זיי געעפנט אַ פייער מיט רעש און געפּילדער, אָבער כאַאָטיש, אָן טאַקטיש־אויסגערעכנטער געצילטקייט, ווילד.

מיר זענען, נאַטירלעך, שטענדיק גרייט און זיי געענט־פערט מיט אַזאַ געפּרעסט, קאָנצענטרירט הוראַגאַן־פייער ווי קיינמאָל, זיי געצוווּנגען פאַרשטומט צו ווערן און אין בהלה אַנטלויפן פון דער ערשטער פייער־ליניע.

מיר זענען היינט געווען די שטאַרקע. מיר האָבן זיי מיט אונדזער פייער געצוווּנגען זיך דערמאָנען אין יאָר. ס'איז היינט 1944 — און נישט 1939. זייער קאָמאַנדע איז נישט „פאָרויס", נאָר „צוריק", פון אַלע זייטן. נישט אָנגרייפן, נאָר איינהאַלטן דעם זיגרייכן פאָרויסמאַרש פון די פרייע פעלקער און אָפּשלעפּן ד ע ם ט אָ ג פון זייער בראָך און מפּלה.

אין פאַרנעפּלטן זיכרון טויכן אויף די טעג און געשעענישן פון פאַרן 1.9.39. קוים, קוים דערמאָנט זיך מיר אונדזער לעבן פון יענער צייט. אַזוי לאַנג, דוכט זיך מיר, איז עס געווען. אַ

מאָל, אַ מאָל, מיט לאַנגע יאָרן צוריק, האָבן מיר געלעבט. מיר, אַ גרויסע עדה יידן אין פּוילן. געלעבט און פאַרביטערט גע־געקעמפּט פאַר אונדזערע רעכט און לעבן. מיר האָבן ברויט גע־געסן און אַ טייל אַפילו וויין געטרונקען. אָבער אין ברויט — סם, אין פלייש — גאַל, און אין וויין — גיפט. מען האָט אונדז, יידן, פאַרסמט און פאַרגיפטעט אונדזער לעבן, באַוווסט־זיניק, מיט אַן אויסגערעכנטער כוונה צו פאַרטרייבן און אונדז פאַרניכטן. מיר האָבן זיך געווערט, קעגנגעשטעלט און גע־קעמפט. מיר זענען נאָך דאַן געווען אַ כוח, אַ גרויסער קיבוץ־כוח. מיר האָבן זיך נישט געלאָזט, מיט ווירדע בייגעשטאַנען דעם אַנטיסעמיטישן אָנגריף. איז געקומען דער 1.9, קריג מיט היטלער־דייטשלאַנד — איז געוואָקסן אונדזער מאָראַלישע גבו־רה. זענען יידישע יונגעלייט מאַסנווייז און פרייוויליק גע־גאַנגען אין דער אַרמיי צו קעמפן מיטן דייטשישן היטלעריזם און צוזאַמען, פאַר אייגוועגס, אין פייער אויסברענען די אינער־לעכע פעלקער־שנאה. מיר האָבן שנעל געוואָלט פאַרגעסן דעם אַנטיסעמיטישן סם, מיט וועלכן די זעלבע מלוכה־פירער האָבן אונדז פאַרמיאוסט אונדזער לעבן. ס׳איז קריג מיט היטלער־דייטשלאַנד, טאָ לאָמיר זיך ברודערן, גיין צוזאַמען אין שלאַכט, צוזאַמען בלוט פאַרגיסן, קעגן פעלקער־פאַרשקלאַפונג. דער שונא איז שטאַרק, אָבער נאָך שטאַרקער איז געווען אונדזער אַלע־מענס שנאה צו אומווירדיקער פעלקער־פאַרשקלאַפונג. אַזוי איז עס געווען.

אָבער גאָר געציילטע טעג, ווי מייז פון אַן אונטערגייענדי־קער שיף, זענען זיך צעלאָפן די מלוכה־ און פאָלקס־פאַרפירער — בעק, שמיגלי. דאָס פאָלק און דער זעלנער האָבן געצאַפּלט אין קאַמפס־דראַנג און לסוף זיך אונטערגעגעבן. פּוילן האָט איר פרייהייט פאַרלוירן און צוזאַמען דערמיט האָט די היט־לער־אָקופּאַציע געמאַכט, אַז פּוילן האָט אויך איר מענטשלעכ־קייט פאַרלוירן. די דייטשישע און אייגענע פאַשיסטן האָבן אויפגעהעצט איין פאָלק קעגן צווייטן, פּאָליאַקן קעגן אוקראַי־נער אוןביידע צוזאַמען קעגן יידן. איר האָט פאַרלוירן אייער

מלוכה־פרייהייט, — טאָ האָט איר אַן אַנדערע פרייהייט, אַ פרייהייט צו פאַרניכטן און באַרויבן יידן. האָט אויפגעוואַכט און זיך צעבונטעוועט דער אַנטיסעמיטישער פלאַם. האָט גע־וועלטיקט דער נידעריקער לומפּ און המון צום רויב־לוסט פונעם יידישן פאַרמעגן. האָט מען זיך געטיילט: פאַר די דייטשן — גאָלד, בריליאַנטן און טייערע חפצים; פאַרן אָרטיקן לומפּישן המון — דאָס איבעריקע.

געענדיקט מיטן יידישן פאַרמעגן — האָט מען זיך גענומען צום יידישן לעבן. די פּריווילעגיע פון אויספירן טויט־עקזעקוציע, האָט געהאַט די עכט־דייטשע אַרישע ראַסע. די אָרטיקע לומפּן און פאַשיסטן האָט מען באַנוצט אַלס שפּיר־הינט. אויסשפּירן דאָס אָרט ווו עס באַהאַלטן זיך די נאָך לעבן־געבליבענע און זיי ברענגען צו די ריינע אַריער — און זיי וועלן שוין טאָן זייער רעכט, אויפן דייטשישן שטייגער, אין די טויט־לאַגערן פון מיידאַנעק און אַנדערע. אַזוי זענען אומגעקומען די יידן אין פּוילן.

היינט, מיט פינף יאָר צוריק, האָבן מיר איבערגעלעבט בהלה־טעג. די אַוויאַציע האָט געזייעט חורבן, צערודערונג און כאַאָס. אַ געלויפעריי פון אַלע עקן לאַנד קיין מזרח — זאַלעש־טשיקי, בריסק א״אַ. אַ געשטופּעריי, אַ געדראַנג אויף די וועגן: לוקסוס־אויטאָמאָבילן מיט גאָלד, מעדאַלן און שמאַלציקע בייכער; לאַסט־אויטאָס און פורן מיט מענטשלעכע לעבנס. אַלץ איילט אויף די וועגן פון רעטונג — די אונטערצינדער און די ברענענדיקע. דער ציל — אין פרעמדן לאַנד, איבערוואַרטן דעם פייער־שטורעם און בלייבן לעבן.

היינט, 1טער סעפּטעמבער, נאָר מיט פינף יאָר שפּעטער, ענגעגן אויך גרויסע וועגווייזער אויף די הויפּט־שליאַכן, נאָר זיי ווייזן אַן אַנדערע ריכטונג, נעמען פון אַנדערע שטעט זענען אויף זיי אָנגעצייכנט: אויף מערב, אויף וואַרשע. אויך היינט זענען די דאָזיקע וועגן פאַרפּולט מיט אויטאָס, אָבער נישט די לוקסוס־אַרטיקע. לאַסט־אויטאָס און שלעפּ־טראַקטאָרן; פערד

מיט רייטער. און פוסגייער, טאַנקן, פורן און מענטשן, אין גרי־נע מונדירן, באַוואָפנטע. זיי פאָרן און מאַרשירן אין פלאַנמע־סיקער אָרדענונג. יעדער באַוועגונג רעגולירט. מען איילט זיך. גיין און פאָרן שנעל, כדי ראַטעווען נישט זיך, נאָר די איבערגע־בליבענע אין דייטשישן אָקופּאַציע־גהינום. זיי אַנטלויפן נישט פון פייער און חורבן, נאָר יאָגן זיך מיט דער שטרעבונג פונאַנדער־שפּרייטן אַ ניי בראַנד־פייער פאַר די היטלער־דייטשן און אַ רע־טונגס־פייער פאַר אייגענע, איבערגעבליבענע אונטערן פאַשיס־טישן יאָך.

און פלאַטערדיקע פענער טראָגן זיי: „פאַר אייער און אונ־דזער פרייהייט". אין פייער ווילן זיי פאַרברענען און אויסברע־נען מיטן וואָרצל דאָס אַמאָליקע שלעכטע און בייזע און מיט געווער אין האַנט בויען און אויסבויען אַ היימלאַנד פאַר זיך און זיינס גלייכן, פאַרן פאָלק, פאַרן אַרבעטס־מענטש.

נישט אַלע וואָס מיר טרעפן דאָ, ווילן דעם דאָזיקן קאַמף אונדזערן. פאַראַן קעגנער און אין סטאַטוס־קוואָ זיך קלאַמערנדיקע קאָנסערוואַטיסטן. ס'איז נאַטירלעך, דייטשישע לאַנגיאָריקע פּראָפּאַגאַנדע האָט אין אַ געוויסער מאָס געווירקט. אונדזערע אייגענע רעאַקציאָנערן האָבן אונטערגעהאַלטן, גע־גאָסן וואַסער אויף די רעדער פון געבעלסעס פּראָפּאַגאַנדע־מיל. געשפּייזט דאָס פאָלק מיט שנאה. שנאה צווישן פעלקער און צום נייעם גייסט, וואָס שטראַלט אויף די באַגנעט־שפּיצן וואָס קומען פון מזרח. געזייט פּחד פאַרן נייעם וואָס קומט. זענען טאַקע אַ סך ווי צעטומלטע, ווייסן נישט וואָס צו טאָן. ס'האַרץ קוועלט און קלאַפּט שטאַרקער פון פרייד, ווען אייגענע זין און ברידער מאַרשירן אין פּוילישע מונדירן, מיטן פּוילישן אָדלער אויף די היטלען. מאַרשירן, איילן זיך צום שלאַכט מיטן נאָר־וואָס פאַריאָגטן ברוטאַלן אָקופּאַנט. יאָגן אים און פאַריאָגן פון דער אייגענער פּוילישער ערד. ברענגען דערלייזונג און פרייהייט אויך פאַר אַנדערע שטעט און דערפער.

דאָס האַרץ קוועלט. טאָ ווי קען מען אויסהאַלטן און

שטיין אין דער זייט גלייכגילטיק? רייסט זיך אינסטינקטיוו דער אויסגעשריי — „זאָל לעבן!" אַלטע מענטשן, ווייכע, ווישן זיך די אויגן און צלמען זיך — אונדזערע גייען, וואָס פאַר אַ פרייד! — אין דער זייט שטייט אַ שכן מיט אַ פאַרביסן אָנגע־שטרענגט פנים און מורמלט אין אויער: „באָלשעוויקעס, אי־בערגעטוענע, קלויסטער־צעשטערער, ג.פּ.או. און קאָלכאָז". אַ טייל ווידער שרעקט זיך און שטייט צעטומלטע, מיט געמישטע געפילן פון פרייד און אומצוטרוי.

ערשט ווען די מעכטיקע פייער־זאַווערוכע וועט אויסקערן דאָס דאָזיקע בייזע מיסט פון דער פוילישער ערד, אויסלופטערן די פאַרפעסטעטע אַטמאָספער, וועלן אַלע, אַלט און יונג, פרייען זיך מיטן גאַנצן האַרץ. זיך פרייען און בענטשן די שלאַכט וואָס ברענגט נצחון. פאַרקאַטשען די אַרבל און זיך שטעלן אין דער ריי פון בויער, מיטן געזאַנג פונעם נייעם ליד פון פרידן און גליק.

דערווייל גייען מיר ווייטער אונדזער וועג וואָס פירט אויף מערב און שמעטערן דעם שונא מיט צעגליטע מינעס, פייער און שטאָל. ראַנגלען זיך פאַרביסן. פאַרגיסן אונדזער בלוט און באַגראָבן אין שלאַכט געפאַלענע ברידער. די פוילישע ערד זאַפּט אין זיך איין דאָס בלוט פון אירע בעסטע קעמפערישע זין — איז דען מעגלעך, אַז פון דאָזיקן בלוט־פאַרזיי פון האָפע־נונג און גלויבן, זאָלן נישט אַרויסשפּראָצן די געגאַרטע זאַנגען פון זעטיקער מנוחה? ניין, נישט מעגלעך. נאָר מיט איין באַ־דינג, אַז מיר וועלן מיטן וואָרצל אויספּלעווען דאָס ווילדגראָז און שטעכעדיקע בייזע געוויקסן, פון אונדזער אַלעמענס פעל־דער.

ליבער מאיר, דוכט זיך, אַ ביסל צו פיל זיך צעשריבן. איך שרייב זיצנדיק אין אָקאָפּ און דעריבער בין איך שוין פון דעם אַ ביסל דערשעפּט, נערוועז. כ׳וואָלט געוואָלט ווייטער שרייבן. פאַראַן גענוג געדאַנקען־מאַטעריאַל. אפשר אַ צווייט מאָל. אָבער וואָס איז מיט דיר? שוין באַלד 2 וואָכן, אַז כ׳האָב נישט פון דיר קיין בריוו!

שרייב, ווייל כ׳וועל ברוגז ווערן און דיר גאָרנישט שרייבן.
פּראָסט פּשוט — ברוגז ווערן.
בלייב געזונט. גריס אַלע.

דיין שלמה.

☆ ☆ ☆

טייערע געניע!   5.9.44, אין די אָקאָפּעס.

דיינע קאַרטלעך פון 11.7 און 16.7 היינט דערהאַלטן. ליי־דער, איך קאָן ניט דערפילן דיין בקשה, ווייל כ׳בין שוין זייער ווייט פון ראָזשישטש. איצט געפין איך זיך אויפן וואַרשעווער פראָנט. איר מוזט דעריבער אַליין זיך באַמיען וועגן די באַ־שטעטיקונגען.

איצט, אויב איר ווילט זיך דערוויסן וועגן אייערע קרובים אין לובלין, שרייבט אויף דעם ווייטערדיקן אַדרעס: לובלין, ריבנע 8, יידישער קאָמיטעט. דאָס איז אַן אָפיציעלע אינסטיטו־ציע.

וואָס איז מיט מאירן? פאַר וואָס שרייבט ער נישט? איך האָב אים אַרויס געשיקט אַ ריי אינטערעסאַנטע בריוו. פאַר וואָס ענטפערט ער נישט? איך געזעגן דיך און שיק איבערן גרוסן.
שלמה.

☆ ☆ ☆

טייערער מאיר,   11.9.44

דיין קאַרטל פון 2.8 היינט דערהאַלטן. מיך פרייט זייער דאָס דערהאַלטענע פּעקל. קיין געלט באַדאַרף איך נישט. טו מיט די זאַכן ווי דו פאַרשטייסט. טוסט גוט וואָס טוישסט נישט די דירה, כדי נישט פאַרלירן דעם קאָנטאַקט מיטן שוואָגער. אַ באַפולמעכטיקונג וועל איך דיר צושיקן די טעג. אין לובלין איז

פאַראַן אַ יידישער קאָמיטעט, אויף ריבנע 8. וועגן אינפאָרמאַציעס שרייב צו זיי. דאָרט איז פאַראַן אַ רעגיסטראַציע־ליסטע פון אַלע לעבן־געבליבענע. האָסטו דערהאַלטן אַלע מיינע בריוו פון פראָנט? איך בין נאָך אַלץ אויפן פראָנט, לעב און בין געזונט. פאַר וואָס איז דיין שרייבן אַזוי קאַרג און נישט דייטלעך? זשאַלעווע נישט קיין פאַפיר. מאָרגן שיק איך אַ בריוו. געפעלן דיר מיינע בריוו? גרוסן.

דיין שלמה.

☆ ☆ ☆

ליבער מאיר, 13.9.44

איך שרייב דיר אין די אָפּרו־שעהן, בעתן מאַרש אויף וואַרשע. 26 טעג בין איך אָן אויפהער געווען אויפן פראָנט ביים טייך פיליצע. מיר האָבן געהאַט די אויפגאַבע אָפּצושלאָגן די דייטשישע קאָנטראַטאַקעס אויף דעם פראָנט־אָפּשניט — און די דאָזיקע אויפגאַבע פולשטענדיק דערפילט. געווען טעג און נעכט, ווען מיר האָבן אויסגעהאַלטן די פאַרביטערטע אַטאַקעס פון טאַנקן און לופט־פלאָט. מיר האָבן זיך דעמאָלט געפינען אין גיהנום־פייער פון אַלע זייטן. די ערד האָט געפיבערט און די לופט איז פול געווען מיט אַן אומבאַשרייבלעכער דונערייַ — טויב צו ווערן. אין אַזעלכע מאָמענטן פאַרלירן זיך, הייסט — טויט, פאַרניכטונג. אַלע דיינע חושים זענען אָנגעשטרענגט אין איין ריכטונג: אויסהאַלטן און גלייכצייטיק באַגעגענען דעם שונא מיט אַזאַ פייער, וואָס זאָל איבערשטייגן זיין אָנגריף־קראַפט. און אַזוי האָבן מיר געטאָן. געלאָזט זיין אַרטילעריע שיסן, שיצנדיק זיך אין די טראַנשייען. ערשט ווען די דייטשע פיעכאָטע און טאַנקן האָבן זיך דערנענטערט צו אונדזערע אָקאָפּעס אויף אַ מרחק פון אַ 50 מעטער, האָבן מיר געעפנט אַזאַ פייער־שטורעם פון אַלע מינים געווער: האַרמאַטן, מינען־וואַרפערס, פייער־וואַרפערס, מאַשין־געווער, אַווטאָמאַטן און

גראַנאַטן — און זייערע אָנגרייפנדיקע קאָלאָנעס האָבן זיך אַ וואַקל געגעבן, צעטומלט געוואָרן — און דאַן האָבן מיר געזען ווי הונדערטער פון זיי פאַלן, אַנדערע אַנטלויפן צוריק, אָבער דערגרייכן נישט זייערע אָקאָפּעס און פאַלן. נאָך יעדער אַזאַ שלאַכט, זענען הונדערטער פגרים זייערע געבליבן אויפן פעלד. מיר זענען אָפט אַרויס מיט קליינע פּאַרלוסטן פון געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע. געוועז אויך טעג, אַז מען האָט בכלל ניט געהערט קיין שאָס. ביידע צדדים האָבן געערדט און געקומען צו זיך. אַזוי זענען פאַריבער 26 טעג און נעכט אין אַן אָנגע־שטרענגטער נערוון־ און מאַרך־אויפּרעסנדיקער אַטמאָספער. איצט גייען מיר אויף פּראַגע, אָנטייל נעמען אין אָנגריף פון דער רויטער אַרמיי. אָן שום ספק, אַז פּראַגע וועט באַפרייט ווערן די טעג. דערנאָך קומט אַ ניי קאַפּיטל: קאַמף פאַר וואַרשע, וואָס וועט וואַרשיינלעך דויערן לענגער.

דערווייל גייען מיר איילנדיק, 35—40 קילאָמעטער טעגלעך. יעדער אָוונט, ווען מיר מאַרשירן אַזוי אויפן וועג פּראַגע—וואַרשע, האָבן מיר פאַר זיך אַ שטאַרק באַלויכטענעם שטח. דאָס פלאַקערט אַזוי וואַרשע. פון אַלע זייטן ברענט וואַרשע, טאָג און נאַכט. בייטאָג זעען זיך פון אומעטום רויך־וואָלקנס און ביי־נאַכט — אַ צעפלאַמטער הימל. דער בראַנדיקער הימל מאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק. די גאַנצע וועלט, דוכט זיך, ברענט און דו איילסט זיך צו דער שריפה נישט כדי צו לעשן זי, נאָר נאָך מע־רער צעבלאָזן און פונאַנדערפלאַקערן די שריפה ביז גאָר, אַז דער שונא זאָל ברענען, אַנטלויפן און פריי זאָל ווערן די הויפּט־שטאָט. אַ חורבע — אָבער אַ פרייע.

אינטערעסאַנט, אַז ווען סאָוויעטישע עראָפּלאַנען אַטאַ־קירן די ברענענדיקע הויפּט־שטאָט מיט צינד־באָמבעס און עס בושעווען אויף נייע פלאַמען — פרייט עס אונדז אַלעמען, מיר בענטשן דאָס פייער. אָבער ווען דו טראַכסט, אַז דייטשישע הענט האָבן אונטערגעצונדן הייזער און גאַנצע גאַסן — רייסט זיך אַרויס אַ קללה, אונדזערע טריט פאַרשנעלערן זיך וואָס נענטער צו דער שריפה, באַפרייען די שטאָט און ראַטעווען די

איבערגעבליבענע. און אין גדאַנק טויכט אויף די האָפענונג: אפשר, אפשר וועל איך נאָך טרעפן און באַגריסן די גאָר קליי־נע גרופּע יידישע מאַרטירער־העלדן, וואָס נעמען אָנטייל אין אויפשטאַנד. דריקן זייערע הענט און זיך פרייען מיט די ווייניק געבליבענע. אָבער ווער ווייסט, אפשר טרעפט זיי איצט דעם שונאס קוילן און זיין פאַלן ווי העלדן אין אויפשטאַנד פאַרן וואָיל, פרייהייט און גליק פון די געבליבענע... ניט־יידן — און פאַרענדיקן אַזוי זייער טראַגיש לעבן ווי די לעצטע מאָהיקאַנער.

יאָ, יאָ, מיין פריינד, ס׳איז אויך אונדזער טראַגעדיע, די טראַגעדיע פון די יידן־זעלנער, וועלכע קעמפן העלדיש, גייען מוטיק און אומדערשראָקן אין אַטאַקע, שלאָגן און יאָגן די דייטשע רוצחים און ...פאַלן. אָט איז ערגעץ אַ פריש קבר אין אַ זייט אויפן פעלד. פון דער ערד סטאַרטשעט אַרויס אַ קליין ברעטל־מצבה „פה נטמן״. אַ סך פעלד־קברים מיט הילצערנע צלמים האָב איך געזען, מיט אויפגעמאָלענע רויטע שטערנס, זייער אַ סך איינזאַם־צעוואָרפענע און ברידער־קברים. מען גייט זיי פאַרביי שטיל, מיט יראת־הכבוד. ווען אָבער טרעפסט אַזאַ קבר מיט דער אויפשריט „פּ. נ.״ — פאַרנעפּלט זיך דיין בליק. אַ גרויסער, מאַטערנדיקער פראַגע־צייכן שטעלט זיך: פאַר וואָס? פאַר וועמען?

אַ גליק, וואָס אונדזער טראַגעדיע איז אַלעמענס טראַגע־דיע, פון דער גאַנצער וועלט. אָבער מיר האָבן צו טייער באַצאָלט. אונדזער טאָג צו מאָרגנס נאָכן נצחון — איז אַן אבל־טאָג. לאַנג, זייער לאַנג וועט דויערן, ביז מיר וועלן זיין פעיק צו שמייכלען און זיך פרייען, כדי באַרויקטע קאָנען געניסן פון די פרוכטן פון שלום.

דערווייל איז קריג, אמת — סוף קריג, אָבער אונדזער בלוט וועט ווייטער פליסן און ווידער וועלן מיר איבערלאָזן איינזאַמע קברים אויפן וועג צום נצחון. אָבער נישט שוין ווי שטילע שעפעלעך פון געטאָ, נאָר ווי בראַווע זעלנער און נקמה־נעמער.

ש ל מ ה.

מאיר, כ׳וואָלט געשריבן מערער, נאָר ס׳איז מיר נישט מעגלעך. אַז כ׳וועל זיין אויף אַ באַקוועמער אָרט, וועל איך נאָך שרייבן. גרוס אַלעמען און שרייב.

☆ ☆ ☆

טייערער מאיר, 22.9.44

דיין קאַרטל פון 27.8 דערהאַלטן. נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז דו שרייבסט גאָרנישט, איך זאָל פאַרשטיין ווי אַזוי דו לעבסט און ווי אַזוי עס גייט דיר. וואָס שייך דעם יידישן קאָמיטעט ביי דער ז.פ.פּ. האָסטו גוט געטאָן, וואָס האָסט צו זיי געשריבן. פאַררוף זיך אויף לעאָ פינקעלשטיין און אַנדערע קאָמיטעט־מיטגלידער. איך בעט דיך זאָלסט אָנשרייבן אַ ספּעציעלן בריוו צום קאָמיטעט, אַז מען זאָל מיך אַרויסרופן צו מיטאַרבעט. אַז זיי וועלן פאַרלאַנגען, וועט מען פון מיליטער מיך אָפּקאָמענדירן אין יידישן קאָמיטעט. שרייב אַ קורצע כאַראַקטעריסטיק וועגן מיר און גיב זיי איבער דעם נומער פון מיין פעלד־פּאָסט.

מאיר! זאָרג וועגן דעם און באַמי זיך. דיר איז לייכטער צו שרייבן און זיך באַמיען פאַר עמעצן. איך בין אַ פּלוטאָנאָווי, פּאָליטיש־דערציערישער אונטעראָפיציר. איך לעב און בין געזונט.

איצט בין איך לעבן וואַרשע, ווו עס האָט זיך געפונען דער ספּאָרט־קלוב „זשאַר". אין גיכן וועלן מיר זיין אין וואַרשע. גרוסן פאַר אַלע.

דיין שלמה.

איך בעט דיך — שרייב דייטלעכער און מערער.

☆ ☆ ☆

ליבער מאיר, 1.10.1944 — וואַרשעווער פּראָנט.

דיין קאַרטל פון 25.8 היינט דערהאַלטן. פון די געציילטע קאַרגע ווערטער באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז מיינע בריוו ווירקן אויף אייך פּאַטאַל. איר זענט געזעסן צופרידן, גליקלעך, יעדער איינער אונטער זיין פייגנבוים און געחלומט וועגן דעם געגאַרטן מאָרגן פון נאָכן מלחמה־טאָג. דער רוב פון אונדז אַלע האָבן באַטראַכט דאָס לעבן אין דער מלחמה־צייט אַלס געצווּנגען גלות־לעבן, אַ פּאָריבערגייענדיקער קאָשמאַר, וואָס וועט שנעל פאַרגעסן ווערן, אויסגעריסן ווערן, ווי בלעטלעך פון אונדזער יאָר־קאַלענדאַר. געמיינט, אַז גלות־יאָרן רעכענען זיך נישט. היימלאַנד, אויף אַ לעבן־לאַנג אויסגעטראָטענע ערד און גאַסן, אייגן הויז, אייגן בעט, ביי זיך דאָרט, „אין דער היים" — דאָס איז לעבן. דאַקעגן דאָס איצטיקע — איז גאָר־נישט. מיר וועלן דאָרט, אין דעם היימלאַנד, באַנייען אונדזער לעבן און זיך אָפּנעמען פאַר דער אומגערעכנטער מלחמה־צייט. געזעסן אונטער דעם אויסגעדוכטן פייגנבוים, געחלומט וועגן היים און מאָרגנדיקן גליק, שלום. זענען אָנגעקומען צו אייך מיינע בריוו, ווי שוואַרצע בית־עולם־פייגל. יעדער טינט־ווערטער־פלעק האָט איבער אייך אַ פּאָכע געטאָן מיט שוואַרצן טוך — און איר זענט צוזאַמענגעבראָכן, אַרויס געריסן געוואָרן פון אייער חלום און טרוים־לעבן. אַ שוואַרצער נעפּל פאַרשטעלט אייער בליק, איר קאָנט נישט דערזען דעם אייגנטלעכן מאָר־גנדיקן טאָג.

מיין ליבער! נישט איך בין שולדיק אין דעם וואָס ס׳האָט ווער ניט געוואָלט, אָדער ניט געקאָנט אין משך פון דער גאַנ־צער גלות־צייט זען מיט אָפענע אויגן דעם וועלט־בראַנד, באַזונ־דערס — אונדזער יידן־בראַנד. איך בין ניט שולדיק, וואָס מיינע בריוו, באַשריבענע ברעקלעך־איינדרוקן פון בלויז אַ טייל גע־זעענער ווירקלעכקייט, און דאָס פון דער זייט, האָט אויף אייך אַזוי שטאַרק געווירקט, אָנגעוואָרפן אַ פּעך־שוואַרצן אומעט־טרויער. אויך איך בין פול מיט ווייטיק און אומעט, אויך איך

קאָן נאָך הײנט־צו־טאָג נישט לאַכן, כ׳האָב פאַרלוירן די אי־נערלעכע פרייד, אָבער נישט געוואָרן צוזאַמענגעבראָכן, נישט אַריין אין פאַרצווייפלונג. דער טיפער, אינערלעכער טרויער־ווייטיק האָט געבוירן האַס און נקמה־דראַנג. האַס צום פאַר־פוילטן וועלט־עיפוש, וואָס האָט אויסגעטראָגן דעם היטלע־ריסטישן שרץ; האַס צו די כעמיקער פון דער וועלט־לאַבאָראַ־טאָריע וואָס האָבן אַרויס גערופן צום לעבן, געלאָזט פרוכפּערן די באַצילן פון פאַשיסטישער דזשומע; האַס קעגן די, וואָס האָבן מיט פרעמדע הענט געוואָלט אונטערצינדן איין טייל וועלט מיט יידישע קין־שפּענדלעך — און — נאַראָנים! — גע־מיינט, אַז פייער־פלאַמען וועלן פאַרהאַלטן ווערן דורך ווייס־געפאַרבטע גרענעץ־סלופּעס; אַז דזשומע־באַצילן קאָנען געריכ־טעט ווערן דורך דיפּלאָמאַטישע וואַסער־קאַנאַלן. אָט וואָס ס׳האָט אַרויס גערופן נקמה־דראַנג קעגן די יידן־הענקער, יידן־אומברענגער און זייערע מיטהעלפער, די פאַלשע שכנים, וואָס לפנים שענקען זיי אין דער זייט אַ קרעכץ — און הינטער דיר האַלטן זיי נאָך גרייט דאָס יידן־מעסער.

מיט יעדן טאָג אויפן שלאַכטפעלד, ווערט מיר לייכטער אויפן געמיט. די האַס־ און נקמה־געפילן, פאַרוואַנדלטע אין טאַט, באַרויקן, אַזוי איז די אויטאָמאַטישע ביקס און מיין מינען־וואַרפער געוואָרן דער פייער־אינסטרומענט, דורך וועלכן איך שפּיל אויס, מיט בליי און פייער, מיין צער־און־צאָרנדיק נקמה־ליד.

בין איך רואיק? ניין! אָבער נישט פאַרצווייפלט. די שבעה־טעג זענען שוין לאַנג פאַרביי. נאָך איז מיין נשמה באַשאָטנט פון שוואַרצן אָבל־באַנד, אָבער ס׳איז שוין נאָך די שלושים. און דאָס נייע, אויפגייענדיקע לעבן רוישט און רופט, קלאַפּט אָן אויך אין מיין האַרץ־טיר. ס׳קומט די צייט אַרויסצוגיין פון דער גלות־תיבה, נאָך דעם יידן־פאַרניכטנדיקן מבול. עס זעט זיך נאָך נישט געגנוי די פאַרב פון איילבירטן־בלאַט, וואָס עס טראָגט אין מויל די מלחמה־זיגערישע טויב, גרין און יונג ווי דאָס נייע פרישע לעבן וואָס קומט אָדער בליט פון מלחמה־בלוט

און בלוטיק אויסגעקעמפטן פרידן און פרייהייט. דערווייל האַלט איך פעסט אין האַנט מיין אויטאָמאַט, כדי צוזאַמען מיט אַלע פרייהייט־ליבנדיקע מענטשן־סאָלדאַטן באַפאַרבן דאָס נייע בילד פון דער וועלט־אָרדענונג מיט אַזאַ פאַרב, וואָס וועט אויסשטראַלן גליק און פרידן, פרייד און רו פאַר אַלע מענטשן־קינדער.

דער דאָזיקער זין אין מיין היינטיקן שלאַכט־לעבן לאָזט טריפן היילנדיקע באַלזאַם־טראָפּנס אויף דער אייטערדיקער ווונד פון יידישן חורבן. איר האַלט נישט קיין ביקס אין האַנט, באַהערשט אייער ווייַ. שטאַרקט זיך, גרייט אָן פרישע כוחות צום נייעם לעבן וואָס גייט אויף אין זיגרייכן שלאַכט, קרעפּטיקט דעם גייסט פון לעבנס־דראַנג און אָפּטימיזם. נישט פאַרגעסן אין די נאָענטע און ליבסטע געפאַלענע קדושים, שטענדיק געדענקענדיק אין זיי — גיין צום נייעם לעבן. צו להכעיס די שונאים, בויען פאַר זיך, פאַר דער גאַנצער עדה לעבן־געבליבענע יידן, נעסטן פון גליק און נייעם לעבנס־לוסט — דאָס איז זיכער די נישט־דערזאָגטע צוואה פון אונדזערע געפאַלענע קדושים. „שמיד אויס, דו מענטש, אַ האַרץ פון שטאָל און אייזן" (ביאַליקס אין „שחיטה־שטאָט"), שטאַרקט, קרעפטיקט אייער גייסט, גרייט זיך צו גיין אויפן נייעם וועג פון אייער לעבן.

שלמה.

ליבער מאיר! ס׳איז מיר שווער צו שרייבן. איך שרייב אויפן פראָנט, זיצנדיק אין אָקאָפּע, אונטערן פייער. אמת, איך בין נישט געפערלעך באַדראָט פון פשוטע קוילן, אָבער מינעס און סנאַריאַדן רייסן אויף יעדער מינוט אין מיין ראַיאָן און די נערוון זענען אָנגעשטרענגט און טיילווייז דערשעפּט.

ליבער מאיר! איך האָב דיר שוין געשריבן, אַז זאָלסט אָנשרייבן אַ בריוו צום יידישן קאָמיטעט און פאָרלייגן מיך איינצולאַדן מיטצואַרבעטן. כ׳גלויב, אַז דיינע אַ געהעריקע ווענדונג קאָן האָבן דערפאָלג. איך זעלבסט קאָן נישט שרייבן. זע טו דערין. אַ „דאָוויערעננאָסט" וועל איך דיר די נאָענטסטע

טעג אַרויס שיקן. דער אייגנטימער פון „ספּאָרט״ לעבט נישט. די פאַבריק איז פאַרניכטעט. אין פראַגע זענען געבליבן אַ פּאָר צענדליק יידן גבירים. מיט גאָלד זיך געראַטעוועט.

בלייב געזונט! גריס אַלע און שרייב אָפּט.

שלמה.

☆ ☆ ☆

ליבער מאיר, 3.10.1944 — וואַרשעווער פּראָנט

קאָן זיין, אַז וועסט מיך נישט פאַרשטיין, איך טרינק. אַלע טאָג שיכור איך. צוזאַמען מיט מיינע וואָפן־חברים. אַנדערע ווילן פריילעך זיין, פאַרשיכורן זיך, ווייל היינט לעב איך — זאָגן זיי — און מאָרגן אויס... ס׳איז פּראָנט. ווער ווייסט ווען ס׳איז רייַ עס קומט צו קילן די ערד — אַ צעבלוטיקט־אויפגעריסענער. טאָ לאָמיר שיכורן, פאַרגעסן, נישט טראַכטן וועגן דער ריי... נאָך אַנדערע, יונגע, פול מיט לעבנס־לוסט, ווילן טאַנצן, שיכורן, געניסן און פאַרוויילן זיך. זיי זענען אויפגעוואָקסן, רייף געוואָרן אין די מלחמה־יאָרן. דעריבער: פאַר זיי, די יונגע, איז די מלחמה־צייט נישט קיין פאָריבערגייענדיקער פּעריאָד — נאָר אַ נאָרמאַל לעבן. יוגנט־בלוט פולסירט שטאַרקער, האַסטיקער. שלאַכטן, פּראָנט האָט נאָך מערער צערוישט, אויפגעקאָכט און אָנגערעגט זייערע געבליטן — איז נאָך שטאַרקער זייער לעבנס־דראַנג, רייסן זיי זיך מיט אימפּעט צום לעבן און ווילן פון גאָרנישט וויסן. חי — געלעבט. טאָ גיב אַהער בראָנפן, געזאַנג, פרייד און פרויען.

און איך? אויך איך טרינק מיט זיי, כדי זיך אויפהייטערן, אַ ביסל זיך באַרוישן, פאַרלייכטערן די ווייען פונעם טאָטשענדיקן וואָרעם, וואָס גריזשעט און נאָגט אויס דעם מאַרך; כדי די אויגן מיינע זאָלן זיך פאַרמאַכן אין די לאַנגע נעכט, ליגנדיק אויפן האַרטן ערד־געלעגער; כדי איינצוויגן, איינצושלעפערן מיינע אויפגערוישטע, צעהוליעטע נערוון. איך וויל אויפ־

הערן טראַכטן כאָטש אויף אַ צייט, פאַרטרייבן די מחשבות וואָס פייניקן. איז טרינק איך און שיכור צוביסלעך. אָפט ווערט מיר דערפון לייכטער, אָבער עס טרעפט, אַז ווען עס מישט מיר אין מוח און פאַר די אויגן איז אַלץ פאַרנעפּלט, פאַרשלייערט — באַווייזן זיך פייערדיקע פרעגצייכנס, וואַקסן, מערן זיך, שפּרונגען און טאַנצן פון אַלע זייטן, פאַרגיסן מיך מיט זייערע ברענענדיקע פייער־שפּיצן. אָ, דאַן לעב איך איבער גהינום־זעאונגען, ווייטיק ביז משוגעת און קאָן זיך קיין אָרט ניט געפונען, ביז איך שלאָף איין.

קאָן זיין, אַז כ׳לעב איבער, ווייטיק איבער דאָס אַלץ אויף אַ קראַנקהאַפטן אופן, אָדער אפשר דערפאַר, ווייל כ׳זע די ווירקלעכקייט וואָס שפּיזט אַדורך די צווייטע, פאַרשטעלטע זייט אירע. קאָן זיין, אַז כ׳נעם אויף צו טראַגיש די מיר געשטעלטע פראַגע פון אַ פּוילישער דאַמע, אַ געשמינקטע און מאַניקירטע: „וואָס ווערט זיין מיט די איבערגעבליבענע ייִדן?״ קאָן זיין, אַז אויף מיר האָט פאַטאַל געווירקט די איבערגעשראָקענע ייִדישע פרוילין מיט בלאָנדע האָר און „אַרישן״ אויסזען, מיט אַ פּוילישן דאָקומענט, שוין אַ וואָך נאָכן זיין פון פּוילישן און רוסישן מיליטער אין לובלין, וועלכע האָט, בעתןריידן מיט מיר, נאָך אַלץ זיך אַרומגעקוקט ווי אַ דערשראָקענער האָז אויף אַלע זייטן און אומזיסט, אומנייטיק, זיך געבעטן, איך זאָל, חלילה, קיינעמען נישט אויסזאָגן אַז זי איז אַ ייִדישקע, ווייל אַפילו די אינטעליגענטע פּוילישע פאַמיליע ביי וועלכער זי וווינט, ווייסט נישט, אָדער זיך נישט געמאַכט וויסן, אַז זי איז אַ ייִדישע.

קאָן זיין, אַז דאָס האָבן אַזוי געווירקט די פרישע פעלד־קברים פון די אין שלאַכט געפאַלענע ייִדישע זעלנער־העלדן אין קאַמף קעגן דייטשישן פאַשיזם און פאַרן גליק פון... ייִדן־ריינעם פּוילן. קאָן זיין... קאָן זיין... אַ סך „קאָן זיין״ וואָלט איך געקאָנט אָנשרייבן, כ׳וויל אָבער נישט אַז מיין בריוו זאָל ווער פאַרשוואַרצן. ער ווערט אָבער איבערגעבן די דאָזיקע שטימונגען מיינע. דאָס זענען האַרבסטיקע שטימונגס־מאָטיוון,

היינטצייטיקע ימים־נוראים־ווייען, אַ ווידערקול פון אַ כל־נדרי ניגון. ס׳וועט איבערגיין, נאָר דערווייל איז אַ גוטע רפואה אַ גלאָז בראָנפן... אויסגעטרונקען „לחיים" פאַר אַלע לעבן־געבלי־בענע טייערע האַרציקע יידישע מענטשן־קינדער. איך גלויב, כ׳בין שטענדיק דער אָפּטימיסט, אַז די זון וועט אויך פאַר אונדז שיינען און שטראַליק באַגליקן אונדזער ניי און באַנייט לעבן.
שלמה.

ליבער מאיר, כ׳וואָלט זייער געוואָלט, אַז מיינע בריוו זאָלן דיך נישט באַווירקן. דאָס זענען מיינע אינדיווידועלע, פאַריבער־גייענדיקע שטימונגען. כ׳וואָלט זיי דיר נישט געשיקט, נאָר כ׳וויל פּשוט זיי זאָלן דורך דיר געזאַמלט ווערן. ביי מיר, אויפן פראָנט, לאָזט זיך נישט פאַרהאַלטן דער דאָזיקער מאַטעריאַל. אגב, מיר איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ זייער אינטערעסאַנטער טאָגבוך מיט פאַרשריבענע נאָטיצן.

איך בעט דיך טאָן עפּעס וועגן מיר און שרייב דעם יידישן קאָמיטעט, ער זאָל מיך איינלאַדן צו זיין אַרבעט. אַ באַפּול־מעכטיקונג פאַר דער פּאָסט שיק איך דיר די טעג. איך וועל אויך שיקן אַ מיליטערישע צייגעניש פאַר גיטעלען אויף הילף פון ז.פּ.פּ. אויב ס׳וועט מעגלעך זיין, וועל איך זיך באַמיען פאַר דיר אַן אויספאָדערונג קיין לובלין.

בלייב געזונט, גריס אַלע און שרייב. דיין שלמה.

פּ. ס. כ׳בין געוועזן היינט ביי „ספּאָרט"ן. אַלץ איז צע־שטערט. קיינעם נישט געטראָפן.

☆ ☆ ☆

ליבער מאיר, 5.10.44 — וואַרשעווער פראָנט

מיר דערמאָנען זיך איצט די באַשרייבונגען פון דער צייט פון שפּאַנישן בירגער־קריג אין מאַדריד. די הויפּטשטאָט פון שפּאַניע איז דעמאָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אומצאָליקע פעסטונג־פּונקטן. גאַסן־קאַמפן, באַריקאַדן, אַרטילעריע־פייער

און באַמבעס פון דער לופט פאַרניכטן הייזער און גאַסן, צינדן אָן שריפות. און אין צווייטן טייל שטאָט שפּילן טעאַטערס, קינאָס, דזשאַז־אָרקעסטערס דערלאַנגען טאַנץ־מוזיק אין די נאַכט־לאָקאלן. אין איין קוואַרטאַל גיסט זיך בלוט, מענטשן פאַלן — און אין צווייטן טייל שטאָט גיסט זיך... שאַמפּאַניער און מענטשן פאַלן... אין שיכרות.

מיר דאָ געפינען זיך אויף דער פאָדערשטער פראָנט־ליניע, ביי דער ווייסל. אונדזער פּאָזיציע — צווישן האַלב־ און גאַנץ־צעשעדיקטע הייזער־בלאָקן. מיר שיסן אַריבער אויף דער צווייטער זייט ווייסל, צו די דייטשן. מיר ווערן אויך באַשאָסן פונעם שונא, צומאָל גאַנץ העפטיק. דאָס שטערט אָבער גאָרנישט אונדזער אָפּטיילונג איינצואָרדענען יעדן אָוונט אַ דאַנסינג. מיר האָבן אויסגעקליבן אַ גרויסע שטוב פון די פאַרלאָזטע וווינונגען, אַריינגעשטעלט אַ פּאָרטעפּיאַן, געשאַפן אַ גראַמאָפאָן מיט פּלאַטן — און יעדער אָוונט איז טעטיק דער טאַנץ־לאָקאַל. טענצערינס פעלט אויך נישט אויס. אין דעם הייזער־בלאָק זענען געבליבן אַ 30 משפּחות. דער רוב — פרויען (די מענער האָט דער דייטש מיטגענומען ביים אָפּטרעטן פון דאַנען). טאַנצט מען. צום ערשט האָט מען זיך זשענירט, געקומען אין טאַנץ־לאָקאַל בלויז אַ קוק געבן ווי זעלנער ווילן זיך אויפן פראָנט. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז באַקענט זיך, געלאָזט זיך פאַרבעטן צום טאַנצן און היינט — זענען שוין באַלד דאָ מערער פרויען ווי זעלנער. פון די שכנותדיקע הייזער קומט מען און מ׳טאַנצט. באָמבעס און שראַפּנעלן באַדראָען נישט, מ׳איז אין „סכראָן”. טאָ פאַר וואָס טאַקע נישט פאַרווײַלן זיך, שפּילן זיך אין ליבע און געניסן וויפל עס לאָזט זיך?

עס טרעפט זיך, אַז אין מיטן רוישיקן טאַנצן, שפּרינגט אַריין דער דעזשורנע־אָפיציר מיט אַ באַפעל: „אַלע אויף די פּאָזיציעס!” מאָמענטאַל ווערן די זעלנער אַנטרונען פונעם טאַנץ־זאַל, אַ מינוט שפּעטער פליען שוין די פייערדיקע מינעס. פונעם אָבסערוואַציע־פּונקט דיריגירט מיטן פייער דער בריגאַדע־שעף. עס פאַלט דער באַפעל: „גענוג!” קומען זיך ווידער צונויף די

זעלנער־טענצער, אויפגעהייטערטע, לעבעדיקע — און היידאַ! — ווייטער געטאַנצט. אַ שאָד יעדער מינוט. טוליען זיך ווידער געשמינקטע מיידלעך און לעבעדיקע אלמנות צו גיריקע זעלנער־מענער אין טאַנץ, וועלכער באַנט אַ וועג צום שלאָפצימער.

דעמאָראַליזאַציע? ניין! ס׳איז מלחמה. די מלחמה האָט „איבערגעשטעלט די רעלסן", אויף וועלכע עס גליטשן זיך ניי צוגעפּאַסטע באַגריפן וועגן לעבן. ווער עס וואַרט ביז די וועלט וועט אויסלייגן נייע רעלסן, אויף וועלכע עס וועט קאָנען פאָרן דער צוג לויט זיינע אויפפאַסונגען און באַגריפן — דער שטייט אין אַ זייט. די צייט וועט ווייזן ווער ס׳איז געווען גערעכט. דערווייל גייט דער טאַנץ.

איך בין אַ פּאָר מאָל געגאַנגען און געוואָלט מיטטאַנצן. סוף־כל־סוף לעבן מיר דאָך מיט דער מינוט. דער טויט לויערט אויף יעדן פראָנטלער. מיר ווייסן נישט די העכערע מאַטעמאַטיק פון ציילן לעבנס־יאָרן. מיר ציילן לעבנס־טעג. „איבערגעלעבט נאָך אַ טאָג!" — באַגריסן זיך פראָנט־חברים. טאָ פאַר וואָס טאַקע נישט אויסנוצן יעדער מינוט און געלעגנהייט? כ׳בין געגאַנגען טאַנצן — אָבער עס טאַנצט זיך נישט. ס׳איז נישט מיין חתונה. איך בין דאָ דער זייטיקער — כ׳פיל עס — דער אומגעוווּנטשענער. גיי איך צוריק אין מיין קעלער און טראַכט: צו אַלדי רוחות, ווּ און ווען וועל איך, אָדער מיין ברודער, קאָנען טאַנצן ווי צווישן אייגענע, פרייען זיך און גע־ניסן?

*

דאָ לעבט זיך ווי אויפן עולם התוהו. אויף אַ טייל גאַסן, וועלכע ווערן פון צייט־צו־צייט באַשאָסן פונעם שונא, זעט מען נישט קיין לעבעדיקן מענטש. מיט 100 מעטער ווייטער, אויף אַנדערע גאַסן — גייט אַ לעבן. מען האַנדלט און וואַנדלט. אַלץ קריגט מען צו קויפן. מען שפּאַצירט. ווען נישט די האַרמאַטן־דונעריי און די אויסגעהאַקטע פענצטער־שויבן, וואָלסטו אויף די גאַס נישט דערקענט, אַז גאָר־גאָר נאָענט איז דער פראָנט, אַז ס׳איז מלחמה.

יאָ, מיין פריינד, דער מענטש דאָס איז צופּאַסונג־פעיקייט און לעבנס־דראַנג. אונטערן פייער, אין די אָקאָפּעס, טוליעט זיך דער מענטש צו דער ערד, באַגראָבט טיפער דעם קאָפּ; אַוועק פון די אָקאָפּעס — איז געטאַנצט זאָל ווערן, געניסן און לעבן.

דיינע קאַרטלעך פון 25.8 און 27.8 דערהאַלטן. שרייב מיר צי דערהאַלסט אַלע מיינע בריוו. איך שרייב דיר יעדע פּאָר טעג אַ בריוו. דערמאָן אין יידישן קאָמיטעט וועגן מיר. אַ „דאָוויערעננאָסט" שיק איך די טעג אַרויס. שרייב פּאָרט אָן אַ געהעריקן בריוו.

גרוס אַלע. עס פרייט מיך וואָס מיינע בריוו לייענען אַלע, כאָטש עס זענען פאַראַן אַ סך אָנגעפּיקעוועטע נאַרישקייטן. אָבער פאַרשטיי, אַז וועגן סטיל, אינהאַלט אאַז״וו אין פראָנט־באַדינגונגען, קאָן נישט זיין קיין רייד. איך רייד זיך איבער מיט אַ נאָענטן אין די בריוו. דאָס איז אַלץ. זאָג מיינע פריינד, אַז זיי זאָלן מיר שרייבן. ס׳איז אַ פרייד צו דערהאַלטן אַ בריוו אויפן פראָנט. בלייב געזונט.

דיין שלמה.

☆ ☆ ☆

7.10.1944

טייערער מאיר,

אין דעם בריוו שיק איך דיר איבער 2 עקזעמפּליאַרן פון אַ „דאָוויערעננאָסט", כדי דערמעגלעכן דיר אָפּצונעמען פאַר מיינעטוועגן פּאָסט און אַ פּעקל.

ביי מיר — קיין שום נייעס. איך געפין זיך נאָך אַלץ ביי דער ווייסל. אויף דער פאָדערשטער ליניע פון פראָנט. מיר גרייטן זיך צו דער ענטגילטיקער שלאַכט פאַר וואַרשע. אין וואַרשע האָט די אָנפירונג פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" (סאָסנקאָווסקיס מענטשן), באַפוילן די אויפשטענדלער צו קאַפּיטולירן. האָבן די וואַרשעווער איינוווינער אויפגעהערט קעמפן צוליב דער פאַררעטערישער אָנפירונג פון סאָסנקאָווסקי און באָר־קאָמאָראָווסקי. אַזוי איז דער פריצייטיק אַרויסגערופענער

אויפשטאַנד, אָן אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער רויטער אַרמיי, פונקט ווי די איצטיקע קאַפּיטולאַציע, נאָך איין גרויס פאַר־ברעכן פון דער רעאַקציאָנערער קליקע (אָ.ז.ג.). וואַרשע וועט באַפרייט ווערן דורך דער רויטער אַרמיי, באַזאַמען מיט דער פוילישער אַרמיי, אָן סאָסנקאָווסקיס, צי באָר־קאָמאָראָווסקיס הילף — און דאָס אין גיכן.

איך בין היינט געווען אין דער פאַבריק „ספּאָרט". אַלץ פאַרניכטעט, די אייגנטימער זענען נישטאָ. בכלל זענען אונדזע־ריקע דאָ זייער ווייניק, עטלעכע צענדליק מענטשן. פון לובלין באַקום איך נישט קיין שום בריוו, הגם איך האָב געשריבן צום יידישן קאָמיטעט אויף ריבנע 8 און צו שלימאַקן.

לעצטנס ווידמע איך אַ סך מחשבה דעם יידן־פּראָבלעם אין פוילן. נאָכן אומברענגען כמעט אַלע יידן, זעט דער ענין אין גאַנצן אַנדערש אויס ווי אַמאָל. איך וועל זיך באַמיען אין גיכן אַלזייטיק באַאַרבעטן דאָס איצט נאָך מער ווי פריער ווייטיק־לעכע פּראָבלעם, און אויב ס׳וועט זיין מעגלעך, אָנשרייבן וועגן דעם. דערווייל באַגנוגן איך זיך בלויז מיט נאָכטראַכטן.

זיי געזעגנט, זייט געזונט און שרייב אָפט און מערער, קאַרג נישט קיין פּאַפּיר. איך האָב דיר לעצטנס געשיקט זייער אַ סך בריוו אין יידיש. האָסטו זיי דערהאַלטן? איך בעט דיך אין דיינע בריוו אָנשרייבן יעדעס מאָל, אַז „דיין בריוו פון דעם און דעם האָב איך דערהאַלטן, אין וועלכן באַשרייבסט דאָס און דאָס". ווייל איך ווייס דאָך נישט וועלכע בריוו דערהאַלסט און וועלכע נישט און די בלויזע דאַטע דערמאָנט מיר גאָרנישט. איך גריס אַלע נאָענטע. זאָל זיך קיינער נישט באַליידיקן וואָס איך רעכן נישט אויס זיין נאָמען און מיר שרייבן.

ש ל מ ה.

ביטע גריסן לערערן און דוד שטאָקפּיש. איך בעט דעם אַדרעס פון צוקערמאַן און שיף.

☆ ☆ ☆

ליבער מאיר, 10.10.44 — וואַרשעווער פּראָגנע

נאָך אייניקע טעג איבעררייס, שרייב איך ווידער. אין די לעצטע טעג האָט מיך אַבסאָרבירט די יידן־פּראַגע אין דער נאָך־מלחמהדיקער אייראָפּע און באַזונדערס אין די לענדער פון די געוועזענע יידישע מאַסן־ישובים, ווי פּוילן און רומעניע. איך שטרייך אונטער: געוועזענע, ווייל נאָך דער דייטשישער אָקו־פּאַציע־הערשאַפט, האָבן די דערמאָנטע לענדער אויפגעהערט צו זיין יידישע מאַסן־ישובים. זיי זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לענדער פון יידישע מאַסן־קברים, מאַסן־פאַרניכטונג און אויסראָטונג.

דער גאַנג פון די קריגס־אָפּעראַציעס האָט היפּשע מאַסן יידן פונאַנדערגעשטויבט אין פאַרשידענע לענדער און וועלט־טיילן. נאָך דער מלחמה וועלן די דאָזיקע אויסגעוואַנדערטע מאַסן, בעסער געזאָגט, אַ גאַר גרויסער טייל, אָדער דער רוב פון זיי, ווידער נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט, אַ מערהייט וועט צוריק אין זייערע וווין־ערטער, אַ טייל אָבער — אויף נייע ערטער, כדי זיך אויסצובויען נייע פּרנסה־ און לעבנס־מעגלעכ־קייטן.

איך וועל זיך דאָ אָפּשטעלן אויף דעם טייל יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון פּוילן און געפינען זיך אין ראַטנפאַרבאַנד. ס׳איז ליידער נישט פאַראַן קיין סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן וועגן דער צאָל. ס׳וועט אָבער נישט זיין איבערגעטריבן, ווען מיר וועלן אָננעמען די צאָל פּוילישע יידן אין ראַטנפאַרבאַנד אויף אַן ערך 250 טויזנט. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי האָבן אין משך פון די 5 יאָר צו ביסלעך זיך איינגעאָרדנט, צוגע־וווינט זיך צום נייעם לעבנס־שטייגער און בכלל אַריין אינעם פּראָצעס פון אַקלימאַטיזירן זיך אין רוסלאַנד, וועט דאָך די אַבסאָלוטע מערהייט יידן, צוליב פאַרשידענע סיבות (פאַמי־ליאַרע, פאַרמעגנס, ווי אויך דער נאַטירלעכער דראַנג זיך אומ־צוקערן אין דער היים־פאָטערלאַנד), צוריק קומען קיין פּוילן

מיטן בפירושן ווילן און מיין זיך איינצואָרדענען צוריק אויף די אַלטע ווּין־ערטער.

מיר קאָנען נישט נאַטירלעך פעסטשטעלן זייער גענויע גרייס און צאָל. ס׳איז אויך אוממעגלעך פעסטצושטעלן וויפל יידן זענען געבליבן אין פוילן גופא, אָבער לאָמיר אָננעמען, אַז דער ציפער וועט דערגרייכן די 250 טויזנט. דאָס איז צוזאַמען — די צוריק איינגעוואַנדערטע מיט די געבליבענע. פון דריי און אַ האַלבן מיליאָן יידן אין פוילן, וועט אַלזאָ אין דעם ערשטן נאָך־מלחמה־יאָר זיין נאָך ביי אַ 7 פּראָצענט פון אַמאָליקן יידישן מאַסן־כלל!

(אויף דעם אָרט איז אָפּגעשטעלט דאָס ווייטערדיקע שרייבן וועגן יידן־פּראָבלעם נאָכן קריג. אויף דעם ליידיק־פּאַר־בליבענעם פּאַפּיר האָט שוין ווער אַנדערש פאַרענדיקט דעם דאָזיקן בריוו — דער פּאָדפּאָרוטשניק י. ווילדשטיין, וועל־כער טיילט מיט וועגן טויט פון שלמה מיטעלמאַן, וועלכער איז דעם 21סטן נאָוועמבער 1944 פאַרוווּנדעט געוואָרן אין קאָפּ און מיט צוויי טעג שפּעטער — נפטר געוואָרן אין שפּיטאָל. ווילדשטיינס צושריפט גיבן מיר צום סוף פון שלמהס בריוו. — זע ז׳ 156, קלישע, און ז׳ 170).

☆ ☆ ☆

ליבער מאיר, **11.10.44**


ביי מיר — קיין נייעס. איך געפין זיך אַלץ אויפן פראָנט ביי דער ווייסל. איך לעב, בין געזונט און האָף, אַז מיר וועלן זיך נאָך זען בשלום.

גייסטיק — לעב איך איינזאַם. כ׳האָב נישט מיט וועמען זיך דורכצושמועסן. כ׳לעב אַ זעלנעריש לעבן און לעב מיטן טאָג. איך מאַך באַמיונגען צו באַקומען אורלויב אויף אַ פּאָר טעג, כדי צו פאָרן קיין לובלין. מיכאל קריגער האָב איך נעכטן געטראָפן, ער איז אין דער פּראַגער קאָמענדע. געמאַכט מיט

אים אַ כוסה. ער זעט זייער גוט אויס. יום־כיפור איז ער געווען אין לובלין. ווי ער גיט מיר איבער, האָט ער אין לובלין געטראָפן ביי כל־נדרי קנאַפּע צוויי טויזנט יידן. אַ פּערציק פון זיי זע־נען פון לובלין. די רעשט — פון אומעטום. אַלע זוכן שוץ, לעבנס־זיכערקייט און מקום־מנוחה אין לובלין, ווו ס׳איז דאָס זיצאָרט פון דער צענטראַלער מאַכט. מיט וואָס זיי פאַרנעמען זיך? נישט קלאָר! מען קריגט דאָרט אַלץ. דאָס לעבן גייט נאָרמאַל. נאָר ס׳איז זייער טייער. שווערער ווי אין לענגער. פון אונדזערע נאָענטע איז קיינער נישט געבליבן.

שרייב מיר וואָס הערט זיך ביי דיר. שרייב אַ בריוו — און נישט אַ קאַרטל מיט צוויי ווערטער.

איך שיק דיר אויסגעריסענע בלעטלעך פון נאָטיץ־ביכל,



אחד מן המכתבים שנשלח מן החזית בוורשה — עם חלק מהודעתו (בפולנית) של מפקדו של שלמה על פציעתו ומותו.

איינער פון די בריוו פון וואַרשעווער פראָנט — מיט אַ טייל פון דער מיטיילונג (אין פויליש) פונעם קאָמאַנדיר פון שלמהן וועגן זיין פאַרווונדעט ווערן און טויט.

ס׳איז נאַטירלעך, נישט קיין ליטעראַריש־פּובליציסטיש מאַ־טעריאַל, נאָר אויף שנעל פאַרצייכנטע איינדרוקן. באַהאַלט עס.

גרוס אַלע, באַזונדערס דאָרען. אַ גרוס פון מיכאלן, ראָ־מעקן און שפּאַנאַגעל. בלייב געזונט און שרייב.

דיין שלמה.

וואַרשעווער פראָנט, 11.10.1944

פון מיין נאָטיץ־בוך

אין פאַרשידענע געגנטן, אויף פאַרשידענע ערטער, איז אונדז אויסגעקומען, בעת מיין 3־חדשימדיקן זיין אויפן פראָנט, איינצואָרדענען אונדזערע מינען־וואַרפערס, פּאָזיציעס. אָפט אין וואַלד האָבן מיר אויסגעהאַקט אויף אַ פּאָר צענדליק מעטער דיביימער, אויסגעגראָבן געווער־פּאָזיציעס, אָקאָפּעס און טראַנשייען און פון זיי געשאָסן. אויף יעדן אויסגעשאָסענעם מינעס־זאַלפּ, האָט זיך אָפּגערופן אַ פילפאַך־שטאַרקער עכאָ־געקנאַלעריי. דער וואַלד האָט מיטגעברומט, מיטגעדונערט, מיטגעשאָסן. עס דוכט זיך, אַז דער וואַלד שטורעמט מיט, כעסט זיך, צאָרנט צוזאַמען מיטן שטאָלענעם מינען־וואַרפער.

מיר זענען געשטאַנען אויפן פרייען פעלד און געשאָסן. אין טאָלן, אויף באַרג־שיפּועים און ביי טייכן: בוג, פּיליצע און ווייסל. צווישן הייזער־חורבות און רואינען. אָבער בויען פּאָזי־ציעס אויף אַ בית־עולם איז מיר אויסגעקומען בלויז אויף פּראַגע־ברודנע. צווישן קברים. אונדזערע טראַנשייען־אָקאָפּעס אויסגעגראָבן צווישן איין קבר און דעם צווייטן. שמאָל. אויף ביידע זייטן — טרומנעס. אין דער מיט אויסגעגראָבן זעלנערישע טראַנשייען־גאַסן. דאָ איז אונדזער פראָנט־פּאָזיציע. פון דאַנען, פון צווישן די קברים, קנאַלן מיר, פירן און נעמען אויף דעם קאַמף מיטן שונא.

פאַרן אַריינגאַנג אויפן בית־עלמין — אַן אויפשריפט: „שטילקייט און רו פאַר די געשטאָרבענע״. אַ מאָל, אַ מאָל,

האָבן די געשטאָרבענע געפונען דאָ זייער מקום־מנוחה. אי שטילקייט, אי רו. זענען אין די פרימאָרגן־שעהן געקומען מענטשן־קינדער, מיט טרויער־בענד אויפן אָרעם, מתפלל געווען פאַר די נשמות פון זייערע ליבסטע און צאַרטע, בלומען־קרענץ געלייגט אויף די קברים פון זייערע נאָענטע, טרערן פאַרגאָסן, געצלמט זיך און שטיל, מיט אבל־טריט, זיך געזעגנט. דאָס איז געווען אַמאָל, ווען לעבעדיקע האָבן געגאָסן פון צייטווייליקער, און געשטאָרבענע — פון אייביקער רו. היינט געוועלטיקט דער אָפּגאָט פון אומרו און פאַרניכטונג אויף און אין דער ערד, אי־בער די לעבעדיקע און געשטאָרבענע.

אָט דאָ, אויפן בית־עולם, אַ ריי פון באָמבעס־אויפגעריסענע ברידער־קברים. טרומנעס־שפענדלעך, צוזאַמען מיט מענטשלעכע ביינער. די מלחמה האָט אויך די טויטע ניט געשוינט..

*

מצבות... פאַרשידנאַרטיקע אין פאַרנעם, גרייס און פאָרעם און פאַרשידן זענען די אויפשריפטן. אויך דאָ זענען פאַראַן קלאַסן־אונטערשיידן. גרויסע מאַרמאָר־מצבות־מאָנומענטן מיט גאָלד־אויפשריפטן און קליינע, באַשיידענע אייזערנע צלמים מיט אויפשריפטן אויף פאַרזשאַווערטער בלעך: „ערלעך געלעבט — ערלעך געשטאָרבן". אָט דאָ, אין פראָנט, אויבן־אָן — אַן אַלייע פאַר רייכע. מאָנומענטן און בלומען. ווייטער־צו, ביים פאַרקאַן, רוט דאָס אָרעמע פאָלק. שמאָלע געסלעך, ענג, געדיכט, מיט איינפאַכע צלמים און נאָך פראָסטערע אויפשריפטן: „ערלעך געלעבט — ערלעך געשטאָרבן". נישט ווילנדיק טראַכט זיך: און דאָרט, אין פראָנט, אויבן־אָן, די פון די טייערע, מיט בלומען־באַצירטע מאַרמאָר־מאָנומענטן — ווי אַזוי האָבן זיי געלעבט און ווי אַזוי — געשטאָרבן?...

*

„מיר זענען געקומען אויפן בית־עולם" — זאָגט אונדז דער קאָמאַנדיר. „דאָ איז אונדזער קאַמפּס־פּאָזיציע". ער באַפעלט: „גענומען זיך צו דער אַרבעט — אָקאָפּעס, טראַנשייען,

געווער־פונקטן!". חברה אַרבעטן אָן הומאָר, קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. בית־עולם־שטימונג. אָבער נאָר אויף אַ ווײַלע. מײַן פֿרײַנד שערער, אַ פֿרײלעכער קעמפערישער יאַט, רײַסט איבער די שטילקייט: „העי, חברה! לעבעדיק און סאָליד זאָל געאַרבעט ווערן! קאָפּעט ווי פֿאַר זיך. דאָ איז אונדזער פּאַסיק־סטע פּאָזיציע־אָרט. מען וועט פֿאַרשפּאָרן ווײַט טראָגן צו קבורה!"... „געררעכט!" — ענטפֿערן אַנדערע און ווערן אויפֿ־געהײַטערט. „ס'איז קריג פֿאַר די לעבעדיקע ווי פֿאַר די טויטע. נישטאָ היינט פֿאַר אײַך, טויטע, קיין באַהעלטעניש אין די צע־מענטירטע קברים און גריבער. אין קאַמף — פּאָרויס!" — פֿאַרענדיקט אונדזער לץ, שערער.

*

אַ וואָך צײַט זענען מיר דאָ געווען אויפֿן בית־עולם. גע־געסן, געקאָכט, געשלאָפֿן, געוויצלט זיך, געזונגען און געשאָסן. צו אַלעמען געוווינט מען זיך צו. אַפֿילו צום טויטן־אָרט. פֿאַ־ראַן מיט אונדז איינער אַ מוזיקער, טראָגט ער אומעטום מיט זײַן פֿידל. היינט האָבן מיר באַקומען צו 100 גראַם בראָנפֿן. נאָך אַ קאַפּ משקה, איז שערער געוואָרן נאָך לעבעדיקער און מעשה קאָמאַנדיר באַפֿעלט ער: „געשפּילט זאָל ווערן, צום ערשט אַ טרויער־מאַרש פֿאַר די אָרטיקע אײַנוווינער, אונדזערע ערד־שכנים און דערנאָך — טאַנץ־מוזיק. אָקאָליטאָ — צו דער אַרבעט!". אָקאָליטאָ, אונדזער מוזיקער, קאָן אָבער נישט קיין טרויער־מאַרשן. תמיד געשפּילט אויף פֿויערישע חתונות בלויז טאַנץ־מעלאָדיעס. נו, האָבן חברה זיך צעטאַנצט צווישן קברים בײַם אַקאָמפּאַניאַמענט פֿון האַרמאַטן־געקנאַל, געלאַכט און געשטיפֿט. שערערן איז אָבער נישט באַשערט געווען לאַנג אָנ־צוהאַלטן זײַן לעבעדיקן, פֿרײלעכן הומאָר. אויפֿן דריטן טאָג האָט ער געגראָבן אַן אמתדיקן קבר. דאָס מאָל — פֿאַר זײַן פֿרײַנד לייב חיים, אַ לאָדזשער, קרעפּטיקער בחור. אַ דײַטשע מינע האָט אויפֿגעריסן נאָענט פֿון אים: ער איז געשלאָפֿן און קיין קרעכץ נישט געגעבן. דורכגעלעכערט געוואָרן ווי אַ זיפּ

פון הונדערטער אייזערנע שפליטערס. אויפן אָרט איז ער גע־ברענגט געוואָרן צו קבורה. דער ברודנער בית־עולם האָט צוגע־נומען אויך איינעם פון אונדזער קאָמפּאַניע, אַ ייִד. זאָל אים די ערד גרינג זיין.

ש ל מ ה.

☆ ☆ ☆

טייערער מאיר,

12.10.44

היינט דערהאַלטן דיין קאַרטל פון 12.9. איך פריי זיך זייער, אַז האָסט אָפּגענומען אויף דער פּאָסט מיין פּעקל פון איראַן. איך האָב אַרויס געשיקט 2 באַפּולמעכטיקונגען אויף דיין נאָמען, מאָרגן שיק איך אַזאַ זאַך דעם פּאָסט־נאַטשאַלניק. שרייב אָפּט צו וויטקינען. איך בין אַלץ אויפן פראָנט, לעב, בין געזונט. נעכטן אַרויס געשיקט אַ בריוו, היינט — נאָך איינעם. אויב דו האָסט וויטקינס אַדרעס, שיק מיר, וועל אויך איך אָנשרייבן. זיי געזונט.

ש ל מ ה.

☆ ☆ ☆

ש. מיטעלמאַן

וואַרשעווער פראָנט, 12.10.44

פון מיין נאָטיץ־בוך / רעפלעקסן „אין פוילן"

אין פלוג גענומען, האָט זיך געדוכט, אַז אונדזער זיין במשך די לעצטע 4—5 מלחמה־יאָרן אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט נישט געהאַט קיין ווירקונג אויף אונדזער נאַציאָנאַל־פוילישער און מענטשלעכער מענטאַליטעט. פיל פון דער פוילישער עמי־גראַציע האָבן זיך פאַרפאַנצערט, געווערט זיך, אַז דער סאָוויע־טישער לעבנס־שטייגער, דערציונגס־סיסטעם, זאָל אויף זיי נישט משפיע זיין. מיט אַלע כוחות זיך באַמיט צו דערהאַלטן דעם אַמאָליקן כאַראַקטער. „מיר — האָבן זיי געטראַכט — זענען

אייראָפּעער, מענטשן פון מערב.. און דאָ, אין באָלשעוויסטישן לאַנד, זענען מיר גלות־געסט, געצווונגענערהייט. דער מלחמה־געוויטער וועט פאַרביי, וועלן מיר זיך אומקערן אין אונדזער פּוילן־לאַנד און ווייטער פאָרזעצן דאָס אַמאָליקע לעבן — „קולטורעל, אייראָפּעיש, איידל". דאָ, אין ראַטנפאַרבאַנד, זע־נען די מענטשן קנעכט פון דער מלוכה, פון כלל; דאָ איז אַר־בעטס־צוואַנג. די מלוכה שטייט איבערן מענטש מיט אַ בייטש און יאָגט: אַרבעט שנעלער, אינטענסיווער, וואָס מערער כוחות אָפּגעבן פאַרן לאַנד, פאַרן פראָנט, פאַר דער מלוכה. — זע, אַ פאַסקודנע לאַנד, האָבן זיי געטראַכט, און די מענטשן דאָ — אַזעלכע באַגרענעצטע, מיט קליינע השגות און אַספּיראַציעס. אין פּריוואַטן, אינדיווידועלן לעבן — אַן אַרבעטס־קאָמבינע־זאָן, אַן אַנצוג מיט אַ ווייס העמד, אַ פּאָר שיך מיט אַ קאַשקעט פאַר אַ מאַנצפּערשוין. אַ קליידל מיט אַ בלוזקע און אַ טיכל אויפן קאָפּ פאַר אַ פרוי — און גענוג. צופרידן, מען קאָן זאָגן — גליקלעך. זינגט מען, טאַנצט מען, גייט מען אין קינאָ, טעאַטער, אויף „וועטשערינקעס". און דאָס — האָבן אַ סך פּוילישע גע־טראַכט, שטיל געחוזקט, הייסט ביי זיי געלעבט... מ׳שטיינס־געזאָגט, אַזאַ לעבן.

ניין, דאָס דאָזיקע לעבן איז נישט פאַר זיי, די מענטשן פון מערב־אייראָפּע... אַז גאָט וועט געבן געזונט און יאָרן, וועלן מיר נאָכן קריג צוריק קומען אין אונדזער לאַנד און זיך לעבן ווי פרייע מענטשן. דער מענטש וועט זיין אַ האַר איבער זיך, זיין לעבן. וועט ער וועלן — וועט ער אַרבעטן, וועט ער וועלן — וועט ער האַנדלען. קיינער וועט אים נישט צווינגען, קיינער וועט אים נישט יאָגן מיט קיין בייטש. די מלוכה — דאָס בין איך, די מלוכה איז פאַר מיר, פאַר מיין גוטס. כ׳וועל זיך איינ־שפּאַנען, אַרבעטן, האַנדלען, וואַנדלען — פאַר זיך, פאַר מיין ווילל.

האָבן זיי זיך געלעבט זייער לעבן אין גלות, פאַרפאַנצערט זיך, מען זאָל, חלילה, נישט „פאַרפּראָסטעט" ווערן, אַראָפּ לאָזן זיך און אויסגלייכן מיטן לעבן פון די אָרטיקע סאָוויעטישע

מענטשן און זייער לעבנס־באַנעם, שטייגער און לעבנס־אויפ־פאַסונג און האָבן געמיינט, אַז דאָס איז זיי געלונגען, אַז זיי זענען ניט אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דער סאָוויעטישער „זאַ־ראַזע"; אַז זיי זענען נישט, אומבאַוווסטזיניק, בעסער געזאָגט, קעגן זייער ווילן, באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער סאָוויעטישער דערציונג, איינגעזאַפּט אין זיך אָט דאָס וואָס מען קאָן אָנרופן נייע לעבנס־באַגריפן פון נייע לעבנס־פאָרמען.

*

אַז דאָס איז זעלבסט־אָפּנאַרעריי, איינרעדעניש — האָב איך געקאָנט פעסטשטעלן. איבעריקנס, ניט בלויז איך, נאָר בפירוש די אַלע וואָס זענען געווען אין ראַטנפאַרבאַנד און איצט, זייענ־דיק אין פוילישן מיליטער, אויף דער פוילישער ערד, צווישן אייגענע. מיר אַלע קוקן אויף די היגע, אָרטיקע, אויף זייער לעבנס־באַנעם, לעבנס־פאָרעם — מיט ביטול, פון אויבן אַראָפּ. די ערשטע טעג האָט מען זיך געשעמט, געווען נישט דרייסט אויף צו מאַכן אַ באַמערקונג, אַפילו אַן אייגענעם חבר. מיר זענען דאָך עפּעס אויף דער אייגענער, אַזוי געגאַרטער ערד, אין באַפרייטן פאָטערלאַנד. האָט מען אין די ערשטע פרייד־טעג נישט דערזען דאָס וואָס מען האָט נישט געוואָלט זען. זענען פאָריבער געציילטע טעג און אַלע האָבן דערזען: וואָס זענען דאָס פאַראַ מענטשן, אָטאָ די וואָס זענען געבליבן אין לאַנד? וואָס פאַראַ נידעריקע באַגרענעצטקייט! וואָס פאַראַ נידעריקייט און קליינלעכקייט! מלחמה? שוואַרצע, דייטש־פאַשיסטישע אָקופּאַציע? פראָנט־פאַרניכטנדיקער געוויטער? — פון אַלץ דאַרף מען געניסן. אַלץ פאַר זיך. וואָס מערער — פאַר זיך. רייך ווערן מיט אַלע מיטלען: גנבענען, ראַבירן קהליש און ניט־קהליש פאַרמעגן. אַלץ איז כשר. אַלץ איז געמאַכט געוואָרן פאַר מיר. אַ גיריקייט זיך איינצושאַפן וואָס מער „מיינס", קנאה צו אַלץ וואָס איז „דיינס". גאַסטפריינדלעכקייט, טיילן זיך אין אַ נויט? דאָס הייסט דאָך אָפּגעבן אַ טייל פון מיינעם... אַ שאָד! ווער ווייסט, ס'איז דאָך מלחמה, ס'קאָן נאָך פאַר זיך נישט קלעקן אין, למשל, אַ יאָר אַרום. ווינט ער, אַז ר'איז אָרעם,

נישט פֿאַרזיכערט מיט לעבנס־מיטל, אָדער געלט אויף אַ גאַנץ יאָר. טאָ ווי קאָן ער, ער וואָלט זייער געוואָלט אויפֿנעמען ביי זיך אַ פּוילישן זעלנער, אים מכבד זיין, פֿרייען זיך מיט אים — נאָר ווי קאָן ער דאָס טאָן, אַז ר׳איז, נעבעך אָרעם ? !

— קעמפֿט, ברידער, העלדיש, גייט אויף וואַרשע, ווייזט זיי, די שוואַבן, וואָס אַ פּוילישער זעלנער קאָן, שלאָגט זיך מור־טיק. מיר וועלן פֿאַריאָגן דעם דייטש, באַפֿרייען וואַרשע, גאַנץ פּוילן, צונעמען פּרייסן, שלעזיע און פּאָמערן. אָ, דעמאָלט וועט זיין גוט, מען וועט זיך קאָנען פֿאַרגינען צו פֿאַרבעטן און אייך מכבד זיין, אַפֿילו מיט בראָנפֿן...

איז דאָס אַ רעזולטאַט פֿון שקלאַפֿעריי אונטער דער דייַ־טשער אָקופּאַציע, אָדער דערשיינונגען פֿון מלחמה־פּסיכאָז און פֿאַרקריפּלטקייט ? קאָן זיין. אָבער די באַגרענעצטקייט, קנאה, קליינלעכקייט, רכילות־טרייבעריי — דאָס שטאַמט פֿון אַן אַנ־דערער וועלט, פֿון אַ וועלט פֿון מיינס און דיינס, פֿון העכערע און נידעריקע ספֿערן פֿון דעם גאַנצן קלאַספֿערגעצייג פֿון דער אַזוי דערעסענער עיפּושדיקייט, פֿאַרפֿוילטקייט פֿון אונדזער אַלט־באַקאַנטער, קאַפּיטאַליסטישער, נעטער, געזעלשאַפֿטלעכער פֿאָרעם.

אַפֿילו די פֿאַרביסנסטע פֿיינד פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד צווישן אונדזערע פּוילישע זעלנער — (אַזעלכע זענען דאָ זייער פֿיל), זענען מודה, אַז דער איבערדערצויגענער רוסישער מענטש שטייט הימל־העכער פֿון די פּוילישע מענטשן דאָ. אויך ער, דער פּוי־לישער, וואָס האָט פֿיינט דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד, האָט אין זיך איינגעזאַפּט דאָס נייע וואָס אין רוסלאַנד און שרייט : „ס׳איז מיר דאָ ענג, אָן לופֿט, אָן זאָרגלאָזע פֿרייד. ניין, ס׳איז נישט דאָס !״.

יאָ, יאָ, אַזוי איז עס. אויב ס׳איז דאָ אַ בעסערער טייל פֿון פּאָליאַקן, איז עס דער וואָס איז געווען און איז נאָך הייַנט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. דאָס איז זיכער אַ מענטש פֿון העכערער קוואַ־ליטעט.

☆ ☆ ☆

ליבער מאיר, 12.10.44 — וואַרשעווער פראָנט

דיין קאַרטל פון 12.9 היינט דערהאַלטן. עס פרייט מיך וואָס דו באַקומסט מיינע בריוו און וואָס זיי ווערן גערן געלייענט פון אַלע מיינע און דיינע באַקאַנטע. נאָך מער פרייט מיך, וואָס דיר איז געלונגען אַרויס צו נעמען מיין פעקל פון איראַן. אויך דאָס וואָס דו דעמאָנסט מיך אין דיינע בריוו צו דיין שוואָגער און צו וויטקינען. שרייב זיי מיין אַדרעס. אויב דו האָסט וויטקינס אַדרעס, שיק מיר. איך וואָלט גערן זיך דורכגעשריבן מיט אים. איך בין זייער צופרידן וואָס דו שטייסט אין קאָנטאַקט מיטן יידישן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט ביים ז.פ.פ. אין מאָסקווע. איך בעט דיך שרייבן צו זיי און פאָרלייגן מיך איינצולאַדן אויף מיטאַרבעט. כ׳גלויב, אַז דאָס קאָן געלונגען. איצט ביטע איבערגעבן דאָרען, אַז כ׳האָב זיך געזען אין פראַגע מיט מיכאלן. ס׳איז אים זייער גוט. ער איז געווען יום־כיפור אין לובלין. ווי ער זאָגט, האָט ער צו כל־נדרי געטראָפן בערך 2 טויזנט יידן, דערונטער 40 פון לובלין גופא. פון אַלע זייטן לאַנד זוכן די שווער־געפרוווטע שוץ און הילף אין לובלין, דאָרט ווו ס׳איז די צענטראַלע מאַכט. אין פראַגע זענען דאָ אַ 100 יידן. זיי זענען שרעקלעך נידערגעשלאָגן.

איך געפין זיך אַלץ אויפן פראָנט ביי דער ווייסל. זיץ אין דער פרייער צייט אין קעלער־סכראָן, לייען ביכער, שרייב בריוו. פון צייט־צו־צייט מאַך איך אַ כוסה אויף הומאָר און כדי פאַרגיסן דעם וואָרעם. איך לעב היינט ניט שלעכט. וואָס ווייטער וועט זיין — ווייס איך ניט.

אין דעם בריוו שיק איך דיר 2 בלעטלעך פון מיין נאָטיץ־בוך. בלייב געזונט און גריס אַלע. טוסט זייער גוט מיט דיין זיין אין לענגער. ס׳וועט קומען די צייט, ווען דו וועסט פאַרלאָזן לענגער. דערווייל איז פריצייטיק. שרייב אָפט. דיין שלמה.

☆ ☆ ☆

שוין אַ פּאָר טעג ווי איך שרייב נישט. כ׳בין אַ ביסל פאַר־טעמפּט געוואָרן, אָדער בעסער געזאָגט — פאַרזעלנערישט גע־וואָרן. אַ ביסל ווירקט אפשר דאָס וואָס מיר שטייען אויף אַן אָרט, גוט פאַרפעסטיקט, דעריבער נישט אַזוי באַדראָט. ווערט עטוואָס מאָנאָטאָן, נודנע — רוט דער געדאַנק, אַרבעט נישט דער מוח. בין איך אין די לעצטע טעג פויל און שלעפעריק, נישט אינטערעסאַנט דער אַרום — לאַנגווייליקט זיך. אַפילו די נייעס אין די צייטונגען צעשטרייען מיך נישט. דאָס טרעפט מיט מיר אָפּט. עס נעמט אַזוי אַ פּאָר טעג און ס׳גייט פאַרביי.

אין אַזעלכע טעג שפּיל איך אין קאָרטן, טרינק בראָנפן, וויצל זיך און לצעווע מיט חברה קאָמיקערס, רויכער אַ סך און שלאָף אַ סך. אין אַזעלכע טעג דערקענען מיך נישט די חברה. וואָס ווייניקער געפילן און שטימונגען — אַלץ מער הומאָר און לעבנס־לוסט ביי מיר. איז אַ טענצל, אַ פלירט מיטן שיינעם מין — אויך אַן ענין. כ׳בין דאַן אַ זעלנער מיט אַלע גלייך.

אַ מאָדנע באַשעפעניש אַ זעלנער. קריכט אַריין אַ מענטש אין מיליטערישע מלבושים, אַזוי ווערט ער ווי איבערגעדרייט, נישט צום דערקענען. די ציוויל־באַפעלקערונג און די זעלנער־מאַסן — דאָס זענען צוויי וועלטן. זיי טראַכטן און נעמען אויף לעבנס־דערשיינונגען מיט פאַרשידענע, אָפּט קעגנזעצלעכע קאַטעגאָריעס און באַגריפן. איך פון מיין זייט קוואַליפיציר דעם זעלנערישן צוגאַנג ביים אויפפאַסן די פאַרשידנסטע לעבנס־דערשיינונגען אַלס געזונטערער און... מענטשלעכער, ווי פון די נישט־מונדירטע.

פאַר אַ סך פיינשמעקער איז אפשר ווידערוויליק די זעל־נערישע פּראָסטקייט. עס פעלט אין זייער באַנעמונג געשמינ־קעוועטע עלעגאַנץ און ריר־מיך־נישט־אָן איידלקייט. פאַראַן אָבער ביי זיי איינפאַכקייט, האַרציקייט, חברישע, ברודער־לעכע באַציונג. פייער און בלוט איידלט אויס, דעמפּט אויס

דעם עגאָיזם און באַגרענעצטקייט, מאַכט קלאָרער דעם בליק און עפנט דאָס האַרץ פון מענטש.

נאַטירלעך, איז דאָס נוגע דער זעלנער־מאַסע, וואָס דער מונדיר איז נאָר דער אויסערלעכער צייכן און זין פאַר זיך און דעם באַוווסטזיין פון זייער באַפרייערישער ראָל אין דער מלחמה. אָן דעם דאָזיקן זין, בלייבט דער זעלנער אַ רויער, ברוטאַלער מכשיר, אָן געפיל, האַרץ, אָן אַ נשמה. ווערט פאַר־גרעבט, פאַרווילדעט, פאַרחייהשט.

גוט וועט זיין, ווען אַ טאָג נאָכן קריג, וועלן די זעלנער־מאַסן זאָגן זייער וואָרט וואָס זיי טראַכטן און מיינען וועגן די לעבנס־פאָרמען פון דער וועלט, וועגן מענטש, געזעלשאַפט און מלוכה. אָן פראַזן, קלאָר, פראָסט, זעלנעריש וועט ער ריידן מיט דער אייגנטלעכער מענטשלעכער שפראַך.

דערווייל רעדט ער אויף די שלאַכט־פעלדער מיט דער אי־בערצייגנדיקער שפראַך פון אויטאָמאַט און ביקס. לאָמיר האָפן, אַז דאָס וועט שוין לאַנג ניט דויערן. ס'איז שוין צייטיק דער זיגרייכער סוף. שלמה

☆ ☆ ☆

ליבער מאיר, וואַרשעווער פראָנט, 17-10-44

איך שיק דיר אין דעם בריוו אַ „דאָווערעננאָסט". דאָס איז שוין די דריטע וואָס איך שיק דיר די לעצטע טעג. וועסט זיי קאָנען אויסנוצן. חוץ דעם האָב איך זיך אויף פראַגע אָפּ־געפּאָטרעטלט (אגב, זייער ניט געלונגען) און שיק דיר 2 ביל־דער: איינס פאַר דיר און איינס, אפשר ווען וועסט האָבן משהס אָדער רבקהס אַדרעס — וועסטו זיי שיקן. ביי מיר — קיין נייעס. אויסער די, אַז כ'האָב היינט אַוואַנסירט אויף שעף קאָמפּאַניע. כ'באַמי זיך, אגב, נישט וועגן קיין שום אַוואַנסירונגען. דאָס אינטערעסירט מיך ניט. יאָ, כ'האָב גע־וואָלט דיר שרייבן מיינע אויבנאויפיקע איינדרוקן וועגן דעם

יידישן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט ביים ז.פּ.פּ., נאָר ס׳איז שוין שפּעט. כ׳וועל עס טאָן אין אַ צווייטן בריוו. דאָס דאַרף דיר נישט אָפּהאַלטן פון אָנקניפּן אַ נענטערן קאָנטאַקט מיט אים און זיינע מיטגלידער און חוץ דעם — פאָרלייגן מיין מיט־אַרבעט.

מער קיין נייעס. כ׳בין נאָך אַלץ אויפן פראָנט. לעב און בין געזונט. עס פעלט מיר גאָרנישט. עס בענקט זיך נאָר נאָך אייגענע און נאָענטע. נישטאָ מיט וועמען אַ לייטיש וואָרט צו ריידן. בלייב געזונט, גרוס אַלע מיינע פריינד. זאָלן זיי שרייבן. איך וועל גערן ענטפערן.

דיין שלמה

☆ ☆ ☆

ליבער מאיר, וואַרשעווער פראָנט, 21.10.44

ווידער פאַרביי אַ פּאָר טעג זייט איך האָב דיר געשריבן. נישטאָ קיין געמיט צו שרייבן. כאָטש ס׳איז פאַראַן וואָס און וועגן וואָס. אָבער אפשר איז גלייכער, פאַר אַזעלכע ווי מיר, וואָס ווייניקער צו זיין עמפּינדלעך און פיינפילנדיק. כ׳בין אַ זעלנער — און געגוג! שלעכט איז אָבער, וואָס איך קאָן ניט זיין אַזוי זאָרגלאָז ווי אַנדערע. עס טראַכט זיך, כאָטש כ׳וויל ניט טראַכטן און זידל זיך דערפאַר. אַ נס, וואָס כ׳האָב די לעצטע טעג באַקומען אַ נייע פונקציע: שעף קאָמפּאַניע, און בין אַ ביסל מער פאַרנומען מיט פאַרשידענע אַרבעטן און... מאַכן אַ כוסה. גייען אַזוי פאַרביי טעג. אַבי ווייטער.

מיר איז דאָ ניט שלעכט, עס פעלט נאָר אַ געהעריקע, אַ יינגערע סביבה. מיינע גייסטיקע מינוטן זענען די, ווען איך זיץ און שרייב בריוו צו מיינע נאָענטע, טייל זיך מיט זיי.

איצט איז מיר שווערלעך צו שרייבן. ווייניק צייט, ווייל מיר טוישן דאָס אָרט. 6 וואָכן איז צו לאַנג צו זיצן אויף אַן אָרט. ווען כ׳וועל זיין אויפן נייעם פּלאַץ, וועל איך שרייבן אַ גרעסערן בריוו.

אין פאָריקן בריוו האָב איך דיר געשיקט 2 „דאָוויערענ־נאָסטן״ און אַ פאָטאָגראַפיע. חוץ דעם האָב איך דיר געשיקט נאָך אַ „דאָוויערעננאָסט״ אין אַ באַזונדערן בריוו.

נעכטן באַקומען אַ בריוו פון עוואַן. זי איז אין מאָלאָ־טאָווער קרייז. איר מאַן נאַטאַן איז פאָרשטייער פון ז.פּ.פּ. אין צוויי ראַיאָנען. עס גייט איר זייער גוט. זיי פאָרן אַריבער אין די נאָענטסטע טעג קיין אוקראַינע.

שרייב מיר ווי ס׳לעבן אונדזערע אין לענגער. גרוס אַלע. בלייב געזונט.

דיין שלמה

☆ ☆ ☆

טייערער מאיר, 5.11.14

שטעל דיר פאָר אַזאַ בילד: אַ זעלנער אין מיין קאַמפּאַניע האָט דערציילט, אַז אויף דער גראָכאָווסקע גאַס אין פּראַגע האָט ער געטראָפן אַ יונגן ייד, וועלכער האָט אים פאַרבעטן אין זיין וווינונג, ווו ס׳איז געווען זייער פריילעך און ער האָט גוט פאַרברענגט. איך האָב אים געזאָגט, אַז כ׳האָב אויך חשק צו באַזוכן די דאָזיקע פאַמיליע. בין איך דאָרט אַוועק. מיר זיצן און ריידן. בעתן געשפּרעך האָט דער בעל־הבית מיך געפרעגט פון וואַנען איך בין. אויף מיין ענטפער, אַז פון לובלין, רופט ער זיך אָפּ, אַז ר׳האָט דאָרט געהאַט אַ קוזין, נאָר ער געדענקט ניט זיין נאָמען. ער איז אַריין אין קיך, ווו זיין פרוי האָט געגרייט פאַרבייסן צום בראָנפן, כדי זי צו פרעגן, צי זי גע־דענקט ניט דעם נאָמען. ער קומט צוריק, אַז אויך זי געדענקט נישט, זי ווייסט בלויז, אַז די קוזינקע שטאַמט פון אילזשע און חתונה געהאַט מיט אַ לובלינער, וועלכער האָט געהאַט אַ געשעפט פון קאָסמעטיק. איך קוק אים אָן, זאָג גאָרניט, וואַרט ביז זיין פרוי איז אַריין אין צימער און דערקלער מיט באַהערשטקייט, אַז דער קוזין — דאָס בין איך. די פרוי האָט

זיך צעוויינט און כסדר מיך געקושט. „ענדלעך האָבן מיר איין קרוב!". איך באַרויק זי, אַז זי האָט נאָך קרובים: ווייל איר שוועסטער דאָרקע און דער ברודער איגנאַץ קערשענבלאַט לעבן אין קאַזאַכסטאַן. איר מאַן רעדט גאָרניט. ער לויפט אַרויס און ברענגט נאָך אַ ליטער בראָנפן. האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ פרייד, געוויין און ווידער פרייד.

דו דאַרפסט זיך זיכער דערמאָנען, ווען מיר זענען געווען ביי דאָרקען און איגנאַצן אויף דער גראָכאָווסקע און געשפּילט אין „קערלאַס"; געווען דאָרט זייערס אַ ברודער, אַ דיקלע־כער בלאָנדער בחור, וועלכער האָט געאַרבעט אין פּראַגער שעכטהויז. אַלזאָ, ער לעבט מיט זיין פרוי און טעכטערל. ער הייסט וויקטאָר מאָהר. זייער געשוועסטערקינד סוכער, וווינט מיט זיי צוזאַמען.

איך בעט דיך זייער, באַמיט זיך צו וויסן גענבן דאָרען און איגנאַצן וועגן דעם. אַמבעסטן וואָלט געווען, זאָלסט אַליין דאָרט צופאָרן. זיי געפינען זיך אין קאָלכאָז „צווייטע פּיאַטי־לעטקע", אָדער אַ צוויי קילאָמעטער ווייטער, אין קאָלכאָז „כלעבאָראָב", עטלעכע קילאָמעטער הינטערן ראַיאָן־שטעטל געאָרגיעווקא, ווו ס'האָט זיך געפינען די פּלאַצווקע פון דער אַמבאַסאַדע. איך בעט, טו דאָס, וועסט האָבן אַ גרויסע מצווה.

ביי מיר — קיין נייעס. שוין די צווייטע וואָך ווי איך רו זיך אויס. מיר איז גוט. כ'בין שעף פון דער קאָמפּאַניע. זיי געזונט און שרייב.

דיין שלמה

דער אַדרעס פון קוזין: וואַרשע—וואַווער, פּלאָוויעצקאַ גאַס 70, מאָהר וויקטאָר.

מיטטיילונג פון פּאָדפּאָרוטשניק י. ווילדשטיין
וועגן טויט פון שלמה מיטעלמאַן

געערטער הער,   25.11.44

אַלס עלטסטער און חבר פון ש. מיטעלמאַן ז״ל, האַלטנדיק איך פאַר איינעם פון זיינע נאָענטסטע חברים, טייל איך מיט, אַז דעם 21סטן נאָוועמבער 1944, איז ער פאַרוווּנדעט געוואָרן אין קאָפּ, אַפּילו נישט שווער און אין צוויי טעג אַרום גע־שטאָרבן אין שפּיטאָל. מען האָט אים קובר געווען אין וואַ־ווער, אויפן בית־עלמין אין גלינקי. דער דאָזיקער בריוו איז געשריבן איידער ער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן — און נישט פאַרענדיקט. לויטן טיטול, איז ער אַדרעסירט צו אייך.

עטלעכע טעג פאַר דעם, האָט ער אין גראַכאָוו געטראָפן אַ קוזינקע מיטן מאַן, וועלכע זענען על פּי נס געראַטעוועט געוואָרן. זיי וועלן אַוודאי אויך שרייבן.

מיט אַכטונג:

ווילדשטיין י., פּאָדפּאָרוטשניק, פעלד־פּאָסט פּ־16129

וועגן דעם וואָס דאָ איז פאַרגעקומען, שרייב ניט איך, ניט ער, ווייל עס וואָלט נייטיק געווען אַ סך צייט און אָרט. איבע־ריקנס, איר וואָלט נישט געגלויבט. וועגן דעם טאַקע דער־ציילט דער דערמאָנטער קוזין, וועלכער קאָן מערער שרייבן צי שפּעטער דערציילן.

אויסטייטש און באַטייט פון די פרעמדווערטער, נעמען און באַצייכענונגען

בעלאַ (מאַנדעלסבערג־שילדקרויט ז״ל) — פרוי פון מאיר שילדקרויט, היסטאָ־
ריקערין און לערערין אין דער הומאַניסטישער גימנאַזיע אין לובלין.
אומגעקומען אין געטאָ.

בוקסבוים (ברוך), ד״ר — ברודער פון נתן בוקסבוים, געוווינט אין לעמבערג.

בעקער (יעקב) — באַקאַנטער פועלי־ציון טוער אין כעלם, היינט אין תל־אביב.

באַר־קאָמאָראָווסקי, גענעראַל — אָנפירער פון פוילישן אויפשטאַנד אין דער
אָק פירטער וואַרשע, אויגוסט־סעפּטעמבער 1944.

גיטעלע שילדקרויט — שוועסטער פון מאיר, געלעבט צוזאַמען מיט איר משפּחה
און שלמה מיטעלמאַן אין לענגער, קאַזאַכסטאַן. איצט — אין פּאַריז.

„גאַרסאָוויעט״ — שטאָטראַט, מאַגיסטראַט.

„גוויאַזדאַ״ („שטערן״) — יידישע אַרבעטער ספּאָרט־קלובן אין פאַרמלחמהדיקן
פוילן, אונטער דער השפּעה פון לינקע פּועלי־ציון.

דאָראַ (קריגער) — געוווינט אין לענגער, היינט אין תל־אביב.

דוד (שטאָקפיש) — חבר און שכן פון שלמה מיטעלמאַן ז״ל, היינט אין ישראל.

„דאָוויערעננאָסט״ — באַפולמעכטיקונג.

הערשענהאָרן, ד״ר — פאָרשטייער פון „בונד״ אין לובלינער שטאָטראַט און
קהילה; נאָך דער באַפרייאונג — מאַיאָר פון דער פוילישער אַרמיי, מיט־
גליד פון צ.ק. פון יידן אין פוילן. געשטאָרבן אין אויסטראַליע.

וויטקין — פאַמיליע־נאָמען פון י. זרובבל, אָנערקענטער מנהיג פון דער פּועלי־
ציון באַוועגונג. געשטאָרבן אין תל־אביב, דעם 3־טן יוני 1967.

ז. פּ. פּ. — ראשי־תיבות פון „זוויאָנזעק פּאַטריאָטוו פּאָלסקיך״ („פאַרבאַנד פון
פוילישע פּאַטריאָטן״). אַ פּראָ־סאָוויעטישע און פּראָ־קאָמוניסטישע אָרגאַ־
ניזאַציע פון פוילישע פּליטים אין רוסלאַנד, אַנטשטאַנען אין די מלחמה־
יאָרן.

טשאַטשקעס — לובלינער ייד.

„טרודאָדניעי״ — אַרבעטס־טעג.

טאַרטשיץ (שיע) — אָנגעזעענער פּועלי־ציון טוער אין פולאַוו. אומגעקומען.

יאָסעלע — מאַן פון רויזעלע שילדקרויט ז״ל.

יואל — איצט אין אַמעריקע.

יחיאל־נח (נח) — ברודער פון מאיר שילדקרויט, געוווינט אין לענגער־אוגאַל.
אומגעקומען אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע אין פתח־תקוה, 1947.

לערער לייב — באַוווּסטער בונדישער טוער אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן
אין לובלין. איצט אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע.

לענגער־אוגאַל — שטאָט אין קאַזאַכסטאַן, ווו שלמה מיטעלמאַן האָט געוווינט זינט דער באַפרייאונג פון לאַגער, אַ דאַנק דער אַ. ג. שיקאָרסקי־אַמנעסטיע — ביזן אַרויספאָרן אין דער אַרמיי.

מיכאל קריגער — לובלינער ייד, געוווינט אין לענגער. געשטאָרבן אין תל־אביב, 1964.

מישקאַ — זון פון גיטעלע שילדקרויט, איצט אין פּאַריז.

מאַנדעלסבערג שמואל — שוואָגער פון מ. שילדקרויט. איצט — בוי־אונטער־נעמער אין תל־אביב.

משהלע מיטעלמאַן — ברודער פון שלמהן, איצט אין ירושלים.

מיטעלמאַן רבקה — שוועסטער פון שלמה, איצט אין קיבוץ גבעת השלושה.

מאַיעווסקי, ד״ר — ענדעקישער פירער אין לובלין. מיט דעם נאָמען בכלל געמיינט צו באַצייכענען די ענדעציע.

מערעזשין — פירער פון דער רוסלענדישער יעווסעקציע. געמיינט מיט דעם נאָמען צו באַצייכענען די יידישע קאָמוניסטן.

נתן בוקסבוים — מנהיג פון לינקע פועלי־ציון אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות. אומגעקומען אין בערגען־בעלזען.

סאָסנקאָווסקי — גענעראַל פון דער פּוילישער אַרמיי אין די צייטן פון דער סאַנאַציע.

עוואַ — אַ קוזינע פון שלמהן.

עמשא — געמיינט אַוודאי זיך אַליין. מ. ש. — די ערשטע אותיות פון שלמה מיטעלמאַנס פאַמיליע־נאָמען און פאָרנאָמען.

פלוטאָנאָווי, כאָראָנזשי — מיליטערישע ראַנגעס פון אונטעראָפיצירן אין דער פּוילישער אַרמיי.

„פּאָליעוואַיאַ פּאָטשטאַ״ — פעלד־פּאָסט.

פינקערט (לייבעלע, לייב) — לובלינער ייד, היינט אין תל־אביב.

פרידמאַן (יואל) — איצט אין אַמעריקע.

פינקעלשטיין לעאָ — דענקער, עסייאיסט. נאָענט געווען צום „בונד״.

קאָראַש — מאַן פון גיטעלע שילדקרויט, איצט אין פּאַריז.

„קלוגע שטאָט״ — געמיינט: כעלם.

ראָמעק ניימאַן — איצט אין חיפה.

שאָלקע — לובלינער יידישער בחור, געפאַלן אויפן פראָנט.

שטיצער (זעליק) — גשטאָרבן אין ישראל.

שיף — געשטאָרבן אין ישראל.

שיקאָרסקי, גענעראַל — פרעמיער פון דער פּוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן, אומגעקומען אין אַ פלי־קאַטאַסטראָפע אין יאָר 1944.

שלימאַק בער — מיל־אייגנטימער און סוחר אין לובלין. איבערגעלעבט די אָקופּאַציע. געשטאָרבן אין אַמעריקע, 1966.

ג

מאמרים על שלמה

ארטיקלען וועגן שלמהן

ליאו מיטלמן / ניו־יורק

אחי שלמה

בטרם אפתח בדברי על אודות אחי שלמה ז"ל, חייב אני לספר על בית־אבי, על אבי ועל אמי, אחי־ואחיותי; לתאר את קלסתר־פניהם, אורחם־ורבעם וכן את ה־סביבה בה גדלתי.

לנגד עיני ניצב אבי שמי (שייי־מע) — איש גבה־קומה, תמיר ובעל זקן אדמוני. אף־כי לבש בגדי חסידים וגם בימי־חול לבש קא־פוטה של משי וכל בגדיו היו תמיד ללא רבב — היתה חזותו כשל פריץ. ארשת־פניו היתה רצינית תמיד, אך על שפתיו נסוך היה חיוך מלא רוך ועדנה. לכן זכה להתחבב על הבריות וביתנו המה תמיד אורחים רבים. מובן, שגם לאמנו דבורה ז"ל היה חלק נכבד בכך.

זוכר אני את בית־החרושת לל־בנים, שהעסיק כ־100 פועלים — להם בנה אבי מגורים נוחים סמוך למקום עבודתם. על־כן רחשו לו הפועלים — היהודים והפולנים כאחת — רחשי כבוד ואהדה.

לא אדע אל־נכון את מיספר ה־ילודים שנולדו בביתנו, שכן סופר לי כי אחדים מהם מתו סמוך ללי־דתם, או בשנות ילדותם המקוד־מת. נותרנו שבעה — חמישה אחים ושתי אחיות. כלפי חוץ היה בית אבי בית מסורתי־אדוק, רבני כמעט. ואכן כך היה, וכזה היה אורח־חיינו, עד שגדלו הבנים. אך בהגיעם לגיל 14־15 החל איש־איש מאתנו לפלס לעצמו את דרכו ב־חיים ולבנות את עולמו. הבית, ש־התנהל עד כה באורח פאטריאר־כאלי, שלא ידע סטיות, נהפך אט־אט לראי הרעיונות, ההשקפות והשאיפות שנשבו בחוץ.

ב

התמורה שחלה בחיי שלמה, „קפיצתו" מספסל־הישיבה ל„פוע־לי־ציון־שמאל" הית לביתנו בבחי־נת מהפכה והטביעה חותם עמוק על כולנו. אך זאת אדע בוודאות: „קפיצתו" היתה כנה ורצינית. מעתה התמסר ימים ולילות לשלי־חותו להגשים את דרכו הרעיונית. בכל רמ"ח אבריו שקע בעיון ב־כתבי בורוכוב, מארכס, לאסאל ו־אחרים — כל שכשרונותיו האינ־טלקטואליים הכשירוהו, עד שכל־כולו חדור היה הכרה סוציאליס־טית. באותה חריפות־מוחין שאת־מול שקע בגמרא, החל עתה להת־מסר לספרות ולתרבות הכללית והיהודית. בתחום זה הייתי שותף

לאחי שלמה, עד עלייתי ארצה ב־שנות העשרים, בה חייתי כשמונה שנים.

ג

שתי אפיזודות הקשורות ב־שלמה נחרתו בזכרוני.

לילה לפני האחד־במאי הוקף ביתנו על־ידי שוטרים, כי לידי־עתם הגיעה השמועה ששלמה שקוע כולו בהכנות לקראת חג־הפועלים הבינלאומי. מובן, גם שלמה ידע על כוונות המשטרה, לכן נמנע ללון בבית כמה לילות לפני התא־ריך הזה. אולם השוטרים לא הרבו בקושיות ותחת שלמה — הושיבו אותי במאסר, שם ספגתי מכות נאמנות (מילא, מה לא ייעשה למען אח ? !...). לאחר מכן שוחררתי, או־לם שלמה הכין והעביר בינתיים את חגיגת האחד־במאי.

האפיזודה השניה, במרחק של שנים רבות, נראית עתה תמימה ומוזרה למדי.

לאחר שעשיתי את תקופת־ההכ־שרה החלוצית שלי בסביבות ווה־לין ואף קיבלתי סרטיפיקאט, הח־ליטה ההסתדרות הציונית בלובלין לערוך נשף־פרידה חגיגי לקבוצת חלוצים לרגל עלייתם ארצה. עלי הוטל בנשף זה להיפרד מבני ה־עיר, חברים וידידים ולקרוא לנוער ללכת בדרכנו. התפקיד הזה הבי־כני. מה לי ולנאומים ? בלית־ברירה פניתי לשלמה וביקשתיו לחבר למעני נאום קצר, שכן אין זו בושה לבקש עזרת אח בשעת מצוקה... ומה חושבים אתם ענה לי אחי שלמה ? „אני לא ביקשתי מ־איש לחבר לי נאומים — ואף לשונך לא דבקה לחיכך... אמור רק את שאתה חושב ומרגיש והכל יבוא על מקומו בשלום !"

על פעולתו הציבורית, הפולי־טית המפלגתית בעיר־הולדתי לובלין, וכן על חייו בשנות הרא־שונות בברית־המועצות והתגייסו־תו לצבא הפולני שם ועל המכתבים ששיגר מהחזית — נודע לי מפי חבריו: מאיר שילדקרויט ודויד שטוקפיש בתל־אביב, גיטלה שיל־דקרויט־אדלשטיין בפאריס, קופל מיזריצקי ויעקב גראדל בבואנוס־איירס.

בביקורי בישראל, לפני כשלוש שנים, נודע לי על אודות איגרותיו של שלמה והייתי תמים־דעים עם חבריו, כי יהיה זה עוול אם מכת־ביו ייגנזו ; שכן מכתבים אלה של חייל, שנכתבו בחפירות, החדורים אהבה וגעגועים לקרובים, דאגה ו־חרדה לגורל עמו — חייבים למצוא את תיקונם בספר. לאחר קריאתם, עוררו מכתביו בלבי רגשות אח עמוקים. על־כן נתונה תודתי ל־חברים שטוקפיש ושילדקרויט על יוזמתם להוציא את מכתבי שלמה מהחזית בספר ועל מתן אפשרות לאחי משה בירושלים, לאחותי שפרה בפאריס ולאחותי ריווטשה בקיבוץ גבעת־השלושה להשתתף בהכנות ובהוצאת הספר.

יהא הספר הזה ציון־משפחתי ל־זכרו הקדוש של אחינו שלמה שנפל חלל בשדה־הקרב.

לעאָן מיטעלמאַן / בוענאָס־איירעס

מיין ברודער שלמה...

א

איידער כ׳וועל עפּעס דערציילן וועגן מיין ברודער שלמה ע״ה, איז אומבאַדינגט נייטיק צו באַשרייבן אונדזער היים, טאַטע־מאַמע, שוועסטער ־ ברידער; זייער אויסזען, פּירעכץ און אומגעבונג, ווי כ׳בין געוואָרן דערצויגן און אויפגעוואַקסן.

עס שטייט מיר פאַר די אויגן מיין פאָטער שמי (שיימע) — אַ הויך־געוואוקסיקער, מיט אַ גלייכע פיגור, אַ כמעט רויטלעכע באָרד. הגם חסידיש אָנגעטאָן, אַפילו אין אַ סך וואָכעדיקע טעג געטראָגן אַ זיידענע, געהאַקטע קאַפּאָטע, נאָר תמיד ריין־זויבער — האָט ער געהאַט אַ פּריצישן אויסזען. שטענדיק אָן ערנסטער, אָבער פאַרמאָגט אַזאַ מין ספּעציפיש שמייכעלע, פול מיט איידלקייט, וואָס האָט צו אים דערנענטערט. אַ דאַנק דעם איז אונדזער היים אָפט פול געווען מיט מענטשן. פאַרשטייט זיך, אַז אונדזער מאַמע דבורה ע״ה, האָט געהאַט אין דעם אַ גאָר גרויסן חלק.

איך געדענק די ציגל־פאַבריק ווו עס זענען געווען באַשעפטיקט אַרום הונדערט אַרבעטער — און מיין פאָטער האָט פאַר זיי אַלע אויפגעבויט דירות ניט ווייט פון דער ציגעלניע, זיי זאָלן האָבן אי אַ מענטשלעכע וווינונג, אי נאָענט און באַקוועם צו דער אַרבעט. דערפאַר האָבן די אַרבעטער, פּאָליאַקן און יידן, באַצויגן זיך מיט גרויס דרך־ארץ און סימפּאַטיע צו מיינע עלטערן.

כ׳ווייס ניט גענוי וויפל קינדער עס זענען געבוירן געוואָרן אין אונדזער שטוב, ווייל ווי מ׳האָט מיר איבערגעגעבן, זענען אייניקע פריצייטיק אַוועק פון דער וועלט. געבליבן זענען מיר זיבן קינדער — פינף ברידער און צוויי שוועסטערס. אויסערלעך, פאַר דער וועלט, איז אונדזער היים געווען אַ שטרענג פרומע, כמעט אַ רבנישע. און אַזוי איז טאַקע געווען, ביז די בחורים זענען אויסגעוואַקסן, דערגאַנגען צום עלטער פון 14—15 יאָר — און יעדער איינער

איז זיך אַוועק זיין גאַנג, געוואָרן
אַ וועלט פֿאַר זיך. די פֿריער פּאַט־
ריאַרכאַלע און געאייניקטע שטוב
איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ
מין קאַליידאָסקאָפּ פֿון שטרעבונ־
גען, געדאַנקען און אידעען.

ב

די ענדערונג ביי שלמהן, זיין „שפּרונג" פֿון דער ישיבה־באַנק צו לינקע פּועלי־ציון, איז געווען אַ רעוואָלוציע אין אונדזער שטוב און געהאַט אַ גוואַלדיקע ווירקונג אויף אַלעמען. וואָס איך ווייס אויף זיכער: דער דאָזיקער „שפּרונג" זיינער איז געווען ביז גאָר ערלעך און ערנסט. טעג און נעכט איז ער געווען פֿאַרנומען ביים דערפֿילן די שליחות פֿון זיין נייעם אידעישן גאַנג. ער האָט זיך אַ נעם געגעבן צו לייענען און לערנען באָראָכאָוון, מאַרקסן, לאַסאַלן — ווי נאָר ער איז געווען פֿעיק דאָס צו טאָן, ביז זיין גאַנצער באַוווסטזיין איז גע־וואָרן דורכגענומען מיט דער סאָ־ציאַליסטישער תורה.

מיט דער חריפות פֿון זיין פֿרי־ערדיקער לומדות אין דער ישיבה, האָט ער אָנגעהויבן לערנען און דערלערנען די יידישע און אַל־וועלטלעכע קולטור און ליטעראַ־טור. אויפֿן דאָזיקן געביט האָב איך מיטגעלעבט און מיטגעאַרבעט מיט שלמהן, ביז מיין עולה זיין, אין די צוואַנציקער יאָרן, קיין ארץ־יש־ראל אַלס חלוץ, ווו כ'האָב גע־לעבט 8 יאָר.

ג

אין מיין זכרון זענען טיף איינ־געקריצט צוויי עפּיזאָדן מיט שלמהן:

אַ נאַכט פֿאַרן ערשטן מאַי, איז אונדזער שטוב אַרומגערינגלט גע־וואָרן דורך פּאָליציי, וועלכע האָט געוווסט, ווי שלמה איז אין יענע טעג געווען פֿאַרקאָכט און פֿאַר־טאָן ביים צוגרייטן דעם אינטער־נאַציאָנאַלן אַרבעטער יום־טוב. פֿאַרשטייט זיך, אַז אויך שלמה האָט געוווסט וועגן די פּאָליצייאישע צו־גרייטונגען — און שוין עטלעכע נעכט, ווי ער איז ניט געשלאָפֿן אין דער היים. די פּאָליציאַנטן האָ־בן ניט געפֿרעגט קיין קשיות, און אָנשטאָט שלמהן — גענומען מיך אין אַרעסט. דערביי האָט מען מיר דערלאַנגט לייטישע קלעפּ (מילא, וואָס טוט דען ניט אין ברודער פֿאַרן צווייטן ?!...). דערנאָך האָט מען מיך באַפֿרייט, אָבער שלמה האָט זיך דערווייל געטאָן דאָס זיי־ניקע און אַדורכגעפֿירט דעם ערש־טן מאַי.

דער צווייטער עפּיזאָד, וואָס איצט, נאָך אַזוי פֿיל יאָרן, זעט ער אויס צו זיין נאַיוו און מאָדנע.

נאָך דעם ווי כ'האָב דורכגעמאַכט די חלוצישע הכשרה אין וואָלי־נער געגנט, האָט דער ועד העלייה מיר צוגעטיילט אַ סערטיפֿיקאַט און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין לובלין האָט באַשלאָסן איינ־אָרדענען אַ געזעגענונגס־אָוונט

פאַר אַ גרופּע חלוצים־עולים. עס
איז באַשטימט געוואָרן, אַז אויף
דעם דאָזיקן אָוונט, וועל איך דאַר־
פֿן אַרויסטרעטן מיט אַ רוף צו
דער יוגנט זי זאָל נאָכטאָן אונ־
דזער ביישפּיל, אויך עולה זיין און
דערביי געזעגענען זיך מיט דער
שטאָט, חברים און פריינד. די דאָ־
זיקע ידיעה האָט מיך געשטעלט
אין אַ פאַרלעגנהייט: ווי קום איך
צו רעדעס? איך האָב אויפגעזוכט
שלמהן און אים געבעטן ער זאָל
מיר זאָגן, אָדער אָנשרייבן די פּאָר
ווערטער פאַר דער רעדע, אַז
ס׳איז ניט קיין בושה צו בעטן אין
אַזאַ פאַל הילף ביי אַ ברודער...
נו, וואָס־זשע מיינט איר, האָט ער
געענטפערט? „איך האָב ביי קיי־
נעמען ניט געבעטן וואָס צו זאָגן
— און דיר ליגט ניט די צונג אין
קינפּעט... דאַרפסט נאָר זאָגן וואָס
דו פילסט און טראַכסט, וועט
שוין במילא אַלץ גוט אַרויסקו־
מען!“.

וועגן שלמהס געזעלשאַפטלע־
כער, פּאָליטישער און פּאַרטייאי־
שער טעטיקייט אין די דרייסיקער
יאָרן אין מיין היימשטאָט לובלין,
זיינע איבערלעבונגען אין רוסלאַנד
אין די ערשטע יאָרן פון דער צוויי־
טער וועלט־מלחמה און זיין פריי־
וויליק מאָבילייזירן זיך אין דער
פּוילישער אַרמיי אויף דער סאָ־
וויעטישער ערד, ווי אויך וועגן די
בריוו וועלכע ר׳האָט געשיקט פון
פראָנט — האָב איך זיך דערוווּסט
פון זיינע חברים: מאיר שילד־
קרויט און דוד שטאָקפיש אין תל־
אביב, גיטעלע שילדקרויט־עדעל־
שטיין אין פּאַריז, קאָפּל מיזריצקי
און יעקב גראַדעל אין בוענאָס־
איירעס.

בעת מיין באַזוך אין ישראל
מיט 3 יאָר צוריק, האָב איך זיך
דערוווּסט וועגן שלמהס בריוו און
איינגעשטימט מיט זיינע חברים,
אַז אַזאַ מאַטעריאַל טאָר ניט פאַר־
לוירן גיין; אַז די דאָזיקע בריוו
פון אַ סאָלדאַט, געשריבן אין די
אָקאָפּעס, באַווייזן די ליבע און
בענקשאַפט צו אייגענע און נאָענ־
טע, זיין זאָרג און איבערגענומענ־
קייט מיטן גורל פון פאָלק —
דאַרפן באַקומען אַ תיקון אין אַ
ספר. נאָכן באַקענען זיך מיטן אינ־
האַלט פון די בריוו, האָבן זיי ביי
מיר אַרויסגערופן אַ סך ברידער־
לעכע עמאָציעס און איבערלעבונ־
גען. איך דאַנק דעריבער די חב־
רים שטאָקפיש און שילדקרויט
פאַר דער איניציאַטיוו אַרויס צו
געבן שלמהס בריוו פון פראָנט אין
בוך־פאָרם און פאַרן געבן אַ גע־
לעגנהייט מיין ברודער משה אין
ירושלים, מיין שוועסטער שפרה
אין פּאַריז און ריווטשע אין קי־
בוץ גבעת־השלושה, זיך מיטבאַ־
טייליקן אין דער אויפגאַבע און
אויסגאַבע.

דאָס איז די משפחה־באַערונג
פאַר אונדזער געפאַלענעם ברודער
שלמה צו הייליקן זיין אָנדענק.

רחל גאלברשטאט־מיטלמאן / גבעת־השלושה

ביתו וסביבתו של אחי שלמה

עיר הולדתנו, בה גדלנו וחיינו עד לחורבן בית־ישראל בפולין — היא לובלין. אבינו, בנו יחידו של בעל־אחוזה יהודי, קיבל כנדוניה בית־חרושת ללבינים. אמא, מוצאה מבית בו התמזגו שני אורחות־חיים ושתי תרבויות: סבתא — מטרוניתה כבודה, אשר חונכה ב־ימי נעוריה על־ידי מחנכת צרפ־תיה ואילו סבא היה ניגודה הגמור. הוא היה יהודי ירא־שמים, למדן המקפיד לקיים את תרי"ג המצ־וות, קלה כחמורה.

חמישה בנים ושתי בנות היינו להורינו. פנחס ז"ל, שלמה ז"ל, לייבל (היום בבואנוס־איירס), יומ־טוב ז"ל, ומשה (בירושלים). הב־נות — שפרה (בפאריס) ואני, הצעירה מכולן, ריווטשה־רחל.

הפרש הגיל ביני ובין שלמה היה כ־12—13 שנים. כאורח־הימים ההם למדו בני־טובים ממשפחות בעליבתיות־חסידיות אצל רבי או בישיבה. אף שלמה למד עד גיל חמש־עשרה בישיבה. ופעם התוודה הרבי בפני אמנו באומרו, כי שכלו החריף של שלמה מדאיג אותו, שמא, חלילה, „יצא לתרבות רעה". השכנים וכל יודעי־תורה כינוהו „גאון" בגלל שכלו החריף ובקי־אותו הרבה בגמרא. עוד הוא ניצב לפני עיני לבוש קאפוטה שחורה וציציות ה„טלית־קטן" שלו מצי־צות מבעדה, על ראשו שחור־השיער חובש כיפה ופיאותיו המ־קורזלות מתנדנדות לכל תנועת גו־פו הרכון מעל הגמרא.

ויהי היום ושלמה „הגאון" נפל למשכב וחלה בדלקת־קרום המוח. הרופאים נואשו מחייו, הם פכרו ידיהם ולא הותירו בלבנו זיק של תקווה. אבל אמנו נ"ע לא אמרה נואש, היא ניצבה בפינת הבית וכדרכה במקרים כאלה טענה נגד ריבון־העולמים: „הייתכן ? ה־אומר אתה לכבות את נר חייו של ילדי הקטן ! ?" תחינותיה ודמעו־תיה הלוהטות התערבבו בזיקי מו־חו הקודח של שלמה וקרעו את רוע הגזירה שגזר עליו בית־דין של מעלה.

ולשלמה קרה נס, אם מקרים כאלה לנס ייחשבו. הוא קם מחו־ליו, שבעיני רבים היה בבחינת

שיבה מעולם־המתים. אבל לאחר שהבריא, פרח מראשו כל לימודו, שכח כי היה אי־פעם מתמיד בתורה, בגמרא, בפוסקים ובמשנה. אף שמועות הילכו, כי גם בספרי קבלה הציץ. עתה, משהבריא לא נשאר זכר מכל אלה.

על המפנה שחל בחייו זוכרת אני את המקרה הבא: באחד מערבי האביב, באה במרוצה לביתנו שכנתנו שיינדל וחסרת־נשימה קראה לעבר אמא: „דבורה'לה, דבורה'לה! חושי, בואי וראי את בנך־מחמדך! הוא עומד על גג אחד הבתים ונושא דברים לפני קהל רב שהתאסף סביבו! ואיזה מלים מוזרות הוא משמיע! מעולם לא שמעתי כמוהן. פיו מפיק מרגליות...״

— „שיינדל, תבוא עליך ברכה״ — עונה אמא — „הלהתל בי באת אלי? בני, שלמה עומד על הגג?!״

אולם שיינדל אמת דברה. שלמה מיטלמן, בן ה־18, ערך זו הפעם הראשונה את הופעתו הפומבית ובלהט רב דיבר על הפרולטריון הבינלאומי, על הפועל היהודי, על סוציאליזם וציונות. לי, כלכל בני־משפחתי היתה התמורה שחלה בנפשו של שלמה חידה שאין לפענחה. אבל הוא התמסר לרעיונו ולתנועתו בכל חום ליבו ובקנאות שמציינת אך בחורי ישיבה.

ליבו הרגיש פעם עם כל החלכאים והנדכאים.

— „משונה״ — שחה אמא לשלמה — „מדי עוזבי את הקטנה בחנות מיד חוזרים הקבצנים שנית לקבץ נדבות״.

— „הניחי לה, אמא״ — עונה שלמה ומלטף בחיבה את ראשי — „צריך להבין לנפשה, היא ילדה חולמנית ומדמה, כי אליהו הנביא התחפש לקבצן, כדי לבחון את טוב־ליבה...״

מה יפה הבין אז שלמה לנפשי, כמה יפה ונכון הגדיר את חלומותי והזיותי הילדותיות על אליהו הנביא המחופש לעני.

לא אחת שאלוהו יהודים יראי־שמים, סוחרים ובעלי־בתים אמידים הלמאי קושר הוא קשרים כה הדוקים עם „עמך״, מתמסר להם ומתערה בתוך קהלם. „ההמונים״ — טענו הם — „הליכותיהם ונימוסיהם דוחים, בעלי עור גס הם ואנשים נחותים הם מכל הבחינות״.

— „נימוסים גסים? נחותי־דרגה?״ — טען כנגדם שלמה — „אכן רצה מזלכם לא להוולד בעוני ודלות ואין אתם נאלצים לעבוד מבוקר ועד שקיעת החמה במרתף טחוב או בעליית־גג מחניקה, לאור עששית־נפט ולתפור או לגהץ יום אחר יום. ומזונם מה הם? לחם ותפוחי־אדמה ואף זאת לא לשובע! רואים אתם את הליכותיהם הבלתי מנומסות, אולם תחת עורם הגס שוכנת נשמה טהורה ורוח־עדינה...״

כך שח להם שלמה.

טהור, ישר ונקי־כפיים היה יחסו

לאדם. דמותו עוצבה לפי מיטב השאיפות של האנושות מאז המה־פכה הצרפתית: אחווה, סובלנות, שוויון וחופש לכל האנשים.

פרק מעניין במיוחד מהווה נסיעתו לוועידה אחת שנערכה בפאריס וחוויותיו ורשימותיו ממנה. חבל, שחומר זה אבד.

בגיל 26 שנים הוא נשא אשה ונולדה לו בת. שלמה היה אב ובעל נאמן ואוהב, אך יחסו למשפחתו לא מנע ממנו להמשיך בפעולתו הציבורית.

דרישת־שלום אחרונה ממנו קיבלתי בשלהי שנת 1939. סמוך לפרוץ מלחמת העולם השנייה זכיתי לעלות ארצה בעליה ה„בלתי־ליגלית". מלמברג, לשם הצליח שלמה לברוח מלובלין בימי ספטמבר ההם, הוא שיגר אלי גלוייה, בה ביקש ממני למסור דרישת־שלום לזרובבל ז"ל, מאחיו איתו נפגש.

מאז ניתק הקשר בינינו, עד לסיום המלחמה, עת קיבלתי בקיץ 1945 את בשורת האיוב כי שלמה נפל בקרב על ווארשה.



אחי שלמה ז"ל
מיין ברודער שלמה ז"ל

על דמותו של שלמה, כעסקן, לוחם וחבר יכתבו וודאי חבריו, ידידיו ומוקירי זכרו.

לנצח אנצור בלבי את דמותו האצילה!

רחל גאָלבערשטאַט־מיטעלמאַן / קיבוץ גבעת־השלושה

היים און סביבה פון מיין ברודער שלמה

די שטאָט ווו מיר זענען געבוירן, געוואָקסן, דערצויגן געוואָרן און געלעבט ביז דעם גרויסן חורבן פון עם ישראל בגולה — איז לובלין. אונדזער פאָטער, דער איינציקער זון פון אַ יידישן גוטבאַזיצער, האָט אַלס נדן באַקומען אַ ציגל־פאַבריק (ציגעלניע). די מוטער שטאַמט פון אַ היים, ווו צוויי עקסטרעמע וועלטן און קולטורן האָבן געגומען חופה־וקדושין: די באָבע, אַ גרויסאַרטיקע דאַמע, וועלכע איז דערצויגן געוואָרן דורך אַ פראַנצויזישער גוווערנאַנטין; דער זיידע ווידער — אַ תמימות־דיקער למדן, אַ כשרער ערלעכער ייד, וועלכער האָט נאָר געשטרעבט אָפּצוהיטן די תרי״ג מצוות.

מיר זענען געווען זיבן קינדער — פינף זין און צוויי טעכטער: פנחס ז״ל, שלמה ז״ל, לייבל (היינט אין בוענאָס־איירעס), יום־טוב ז״ל און משה (אין ירושלים). די טעכטער שפרה (אין פאַריז) און איך, די ייִנגסטע, ריווטשע־רחל.

מיך האָט אָפּגעטיילט פון שלמהן אַן עלטער־דיסטאַנס פון אַ 12—13 יאָר. ווי דער שטייגער אין יענע צייטן, האָבן די בחורים אין חסידיש־בעל־הביתישע היימען געלערנט תורה מיט אַ רבין, אָדער אין ישיבה. שלמה האָט ביז 15 יאָר געלערנט אין דער ישיבה. דער רבי האָט אַמאָל זיך אָנגעטרויט דער מאַמען, אַז ער האָט שטאַרק מורא פאַר שלמהס פלאַמיקן מוח, עס זאָל, חלילה, ניט צעפלאַקערן זיך דאָרט אַ העליש פֿייער. שכנים און תלמידי־חכמים האָבן אים גערופן „גאון" צוליבן שאַרפן קאָפּ און שוואַרץ־געקרייזלטע פּיאות, וועלכע האָבן זיך אַזוי שיין געבאַמבלט, ווען ער האָט זיך געשאָקלט איבער אַ בלאַט גמרא...

ויהי רצון — דער „גאון" שלמה איז טאַקע אַוועקגעפאַלן אויף אַ מוח־אָנצינדונג. דאָקטוירים האָבן מאַכטלאָז צעפירט די הענט און ניט געוואָלט געבן אַ פונק פון האָפענונג בנוגע דעם קראַנקן. האָט אונדזער ליכטיקע מאַמע ז״ל, ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, אַוועקגעשטעלט זיך אין אַ ווינקל פון שטוב און אויף איר שטייגער זיך

אויסגעטענהט מיטן רבונו של עו־לם: „היתכן? איז שוין געקומען די צייט אויסצולעשן אַזאַ ליכט?" דער מאַמעס הייסע טרערן און תחינות, אויסגעמישט מיט די פייער־בליצן פון שלמהס צעגליטן מוח, האָבן אַ סברה, אָנגעשפּאַרט אין בית־דין של מעלה, ווו מ׳האָט באַשלאָסן אים באַגנעדיקן...

מיט שלמהן איז דעמאָלט געשען אַ טאָפּלטער נס (אויב אַזעלכע פאַלן באַצייכענען ווי נסים). זיין בלויז געזונט ווערן איז דורך אַלעמען באַטראַכט געוואָרן ווי אַ תחית־המתים. דערנאָך, אַז ר׳איז געקומען צו זיך, האָט ער אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז ר׳איז אַמאָל געווען אַ מתמיד אין חומש, רש״י, גמרא, ש״ס, פוסקים און משניות. מען האָט געשמועסט, אַז ר׳האָט זיך שוין אויך געהאַט פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט קבלה. נאָר איצט, נאָך דער קראַנקייט — איז קיין זכר ניט געבליבן פון דעם אַלעמען.

וועגן שלמהס איבערברוך געדענק איך אַזאַ געשיכטע:

אַ געוויסן פאַרנאַכט אין שפּעטן פרילינג, לויפט אַריין צו אונדז אין שטוב אַ שכנה, פאַרסאַפּעט און איבערגענומען מיט אַ גאַר וויכטיקער נייעס:

— דבורהלע, דבורהלע! — שרייט זי צו מיין מאַמען, — קומט נאָר שנעל געבן אַ קוק אויף אייער זונדל שלמה, ווי ער שטייט דאָס אויף אַ דאַך און אַ מאַסע מענטשן הערן זיך צו צו זיינע רייד. און עפּעס אַזעלכע מאָדנע ווערטער רעדט ער — כ׳האָב זיי נאָך קיין מאָל ניט געהערט. פּערל שיטן זיך פון זיין מויל...

— אַ גוט יאָר אויף אייך, שיינדל, לצנות ווילט איר טרייבן מיט מיר — ענטפערט די מאַמע. — מיין שלמה אויף אַ דאַך?!...

די נייעס פון דער שכנה איז געווען אַן אמתדיקע. דער 18־יאָריקער שלמה מיטעלמאַן האָט נאָר וואָס געהאַט זיין ערשטן עפנטלעכן אַרויסטריט — און מיט פּאַטאָס גערעדט וועגן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, דעם יידישן אַרבעטער, סאָציאַליזם, ציוניזם. פאַר מיר, ווי פאַר דער גאַנצער משפחה, איז געווען אַ רעטעניש די דאָזיקע מעטאַמאָרפאָזע פון שלמהן. אָבער דער נייער אידעע און באַוועגונג האָט ער געדינט מיטן ברען און פאַנאַטיזם פון אַ ישיבה־בחור.

זיין עמפינדלעך האַרץ האָט תמיד געקלאַפּט פאַרן אָרעמען און שוואַכן. איך דערמאָן זיך אַזאַ עפּיזאָד:

— אַ מאָדנע זאַך, — האָט די מאַמע געזאָגט צו שלמהן, — ווי נאָר כ׳לאָז איבער די קליינע אין געשעפט — קומען די אָרעמעלייט צוויי מאָל נעמען אַ נדבה.

— לאָז זי, מאַמע — ענטפערט שלמה און גלעט מיך איבערן קאָפּ.

— מען דאַרף זי פאַרשטיין. זי איז אַ טרוימעריש קינד און איר דוכט זיך אויס, אַז דאָס האָט אליהו הנביא

זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אָרעמאַן, כדי אויספּרובירן איר גוט האַרץ...

סאַראַ געניטער פּסיכאָלאָג שלמה איז געווען, ווי ער האָט דאָס צו־געטראָפן און ריכטיק פאַרשטאַנען מיין דעמאָלטיקן קינדערישן טרוים און פאַנטאַזיע וועגן דעם פאַר־שטעלט אליהו הנביא...



אשתו ובתו של שלמה ז״ל, שניספו בגיטו.

פרוי און טעכטערל פון שלמהן, אומ־געקומען אין געטאָ.

איך געדענק, אַז פרומע יידן, רייכע סוחרים און הויז־אייגנטימער, האָבן פון שלמהן געוואָלט אַן ענט־פער, הלמאי ער איז אַזוי צוגעלאָזן צום פאָלק, גיט זיך אָפּ מיט עמך, איז אויסגעמישט מיט די מאַסן. „די מאַסן האָבן פּראָסטע מאַניערן און אַ גראָבע הויט, דאָס זענען שפלדיקע מענטשן״. שלמה האָט זיי רויק געענטפערט:

— פּראָסטע מאַניערן? גראָב־הויטיקייט? פּרובירט נאָר פאַרן געבוירן ווערן צו זיין פאַראור־טיילט צו לעבן אין נויט און אין פינצטערניש, שטיין און אַרבעטן ביז שפּעט אין דער נאַכט אין אַ קאָלטער, אומבאַהייצטער דירה און אַ שוואַך נאַפט־לעמפל איז די איינציקע ליכט פאַר דער נאָדל־פאָדעם, צי פּרעסאייזן. און זייער עסן, מ׳שטיינסגעזאָגט: ברויט און קאַרטאָפל, דאָס אויך ניט צו דער זעט! היינט פאַרשטייט איר שוין זייערע מאַניערן, צי די גראָבהוי־טיקייט? אונטער דער גראָבער הויט, אויב איר נעמט זי צו, וועט אַ בלענד טאָן אַ זויבערע נשמה, אַן איידעלער מאַן...

אַזוי האָט גערעדט שלמה.

רייך, עטיש און ערלעך איז גע־ווען זיין באַנעמונג צו מענטש און מענטשלעכקייט. ער האָט אין זיך פאַרקערפּערט די הומאַניס־טישע לאָזונגען פון דער פראַנצוי־זישער רעוואָלוציע: גלייכהייט, ברידערלעכקייט, טאָלעראַנץ און פרייהייט פאַר אַלע מענטשן.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז זיין נסיעה קיין פאַריז, אויף עפּעס אַ קאָנפערענץ און די אינטערעסאַנ־טע און באַלערנדיקע באַשרייבונ־גען וועגן זיינע איינדרוקן אין פראַנקרייכס הויפּשטאָט. אַ שאָד, וואָס די דאָזיקע מאַטעריאַלן זענען פאַרלוירן געגאַנגען.

ווענן שלמהן דעם געזעלשאַפט־לעכן טוער, קעמפּער און חבר וועלן אַוודאי שרייבן זיינע פריינד און פאַרערער. ער האָט חתונה געהאַט אין עלטער פון 26 יאָר. זיין פרוי האָט אים געבוירן אַ טעכטערל און שלמה האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ טרייער איבערגעגעבענער פאָטער און ליבער מאַן. אָבער דאָס האָט אים ניט געשטערט פאַרצו־זעצן זיין אַקטיווע, געזעלשאַפט־לעכע טעטיקייט.

דעם לעצטן גרוס פון שלמהן האָב איך געהאַט סוף 1939. האַרט פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, איז מיר געלונגען צו קו־מען קיין ארץ־ישראל מיט דער אומלעגאַלער עליה. פון לעמבערג, ווו שלמהן איז געלונגען צו אַנט־לויפן פון לובלין אין די סעפּטעמ־בער־טעג, האָט ער מיר געשיקט אַ קאַרטל און געבעטן אויפזוכן זרובבלען און אים איבערגעבן אַ גרוס פון זיין ברודער, מיט וועלכן שלמה האָט זיך געטראָפן.

פון דעמאָלט אָן איז פאַרלוירן געגאַנגען יעטוועדער קאָנטאַקט צווישן אונדז — ביזן סוף קריג, ווען כ׳האָב זומער 1945 באַקומען די איוב־בשורה, אַז שלמה איז גע־פאַלן אויפן שלאַכטפעלד אין וואַר־שע.

אוממעגלעך צו פאַרגעסן די דאָזיקע שיינע געשטאַלט!

מאיר שילדקרויט / תל־אביב

מיט שלמהן — פון יאָר 1939

אָנהויבנדיק פון יאָר 1921 האָב איך מיט שלמהן מיט קורצע אי־בעררייסן געאַרבעט צוזאַמען אין פאַרשידענע אינסטיטוציעס, ווי: „יוגנט", פאַרטיי און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס.

דאָס אַרטיקל וועגן שלמהן הייב איך אָן פון יאָר 1939, ווייל איך מיין, אַז די לעבן געבליבענע ברידער און שוועסטער, חברים און פריינד, האָבן אין זייערע אַר־טיקלען געגעבן אַ פּאָלזייטיק בילד וועגן זיין סביבה, דערציונג, אַק־טיוויטעטן אין דעם יידיש־געזעל־שאַפטלעכן און פּאַרטייאישן לעבן אין לובלין, ביזן יאָר 1939.

זייט דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין יאָר 1939, זענען מיר געווען צוזאַמען אין מערב־אוקראַינע, לוצק, לעמ־בערג און שפּעטער אין די סיבי־רער טייגעס. נאָך דעם אָפּמאַך פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד מיט דער פּוי־לישער עמיגראַציע־רעגירונג, האָבן מיר פאַרלאָזט סיביר און ווידער גע־ווען צוזאַמען אין מיטל־אזיע, טאַשקענט, טשימקענט; געאַרבעט אין די קאָלכאָזן, ביז מען האָט שלמהן מאָביליזירט אין דער אַר־בעטס־אַרמיי און פון דאָרט אין דער פּוילישער אַרמיי.

*

געווען איז עס אין די ערשטע טעג פון חודש סעפּטעמבער 1939, ווען דער ראַדיאָ האָט צו וויסן געגעבן, אַז די חלוקה־גרענעץ פון פּוילן צווישן ראַטן־פאַרבאַנד און דייטשלאַנד, איז נישט די ווייסל, נאָר דער טייך בוג. אַזוי אַרום איז לובלין, וואָס ליגט פון דער צווייטער זייט ווייסל אַרונטערגע־פאַלן אונטער דער דייטשער אָקו־פּאַציע. די דייטשן האָבן באַזעצט די שטאָט און אָנגעהויבן איינפירן „אָרדענונג" אין דער אַלגעמיינער אַדמיניסטראַציע. נאָך דעם האָבן זיי זיך גענומען צו די יידן, דורך זייער רעפּרעזענטאַנץ, די יידישע קהילה.

יעדן טאָג און יעדע שעה זע־נען אַרויס נייע פאַראָרדענונגען, וועלכע האָבן באַגרענעצט די רעכט פון די לובלינער יידן: אַרויסגאַנג־פאַרבאָט, צוואַנגס־אַר־

בעט, קאָנטריבוציעס, קאָנפיסקאַציעס. אויסער דעם זענען פאָרגעקומען רויב־אָנפאַלן אויף די יידן אין זייערע היימען און אין גאַס.

אין חודש אָקטאָבער האָט אונדזביידע באַגעגנט דער פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער יידישער קהילה, יאָסל גאָלדשטערן, אויף דעם פּלאַץ קאַטעדראַלנע. ער איז געגאַנגען צו אַ זיצונג פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג — און אונדז באַגעגנט מיט די ווערטער: „גוט וואָס איך האָב אייך געטראָפן. נעכטן נאָכמיטאָג האָבן מיר דערהאַלטן אַ פאַראָרדענונג, אַז די קהילה זאָל צושטעלן אַ רשימה פון אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, פּאָליטישע פאַרטייען, דער עיקר די נעמען פון די אָנפירער, מיט זייערע גענויע אַדרעסן. איך גיב אייך דאָס צו וויסן און איר טוט ווי איר פאַרשטייט"...

מיר, שלמה און איך, האָבן זיך באַראַטן מיט נאָך עטלעכע חברים און דעצידירט צו פאַרלאָזן לובלין. היות ווי אויף דער סאָוויעטיש־דייטשער גרענעץ איז שוין דאַן געווען אַ שטרענגע קאָנטראָל, האָבן מיר באַשלאָסן נישט פאָרן צוזאַמען. איך האָב זיך געלאָזן מיט מיין שוואָגער יאָסעלע בלומענשטאָק קיין כעלעם, צו דער גרענעץ פון טייך בוג און שלמה איז אַוועק מיט חיים מאָרגנשטערן צו דער גרענעץ פון ראַוואַ־רוסקאַ, ביי לעמבערג. מיר האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפן אין לוצק אָדער אין לעמבערג.

נאָך עטלעכע טעג וואָגלעניש ביי דער גרענעץ, בין איך מיט מיין שוואָגער אָנגעקומען קיין וולאַדימיר־וואָלינסק און פון דאָרט זענען מיר געפאָרן קיין לוצק. אין לוצק האָב איך געטראָפן אַ סך באַקאַנטע, אויסער שלמהן. בין איך גלייך אַוועק קיין לעמבערג, ווו מיר האָבן זיך טאַקע ווידער געטראָפן. איך דערמאָן זיך די פרייד פון שלמהן ביי דעם צוזאַמענטרעף; ער האָט שוין געוואַרט אויף מיר 10 טעג און נישט פאַרשטאַנען וואָס עס געדויערט אַזוי לאַנג. גלייך דעם ערשטן אָוונט נאָכן פאַרלאָזן לובלין איז ער אַריבער די גרענעץ און געווען אין לוצק.

די ערשטע בשורה וואָס ער האָט מיר אָנגעזאָגט איז געווען, אַז שיע טאַרטשיק מיט זיין זון (פועלי־ציון טוער אין פילעוו), זענען דערטרונקען געוואָרן אין טייך בוג ביים אַריבערגיין די גרענעץ. ער האָט זיך שטאַרק געשראָקן וועגן מיין גורל.

אין לעמבערג האָבן מיר גלייך אויפגעזוכט נתן בוקסבוים. ער האָט געוווינט ביי זיינעם אַ ברודער. בוקסבוים האָט אונדז דערציילט, אַז די מאַכט־אָרגאַנען האָבן אים פאָרגעלייגט אַ פּאָסטן, אַלס צענזאָר איבער די אוקראַאינישע און יידישע צייטונגען. ער האָט די אַרבעט נישט אָנגענומען. די סיבות

וואָס ר'האָט אָנגעגעבן זענען גע־ וועןֿ, אַז ער וואַרט אויף זיין פרוי, וועלכע געפינט זיך נאָך אין וואַר־ שע, און איז נישט זיכער צי ער בלייבט אין לעמבערג. אונדז אָבער האָט בוקסבוים געזאָגט, אַז ווי אַ פּועלי־ציון־טוער, קען ער זיך נישט אונטערנעמען צו צענזורירן די יידישע און נישט־ יידישע פּרעסע. „ס'איז נאָך פאַראַן עפּעס ספּעציפיש־יידישס צווישן אונדז און דער קאָמוניסטישער וועלט" — האָט ער צוגעגעבן

אין די פאַרנומענע געביטן דורך דער סאָוויעטן־מאַכט, האָט זיך אָנ־ געהויבן אַ גרויסע ווערבירונגס־ אַקציע צווישן די פּליטים, זיי זאָלן פאָרן אין טיף־רוסלאַנד אויף אַר־ בעט. טויזנטער פּליטים האָבן זיך רעגיסטרירט און געפאָרן. שלמה און איך האָבן באַשלאָסן צו בלייבן אין לוצק, ווייל מיר האָבן געוואָלט זיין נאָענט פון אונדזערע פרויען, וועלכע זענען געבליבן אין לובלין.

מאַי־יוני פון 1940, האָט זיך אין לוצק אָנגעהויבן אַ געיעג נאָך די פּוילישע פּליטים: יידן און נישט־ יידן. מען האָט אַלע צוזאַמענגענו־ מען, אַריינגעזעצט אין וואַגאָנען און אַוועקגעשיקט אין טיף־רוס־ לאַנד, טייל אין לאַגערן און אַ טייל אַלס ספּעציעל־פאַרשיקטע (ספּעצ־ פּערעסעלענצי). מיר זענען אַריינ־ געזעצט געוואָרן אין די וואַגאָנען פאַר ספּעציעל־פאַרשיקטע און זע־ נען געפאָרן בערך אַן 8 טעג און אָנגעקומען צום טייך טשולים, אין נאָוואָסיבירסקער געגנט. דעם טייך זענען מיר אַריבער אויף באַרקעס און לאָדקעס, שפּעטער האָט מען אונדז אויף וועגענער אַריינגעפירט אין די סיבירער טייגעס. מיר זע־ נען געווען בערך אַ 900 נפשות.

די טייגע איז געווען דער צענ־ טראַלער פּונקט. פון דאָרט האָט מען פונאַנדערגעשיקט גרופּן אין פאַרשידענע פּונקטן, וועלכע זע־ נען געווען נישט ווייט פון דער טייגע.

שלמה און איך זענען צוגעטיילט געוואָרן צו אַ גרופּע צו אַרבעטן אין אַ „סעלכאָז" (מלוכהשע דאָרף־ ווירטשאַפט), דאָס איז געווען 7 קילאָמעטער פון דער טייגע. מיר האָבן זייער באַדויערט וואָס מיר דאַרפן פאַרלאָזן די טייגע, ווייל דאָרטן, אין די אויפגעשטעלטע באַראַקן, האָבן מיר זיך געפונען אין אַ קרייז פון אינטעלעקטועלע מענטשן פון פּוילן, ווי פּראָפ. מאַ־ ליניאַק, מיטרעדאַקטאָר פון „ראָ־ באָטניק"; אַדוואָקאַט ראָזענצווייג פון קראָקע א. אַנד. אין אַ פרייען טאָג זענען מיר געגאַנגען אין דער טייגע הערן „נייעס" און אַ ביסל קיביצן.

פּראָפ. מאַליניאַק איז געווען אַ פערזענלעכער פריינד פון וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ, וועלכע האָט זיך צו יענער צייט געפונען אין מאָס־ קווע. ער איז מיט איר געווען אין בריוולעכער פאַרבינדונג און דע־ ריבער געבעטן, מען זאָל אים דורך איר פאַרמיטלונג באַפרייען

פון דער טייגע — אָבער אָן דער־
פאָלג. שפּעטער האָט אים די פּוי־
לישע רעגירונג פון שיקאָרסקי
אַרויסגענומען קיין לאָנדאָן.

אַדוואָקאַט ראָזענצווייג פון קראָ־
קע, אַ פאַרטיידיקער פון קאָמוניס־
טן אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן,
האָט געהאַט אַן אייגנהענטיקן
בריוו פון לענינען, אַז אין יאָר
1905, בעת זיין זיין אין קראָקע,
איז ער געווען אויסבאַהאַלטן ביים
אַדוואָקאַט ראָזענצווייג. ער האָט
וועגן דעם געשריבן קיין מאָסקווע
און געבעטן מען זאָל אים באַ־
פרייען פון לאַגער. האָט ער באַ־
קומען אַן ענטפער, אַז ער זאָל קו־
מען קיין מאָסקווע, אָבער קיין
אַרויספאָדערונג האָט מען אים
נישט געשיקט און די נ.ק.וו.ד. אויפן
פּלאַץ האָט אים נישט דערלויבט צו
פאָרן.

אין דער טייגע זענען געווען אַ
סך לובלינער: די פרידמאַנס,
בערגסאָן (היינט אין אַמעריקע),
אַכטמאַן, שטיצער, יידל און סאַלעק
עדעלשטיין (היינט אין פּאַריז),
יוזשעק און איציק ברענמאַן און
נאָך אַנדערע. אין אַ פרייען טאָג
זענען מיר געגאַנגען אין דער טײ־
גע (7 קילאָמעטער), כדי צו זיין
צוזאַמען מיט די לובלינער און אָפּ־
נעמען גרוסן פון באַקומענע בריוו
פון פּוילן: פון די פרויען, עלטערן
און פאַמיליעס.

אין דעם סעלכאָז האָבן מיר אַ
גאַנצע וואָך געאַרבעט אין פעלד.
מיר האָבן באַקומען אַ פערד איינ־
געשפּאַנט אין אַן אַקעראייזן, האָבן
מיר צעאַקערט דאָס פעלד, פאַר־
זייט קאַרטאָפל, קרויט, בוראַקעס.
די ערד אין סיביר איז זייער אַ
פרוכטבאַרע. אין די חדשים מאַי־
יוני האָבן מיר געאַקערט און גע־
זייט און אין אויגוסט־סעפּטעמבער
האָבן מיר שוין אַראָפּגענומען די
צייטיקע גרינוואַרג.

דער „פרעדסעדאַטעל" (פאָרזי־
צער) פון „סעלכאָז" איז אויך גע־
ווען אַ יידישער פּליט פון ווילנע,
אַ קאָמוניסט, טשוויערקאָווסקי האָט
ער געהייסן. אין די אָוונטן האָבן
מיר מיט אים געשמועסט און דיס־
קוטירט וועגן יידישע פּראָבלעמען.
אין חודש סעפּטעמבער זענען דע־
מאָלט אויסגעפאַלן די ימים־נור־
אים. מיר האָבן באַשלאָסן ראש־
השנה נישט אַרויסצוגיין צו דער
אַרבעט און וועגן דעם געמאָלדן
דעם „פרעדסעדאַטעל" טשוויער־
קאָווסקי. ער איז געוואָרן שטאַרק
אויפגערעגט, אונדז פאַרגעוואָרפן
יידיש־נאַציאָנאַליסטישע געפילן
און געדראָט אונדז איבערצוגעבן
אין געריכט פאַר „פּראָגול", ד.ה.
פאַר נישט אַרויסגיין צו דער אַר־
בעט. דאָס האָט געדראָט פון 1 ביז
5 יאָר תפיסה.

אין אַן אָוונט איז צו אונדז גע־
קומען יידל עדעלשטיין. ער האָט
געאַרבעט אין דער טעלעפאָן־
סטאַציע אין דער טייגע, האָט ער
אונדז איבערגעגעבן, אַז ער האָט
איבערגענומען אַ טעלעפאָן־גע־
שפּרעך פון טשוויערקאָווסקין מיטן

קאָמענדאַנט פון דער נ.ק.וו.ד. ער האָט געפרעגטביים קאָמענדאַנט וואָס ער זאָל טאָן מיט די צוויי אַרבעטער וואָס זאָגן זיך אָפּ אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט צו־ליבן יידישן יום־טוב. דער ענט־פער פון קאָמענדאַנט איז געווען: „פּאַד סוּד" (אָנגעבן אין געריכט). נאָך דער אינפאָרמאַציע האָבן מיר באַשלאָסן, אַז איך זאָל אַרויסגיין צו דער אַרבעט און שלמה אין געריכט.

ווען איך בין געקומען צו דער אַרבעט, האָט מיר טשוויערקאָוו־סקי געמאָלדן, אַז אין די צוויי טעג יום־טוב וועל איך זיין „סטאָראָזש" (היטער) ד. ה. אַרומגיין אין די וועלדער און פעלדער און היטן. איך בין געווען פאַרווונדערט. פאָרט אַ יידיש האַרץ.

עטלעכע טעג נאָך יום־טוב האָט שלמה באַקומען אַ מעלדונג, אַז ער זאָל זיך צושטעלן אין געריכט קיין זיריאַנסק. דאָס איז געווען בערך אַ 30 קילאָמעטער פון אונ־דזער אַרבעטס־פּלאַץ, דער ראַיאָן־צענטער פון דער טייגע. מיט וואָס צו פאָרן איז נישט געווען און ער האָט געמוזט גיין אַ הין צו פוס. דער וועג האָט געדויערט איבער 2 טעג, ווייל דער שניי האָט דאָרט דערגרייכט ביז אַ 1.80 מעטער די הויך.

נאָך 5 טעג איז שלמה צוריק־געקומען פון זיריאַנסק און מיט שטאָלץ און ווירדע איבערגעגעבן, אַז דער ריכטער האָט אים באַ־פרייט. זיינע מאָטיוון פאַרוואָס ער איז נישט אַרויס צו דער אַרבעט: אַז ראש־השנה איז דער אָנהויב פון יידישן יאָר; ער איז אַ ייד, איז פאַרבונדן מיטן יידישן פאָלק א. אַ. וו. שלמה האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז זיכער, אַז דער ריכטער איז אַ ייד, ווייל בעת ער האָט גע־רעדט (ער האָט נאָך נישט געקענט גוט רוסיש) האָט אים דער ריכטער אַרויסגעהאָלפן מיט ווערטער.

די ידיעה וועגן שלמהס באַפריי־אונג האָט זיך בליץ־שנעל פאַר־שפּרייט אין אַלע פאַרשיקונגס־פונקטן פון דער טייגע און איז דורך אַלעמען ברייט קאָמענטירט געוואָרן.

*

דעם 22טן יוני 1941, ווען דייטשלאַנד איז אָנגעפאַלן אויפן ראַטנפאַרבאַנד, האָבן מיר אַלע געגלויבט און געווען זיכער אין דעם נצחון פון דער רויטער אַר־מיי. שלמה האָט זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן אין דער קאָמענדאַנטור וועגן דער פּראָצעדור זיך אָנצו־שליסן אין דער אַרמיי אין קאַמף קעגן היטלער־דייטשלאַנד. ער האָט באַקומען אַן ענטפער: „וואַרט צו, איר זענט פוילישע בירגער, עס דערוואַרט אייך עפּעס אַנ־דערש"... אויך דער ענטפער איז ברייט קאָמענטירט געוואָרן.

אין אַ צייט אַרום, זענען מיר באַפרייט געוואָרן און געמעגט

פאָרן וווהין מיר האָבן געוואָלט, אויסער אין די פראָנט־זאָנעס.

מיר האָבן באַשלאָסן זיך צו לאָזן קיין טאַשקענט, מיטל־אַזיע. צוזאַמען מיט אונדז זענען אויך געפאָרן די אַנדערע לובלינער, מיט וועמען מיר האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. נאָך לאַנגע וואָגלענישן, ווי אין מלחמה צייט, זענען מיר אָנגעקומען קיין טאַשקענט.

די שטאָט איז געווען פאַרפלייצט פון פליטים. מיר זענען געשלאָפן אויף דער גאַס ביים וואָקזאַל. די מאַכט־אָרגאַנען האָבן געפאָדערט פון די פליטים צו פאַרלאָזן טאַשקענט, די הויפּט־שטאָט פון אוזבעקיסטאַן, און זיך באַזעצן אין דער אַרומיקער געגנט. מיר זענען געווען אַ גרופּע פון 12 לובלינער. מיר האָבן אויסגעקליבן 2 חברים, וועלכע זענען אַריינגעפאָרן קיין יאַנגי־יול, וואָס איז געלעגן אַ 20 קילאָמעטער פון טאַשקענט, דאָרט געדונגען אַ צימער און אַלע האָבן מיר זיך דאָרט אַריינגעצויגן (באַטירלעך, נאָר צו שלאָפן).

מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן באַשעפטיקונג. איך, שלמה און מענדעלע מילשטיין, האָבן באַקומען אַרבעט אין אַ „כלאָפּ־זאַוואָד". עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס איז געקומען אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע פליטים מוזן פאַרלאָזן יאַנגי־יול, ווייל דאָרט האָט זיך פאָרמירט אַ טייל פון דער פוילישער אַרמיי, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך גענעראַל אַנדערס. מען האָט שוין אויך געוווסט, אַז די פּוילישע אַרמיי וועט אַריבערגעפירט ווערן קיין איראַן. קיין יידן אין דער אַרמיי האָט מען נישט אָנגענומען, אויסער ספּעציעל פּראָטעזשירטע.

מען האָט אונדז עוואַקואירט קיין טשימקענט, בערך אַ 200 ק"מ פון טאַשקענט און פון דאָרט האָט מען אונדז געבראַנגט אין אַ קאָלכאָז, 28 קילאָמעטער פון טשימקענט.

די וווינונגס־באַדינגונגען אין דעם קאָלכאָז זענען געווען שרעקלעכע. 28 מענטשן האָבן מיר געווינט אין אַ גרויסן צימער. די אַנטי־היגיעניש באַדינגונגען האָבן גורם געווען צו אַ טיפוס־עפּידעמיע און אַנדערע קראַנקהייטן. צוויי צי דריי פון אונדזערע מיטוווינער זענען געשטאָרבן. ווי יעדער קאָלכאָזניק, האָבן מיר באַקומען צו 400 גראַם מעל אָדער ווייץ אַ טאָג.

מיר האָבן זיך באַמיט וואָס אָפּטער צו זיין אין טשימקענט, וועלכע האָט געהאַט אַ באַפעלקערונג פון איבער 100 טויזנט איינוווינער און איז געווען אַ דורכפאָר־שטאָט פון קאַזאַכסטאַן קיין אוזבעקיסטאַן.

אונדזער „פאַרמעגן" האָבן מיר געלאָזט אין קאָלכאָז און געוווינט אין טשימקענט. אין אָנהויב זענען מיר געשלאָפן ביי ניוני אַכטמאַן, אַ לובלינערין. זי האָט זיך נאָך פריער אַהער עוואַקואירט פון מערב אוקראַינע און געהאַט דאָ אַן אייגן

צימער. דאָס צימער איז געוואָרן אַ פרייע אכסניה פאַר יעדן ביע־זשעניעץ (פּליט) וואָס האָט גע־דאַרפט איבערנעכטיקן עטלעכע נעכט.

שפּעטער האָבן מיר זיך געדונגען אַ פלאַץ צו שלאָפן און געצאָלט פאַר יעדער נאַכט. איין מאָל אין וואָך זענען מיר געגאַנגען אין קאָלכאָז און דאָרט פאַרבליבן 2 טעג.

קיין טשימקענט איז געקומען אברהם פיינזילבער, אַ גאָר נאָענ־טער חבר פון שלמהן. פריער איז ער געווען אַ פּועלי־ציוניסט און צוזאַמענגעאַרבעט מיט שלמהן; געווען לערער אין דער באָראָכאָוו שול אין לובלין. אין יאָר 1927 איז ער אַריינגעטרעטן אין „בונד״, פאַרלאָזט לובלין און געפאָרן קיין ווילנע. דאָרט האָט ער געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער.

אברהם פיינזילבער האָט אונדז איבערגעגעבן זייער אינטערעסאַנ־טע פּרטים וועגן הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער. ער איז צוזאַ־מען מיט זיי געזעסן אין דער מאָ־סקווער תפיסה. פיינזילבער האָט געאַרבעט אויף אַ פּאָסטן אין אַ פּוילישער פּלאַצוווקע. אַזעלכע פּלאַצוווקעס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן דורך דער פּוילישער רע־גירונג פון שיקאָרסקין אומעטום ווו עס האָבן זיך גרופּירט גרע־סערע צאָלן פּוילישע בירגער. אין אַ צייט אַרום איז פיינזילבער ווי־דער געקומען קיין טשימקענט. דאַמאָלט זענען שוין די פּלאַצווו־קעס געווען אויפגעלעזט דורך דער סאָוויעטן־מאַכט און אַ טייל פירער זענען איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסות.

די עוואַקואַציע פון פּוילישן מי־ליטער פון גענעראַל אַנדערס און פון אַ טייל ציווילע בירגער פון ראַטן־פאַרבאַנד קיין פּערסיע, איז נאָך אָנגעגאַנגען. פיינזילבער האָט דעמאָלט געזוכט הערשל הימל־פאַרבן, כדי אים אַרויסצופירן פון ראַטן־פאַרבאַנד. אויף שלמהס און מיין ווענדונג, ער זאָל אויך אונדז אַרויפנעמען אויף דער רשימה, האָט ער אָפּגעזאָגט.

פיינזילבער, ווי אַלע אַנדערע זענען פון פּערסיע געפאָרן קיין ישראל, געווען דאָ אַ שטיקל צייט און היינט געפינט ער זיך אין אַמעריקע.

פון טשימקענט האָבן מיר גע־שיקט אַ בריוו צו דער סוכנות אין ירושלים וועגן דער מעגלעכקייט אונדז צו נעמען קיין ארץ־ישראל; מיר האָבן זיך פאַר־רופן אויף די אָנפירנדיקע חברים פון פּועלי־ציון: זרבבל, לעוו, ראָ־זען און אַנדערע, וועלכע האָבן גע־ווּסט פון אונדזער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער טעטיקייט אין פּוילן. קיין ענטפער האָבן מיר נישט דערהאַלטן, מיר האָבן אָבער אָנגעהויבן באַקומען הילף פון אי־ראַן דורכן „דזשאָינט״. דאָס זענען געווען פּעקלעך שפּייז, שיך און מלבושים.

צוליב דער עפּידעמיע און טויט־פּאַלן אין קאָלכאָז, אויך צוליב דעם יקרות און דער ענגשאַפט אין טשימקענט, האָבן מיר פאַר־לאָזט דעם פּלאַץ און אַוועק קיין „לענגער־אוגאָל". דאָס איז אַ געגנט פון קוילן־גרובן, 15 קי־לאָמעטער פון טשימקענט. דאָרט האָבן מיר געקויפט אַ ליימענע כאַטקע. מיט מיר איז געווען מיין שוועסטער מיט אַ קינד און מיין ברודער יחיאל נח ז"ל (אומגע־קומען אין ישראל) און נאָך לוב־לינער. יעדער פון אונדז האָט זיך איינגעאָרדנט אויף אַרבעט. שלמה איז אַוועק אַרבעטן אין אַ נאָענטן קאָלכאָז, 3 קילאָמעטער פון לענ־גער אוגאָל, און כמעט יעדן אָוונט געווען מיט אונדז. ביז ער איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַר־בעט־אַרמיי (טרוד־אַרמיאַ) און פון דאָרט אין דער פּוילישער אַרמיי.

*

אַ האַרציקער גוטער חבר, מענטש און ייד. אויפריכטיק און ערלעך צו זיך און צו די אַרומיקע. אַ שאַרפער קאָפּ. שטענדיק אַרויסגע־ברענגט טיפזיניקע געדאַנקען ביי דיסקוסיעס וועגן פאַרשידענע פּראָ־בלעמען. נישט שטודירט אין קיין אוניווערסיטעט — האָט ער אָבער פאַרמאָגט אַ סך וויסן; אַ קענער און ליבהאָבער פון אַלגעמיינער און יידישער ליטעראַטור און פּאָע־זיע; אַ ליבהאָבער פון קונסט, מוזיק און געזאַנג.

מיט לייב און לעבן געווען פאַר־בונדן מיט פּועלי־ציון. געזען אין איר די אויסלייזערין פון יידישן פאָלק דורך סאָציאַלער און נאַ־ציאָנאַלער באַפרייונג.

געקעמפט מיט געוויער קעגן דער נאַצישער חיה, וועלכע האָט אומגעבראַכט צענדליקער מיליאָ־נען מענטשן און אויף אַ בעסטיאַלן אופן פאַרניכטעט אַ דריטל פון יידישן פאָלק.

געפאַלן אויפן פראָנט אין מיטן קאַמף.

קאָפּל מיזשעריצקי / בוענאָס־איירעס

מיין רבי — חבר שלמה

נישט וועגן אַ רבין מיט באָרד און פּיאות וועל איך דאָ דערציילן, נאָר וועגן אַ מענטשן וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, געוואָרן איר לערער אין ברייטערן זין פון וואָרט, אָנערקענטער מנהיג פון דער ציוניסטיש - סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין לובלין.

געלערנט האָט ער אַ נייע תורה: וועגן קאַמף פון די יידישע אַרבעטער פאַר זייער טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ, וועגן סטיכישן פּראָצעס פון עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל; וועגן איבערשיכטונג פון די פּויפּעריזירטע און דעקלאַסירטע אין אונדזער אַלט־נייעם לאַנד; וועגן קאַמף פאַר אַ בעסערן מאָרגן. די דאָזיקע תורה האָט מען גערופן באָראָכאָוויזם. און שלמה איז געווען נישט נאָר דער אָרגאַניזאַטאָר, נאָר אויך דער אויספירער פון דעם וואָס ער האָט געלערנט. זיין לעבן, קאַמף און העלדישער טויט, דאַרף זיין אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע.

*

מיר האָבן געוווינט אויף דער וואָליע, אַ טיפּישע אַרבעטער־פאָרשטאָט אין לובלין. נאָך אַלס קינד, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט לייענען אַ ביסל יידיש ביים לערער, וועלכן דער טאַטע האָט אָנגעשטעלט פאַר אונדז, קינדער — האָט מיך פאַר אַלעמען געצויגן צו כאַפּן אַ בליק אין די ביכלעך ביי מיין פעטער קאָפּל אין שטוב, איידער אין די כרעסטאָמאַטיעס, וואָס דער לערער האָט געבראַכט. אַ סך מער האָבן מיך פאַראינטערעסירט די צייטונגען, וואָס דער פעטער קאָפּל האָט געבראַכט, ווען ר׳איז געקומען פון דער אַרבעט, ווי „מאָמענט", „היינט", אָדער די „פאָלקס־צייטונג". אויף יעדן שבת איז אָנגעקומען די פּועלי־ציוניסטישע „אַרבעטער־צייטונג"; מיך האָט מער געצויגן צו דער לעצטער. צום ערשטן מאַי, איז זי דערשינען מיט אַ רויטן קאָפּ, וואָס האָט זי געמאַכט מער יום־טובדיקער. צום יאָרצייט פון בער באָראָכאָוו — מיט שוואַרצע ראָמען, ווי באַדעקט מיט טרויער. געלייענט האָב איך דאָרט וועגן דער יידישער און אַלגעמיינער אַרבעטער־

באַוועגונג, פועלי־ציון־פּאַרטיי און איר קאַמף. נישט אַלץ וואָס כ׳האָב געלייענט, האָב איך תופס געווען. נאָר דער פעטער קאָפּל האָט זיך באַמיט מיר געבן צו פאַרשטיין, קלאָר מאַכן דאָס וואָס מיין קינדע־רישער שכל האָט נאָך נישט באַ־נומען.

אין די שבת־פאַרנאַכטן זענען זיך צונויפגעקומען ביי אים אין שטוב גאַרבער־אַרבעטער, גע־שמועסט וועגן פּראָפעסיאָנעלע ענ־ינים, אויך וועגן ליטעראַטור, שריי־בער, דערשינענע ביכער. ביי אַזעלכע געלעגנהייטן פלעגן קומען פאָרשטייער פון דער פועלי־ציון און אָרגאַניזירט אַ פאַרטיי־גרופּע אויף דער וואָליע. אין יענער צייט האָט מען דורכגעפירט וואַלן צום לובלינער שטאָט־ראַט. די גרופּע איז דאָס מאָל זיך צונויפגעקומען שבת אין דער פרי. פון צענטער שטאָט איז געקומען אַ יונגערמאַן מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר, אַ בריי־טן שטערן, פון הינטער די ברילן האָבן אַפּערגעקוקט אַ פּאָר ענער־גישע אויגן, פון די ליפּן האָט אַראָפּגעשיינט אַ לייכטער שמייכל.

די מומע לאהלע האָט מכבד גע־ווען מיט טיי און קיכלעך, וואָס זי האָט ספּעציעל אָפּגעבאַקן ערב שבת. דער פעטער קאָפּל האָט דערעפנט די מסיבה, פאָרגעשטעלט דער פאָרשטייער פון פאַרטיי־קאָ־מיטעט, דעם חבר שלמה מיטעל־מאַן — און אים באַלד איבערגע־געבן דאָס וואָרט.

שלמה האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן דער ספּעציעלער באַדייטונג פון די וואַלן צום שטאָט־ראַט, וועגן דער פּאָזיציע וואָס די פועלי־ציון־פראַקציע וועט דאַרפן דאָרט פאַרנעמען ; וועגן דעם וואַל־קאַמף וואָס קומט אויס צו פירן אויף דער יידישער גאַס : מיט אַגודה, אַלגע־מיינע ציוניסטן, און דער עיקר — מיט „בונד“, וואָס זאָגט צו יעדן איינעם, וואָס וועט פאַר אים שטי־מען, „אַ דאַך איבערן קאָפּ“, „חת־נים פאַר פאַרזעסענע כלות“ און אַזוי ווייטער.

דאָס ווירקט אויף דעם אָפּגע־שטאַנענעם טייל פון די יידישע אַרבעטער. די אויפגאַבע פון די פועלי־ציון־חברים איז אויפצו־קלערן, מאַכן באַוווּסטזיניק. דער וועג איז אַ שווערער, אָבער דער־פאַר אַן ערלעכער.

שלמה האָט גערעדט געלאַסן, אָן פּאַטאָס, מער אַפּעלירט צום גע־דאַנק, ווי צום האַרצן. טייל מאָל זיך פאַרהאַקט, אָבער באַלד ווייַ־טער געצויגן, ווי אַ שנירל, זיין געדאַנקען־גאַנג. חברים זענען גע־זעסן שטיל, אויסגעהערט יעדעס וואָרט, נאָכגעגאַנגען זיינע אויס־פירן. ווען ער האָט געענדיקט, האָ־בן זיי אים האַרציק באַגריסט. די עלטערע זענען אַוועק, די יונגערע זענען אַרויס אויפן גאַניק פון אונ־דזער הויז און גענומען זינגען לי־דער : „העמערל, העמערל“ און „סאַהאַראַ“, די „וואַנט“ און צענד־ליקער אַנדערע, וואָס זענען געווען

דעמאָלט צום האַרצן דער יוגנט אין פוילן. אויף פאַרנאַכט איז גע־ווען באַשטימט אַ וואַל־מיטינג אין דער פאָרשטאָט „זאַמד", לעבן דער באַן־סטאַציע.

שלמה איז שוין געבליבן אויף מיטאָג ביים פעטער קאָפּל. דער־נאָך זענען די חברים ווידער זיך צונויפגעקומען און צוזאַמען גע־מאַכט אַ שפּאַציר פון דער „וואָ־ליע ביז דער קאָליע".

דער וועג איבער דער שטאָט איז געווען אַ לאַנגער, דערפאַר האָט מען געמאַכט אַ קפיצת־הדרך דורך אַ שמאָלער סטעזשקע פון די וואָליער לאָנקעס, ביים ברעג פון טייך ביסטזשיצע, ביז מ'איז צוגעקומען צום הויף נישט ווייט פון וואָקזאַל, ווו דער מיטינג איז פאָרגעקומען. עס זענען שוין גע־ווען פאַרזאַמלט חברים פון שטאָט, די יידישע באַפעלקערונג פון „זאַמד", ווו שלמה האָט געוווינט.

עס האָט דערעפנט אַ חבר, דער־נאָך האָט גערעדט נאָך איינער. דאָס לעצטע וואָרט האָט געהאַט שלמה. ער האָט אָנגעהויבן געלאַסן, רואיק — וועגן דער נויט פון דער יידישער באַפעלקערונג, די־רות־מאַנגל. וואָס ווייטער ער האָט גערעדט, אַלץ מער זיך דערוואַ־רעמט. האַסטיקער געוואָרן זיין אָטעם. ער האָט געפּאָדערט ביי די שטאָט־טאַטעס באַלדיקע ליי־זונגען פאַר די נויטבאַדערפטיקע; גערעדט וועגן סאָציאַליזם, וואָס וועט ברענגען אַ בעסערע וועלט, וועגן אַ יידישן אַרבעטער־צענ־טער, וואָס גייט אויף אין ארץ־ישראל, פאַרן קיום פון יידישן פאָלק.

ווען ער האָט געענדיקט, האָט אַ סאַלווע פון אַפּלאָדיסמענטן באַ־שטעטיקט, אַז דער עולם האָט אים פאַרשטאַנען און איז מסכים מיט זיינע אויספירן. מען איז זיך צע־גאַנגען אונטער דער ווירקונג פון זיינע ווערטער, אַז זיכער וועלן אַ סך שטימען פאַר אָט די אידעען, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט. אויך זענען צוגעקומען סימפּאַטי־קער, אַ טייל האָט זיך תיכף אָנ־געשלאָסן אין די רייען פון דער פאַרטיי.

די וואַל־אַקציע איז געווען אין פולן ברען. שלמהס אָנטייל איז געווען אומעטום: ביים רעדאַגירן אויפרופן, אָרגאַניזירן די אַגיטאַ־ציע פון שטוב צו שטוב; שיקן חברים פונאַנדערטיילן וואַל־ליטע־ראַטור, קלעפּן פּלאַקאַטן, מאָלן „שאַבלאָנען" אויף די ווענט פון די לובלינער הייזער. אומעטום זיין אויג, אומעטום זיין דערמונ־טערנדיק וואָרט.

דעם לעצטן שבת פאַר דעם וואַל־אַקט, זענען פאָרגעקומען אַ סך מיטינגען אין שטאָט, פון אַלע פאַרטייען. יעדע פאַרטיי האָט אַראָפּגעבראַכט פון וואַרשע די גרעסטע אויטאָריטעטן, די בעסטע רעדנער. לובלין האָט זיך פאַרע־כנט אַלס בונדישע פעסטונג און זיי האָבן געבראַכט זייער מנהיג

ביניש מיכאַלעוויטש. דער פּאַרטיי־קאָמיטעט פון פּועלי־ציון האָט געקלאַפּט טעלעגראַמעס קיין וואַרשע, אַז מען זאָל שיקן נאָך זרובבלען.

אויף דעם טאָג זענען מאָביליזירט געוואָרן חברים, סימפּאַטיקער, יוגנט. יעדער ווער ס'האָט נאָר געקאָנט צולייגן אַ האַנט.

זרובבל איז געקומען פריטיק. די זעלבע נאַכט זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן זיצונגען און חברים־פאַרזאַמלונגען.

שבת אין דער פרי זענען חברים געשיקט געוואָרן צו ריידן אין בתי־מדרשים און שולן. אויף נאָכמיטאָג זענען באַשטימט געוואָרן מיטינגען אין די פאַרשטעט, און פאַרנאַכט — דער צענטראַלער מיטינג פון שטאָט, אין פייגעלע אברהם לייזערס הויף אויף קאָוואַלסקי 4.

אויף דער וואָליע איז צום ערשט ביי אונדז אין שטוב, אָרגאַניזירט געוואָרן אַ צוזאַמענקום פון אַלע חברים, מיטן אָנטייל פון חבר זרובבל. די מאַמע האָט נאָך פריטיק אויסגעפּוצט די פאָדלאָגעס מיט רויטער פאַמאַדע, צוגעראַמט ווי פאַר אַ יום־טוב; עס האָט געפינקלט אין אַלע ווינקעלעך. מען וועט דאָך האָבן אַזאַ חשובן גאַסט! אויף דער גאַס האָבן שוין חברים אָפּגעוואַרט דעם חבר זרובבל. די שטוב איז געווען פול מיט חברים און סימפּאַטיקער: צדוק וואַסערשטראָם, מאָטל זאַיאָנץ, די דיאַמאַנטס, מוגערמאַנס, שאַפּראַנס, פריידנבערגס, קאָסמאַנס, גאָלדאַדלערס און אַ סך אַנדערע, וועמענס נעמען עס איז שווער צו געדענקען נאָך אַזוי פיל יאָרן.

אין דער זעלבער צייט האָב איך אָרגאַניזירט אַ צוויי צענדליק וואָליער יאַטלעך, וואָס זענען אַרויס איבער די געסלעך מיט פאַפּירענע טרובעס און אָנגעזאָגט: „אַהו, אַהו, — זרובבל איז דאָ!" קינד און קייט, עלטערע מענטשן און יוגנט, האָבן געצויגן צו ישראל בייגערס הויף, ווו דער מיטינג איז פאָרגעקומען.

אינעווייניק איז געווען פול. מענטשן זענען געשטאַנען אויף די דעכער פון די נידעריקע, שכנות־דיקע הייזער. אין דרויסן זענען געבליבן אַ סך מענטשן, וואָס האָבן נישט געקאָנט אַריין אין הויף. אַזאַ דערגרייכונג האָבן די היימישע וואָליער בונדיסטן נישט געקענט פאַרליידן, דווקא זיך געוואָלט אַריינרייסן אין הויף און שטערן דעם גאַנג פון מיטינג.

און דאָ האָט ווידער שלמה אַרויסגעוויזן זיינע פעאיקייטן און באַהערשטקייט. די אָרדנער ביים טויער, אינעווייניק אין הויף, ווי אויך אין דרויסן, זענען געווען אויף זייער באַשטימטע פלעצער און נישט דערלאָזט שטערן די רעדנער. זיין וואַכזאַם אויג איז געווען אומעטום. דאָס מאָל האָט ער נישט גערעדט, נאָר געזאָרגט, אַז אַנדערע זאָלן קענען רואיק ריידן.

אויף אַן אימפּראָוויזירטער טרי־

בונע האָט מאיר שילדקרויט זיך
געווענדט צו די ווילער גאַרבער־
אַרבעטער, גערופן זיי צו שטימען
פאַר פועלי־ציון.

נאָך אים איז אַרויסגעטרעטן די
חברטע טויבע ליבערמאַן און ספּע־
ציעל זיך געווענדט צו דער אַר־
בעטער־פרוי, צו שטימען פאַר דער
באַוועגונג, וועלכע זי פאַרטרעט.
ווען זרובבל האָט גענומען ריידן,
איז געוואָרן „שטיל ווי אין אַן
אויער". דער דרך־ארץ צום הדרת־
פנימדיקן אַרבעטער־פירער האָט
געווירקט, אַז אַפילו פאַרביסענע
קעגנערס זאָלן אים אויסהערן מיט
אינטערעס און רעספּעקט.

די ווירקונג איז געווען אַ גאָר
גרויסע. פון די וואַלן איז די פּאַר־
טיי אַרויס אַ געשטאַרקטע, מיט אַ
נצחון. אַ גרויסן חלק צו דעם האָט
צוגעטראָגן דער באַשיידענער, אָבער
ליבער חבר, מיין רבי שלמה מי־
טעלמאַן.

*

רינעק 10, דער אָפיציעלער אַד־
רעס פון דער „געזעלשאַפט אָוונט־
קורסן פאַר אַרבעטער" אין לובלין.
פאַקטיש האָט דאָ געווירקט פּאָלי־
טיש די פועלי־ציון־פּאַרטיי, מיט
אַלע אירע אָפּצווייגונגען: די אַר־
בעטער־קיך (דערפאַר האָט מען עס
טאַקע גערופן אין שטאָט „דאָס
קעכל"), די יוגנט־באַוועגונג, פּראָ־
פעסיאָנעלע סעקציעס, דער „שטע־
רן"־קלוב מיט אַלע זיינע אָפּטיי־
לונגען, ווי פוטבאָל, באָקס, פּינג־
פּאָנג, לייכט־אַטלעטיק, מאַנדאָלין־
אָרקעסטער. יעדער צווייג האָט
געהאַט אירע פירער, אַקטיוויסטן
און הייסע אָנהענגער. אין זיין צייט
איז שלמה געווען דער מאָטאָר,
די נשמה פון דעם אַלעם. עס האָט
געפאָדערט אַ סך באַוווסטזיין, אַק־
טיוויטעט, אָנשטרענגונג און ענער־
גיע דאָס אַלץ אַרומצונעמען: באַ־
ראַטונגען, זיצונגען, פאַרזאַמלונ־
גען, קרייזן, קעסטל־אָוונטן, פאָר־
לעזונגען, קאָנצערטן און אַנדערע
קולטור־אימפּרעזן. דאָס איז געווען
שלמהס טאָג־טעגלעך ברויט, זיין
אייגנטלעך לעבן. די געזעלשאַפט־
לעכע טעטיקייט איז נישט געווען
פאַר אים קיין צוגאָב, נאָר דאָס
לעבן אַליין. אַלס פאָרזיצער פון
„שטערן"־קלוב, איר פאַקטישער
אָנפירער, האָט ער געמוזט האַלטן
דעם דופק, נישט נאָר פון דער
פאַרוואַלטונג, נאָר אויך פון אַלע
אירע סעקציעס, זאָרגן פאַר די
מאַטעריעלע מיטלען, וואָס זאָלן
דערמעגלעכן זייער טעטיקייט. און
דאָס האָט געפאָדערט אַ סך גלויבן,
אַז מיט דעם דינט מען דער באַ־
וועגונג און איר אידעאַל.

ווער עס געדענקט די שבת־נאָכ־
מיטאָגן, ווען די שפּילער פון
„שטערן"־קלוב האָבן זיך גענומען
גרייטן צו די ספּאָרט־פאַרמעסטן
מיט די מאַנשאַפטן פון „הפועל",
„הכוח", „מאָרגנשטערן", אָדער
פוילישע ספּאָרט־קלובן — צו די
פריינדשאַפט־ אָדער מייסטערשאַפט־

פֿאַרמעסטונגען, כדי אַריבערגיין
אין אַ העכערן קלאַס. דער לאָקאַל
אויף רינעק 10 איז געווען פֿול
מיט שפּילערס, פֿאַרערס, יוגנט,
יונגבאַריסטן און סתם פּאַטריאָטן
פֿון „שטערן"־קלוב און פֿוטבאָל־
שפּיל אַלע האָבן דערנאָך געצויגן
צו די ספּאָרט־פּלעצער פֿון „אור־
ניאַ" אָדער „אַ.ז.ס."‚ ווו די פֿאַר־
מעסטונגען זענען פֿאָרגעקומען. עס
האָט אויסגעזען ווי אַ רואיקע דע־
מאָנסטראַציע, ווו שלמהס געשטאַלט
האָט אַרויסגעשיינט. מיט אים האָט
מען זיך געפֿילט זיכערער.

אין זכרון קומט אויף דאָס יאָר,
ווען דער „שטערן"־קלוב, נאָך אַן
אָנגעשטרענגטן סעזאָן פֿון גע־
ווונענע פֿאַרמעסטן, האָט געהאַלטן
ביים פֿינאַל פֿון דער מייסטער־
שאַפֿט אין „צע"־קלאַס, כדי אַרי־
בערצוגייך אין „בע"־קלאַס.

דער לעצטער מעטש מיטן פּוי־
לישן ספּאָרט־קלוב „ספּאָלעם". אַ
סך צוגרייטונגען, גימנאַסטיק, טרע־
נירונגען, אָנגעפֿירט פֿון חבר
פעלדמאַן („נאַפּאָלעאָן"). שלמה האָט
מיטגעפֿיבערט מיט אַלע צוגריי־
טונגען. דעם שבת האָבן יידן,
ספּאָרט־ליבהאָבער, פֿון אלע עקן
שטאָט, פֿון די גאַסן קראָוויעצקע,
שעראָקע, שלאָסבאַרג, לובאַרטאָוו־
סקע און „טשוטיק", פֿון זאַמד
און טשעכיוו, זיך געלאָזט אויפֿן
פּלאַץ פֿון „אוניאַ". אויף דער וואָ־
ליע האָט מען געריקט דאָס טשאָ־
לנט פֿון די אויוונס אַ ביסל פֿריער,
כדי נישט פֿאַרשפּעטיקן צום
מעטש. ביי דער קאַסע זענען גע־



פֿאַרוואַלטונג פֿון ספּאָרט־קלוב „שטערן". עס זיצן (פֿון לינקס אויף רעכטס):
משה גרינבערג, שלמה מיטעלמאַן, בערל גריזאַלעט, בערשטעל, פּייגנבוים;
עס שטייען (פֿון לינקס אויף רעכטס): מילשטיין, ...„ בעקערמאַן, .„ לעווין.

שטאַנען לאַנגע רייען נאָך איינ־טריט־קאַרטן. ביים אַריינגאַנג — אַ געדראַנג. יאַטלעך וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געלט צו באַ־צאָלן, האָבן זיך אויך אַן עצה גע־געבן: ווער עס האָט זיך אַריינ־געקריגן דורך אַ לאָך פון הינטערן הילצערנעם פּלויט, און ווער עס איז אַרויפגעקראָכן אויף דער מויער, אויסגעמיטן די שטיקלעך גלאָז אין דער הייך. אַראָפּגעשפּרונגען נישט קלערנדיק, אַז מען קאָן זיך נאָך שעדיקן, אַבי צו זען דעם מעטש אויפן פעלד — די שפּי־לערס: דער טויערמאַן פייגענבוים, זיגעלמאַן, מענדל מאַן, דער גע־לינקטער כאַצקעלע, דער געלער קאַראַש, די וואָליער: כאַצקל פריי־בערג, מענדל פעלדמאַן (לאָפּעק) און דער קליינער גאָלדפינגער (זי־בעציק) און אַנדערע שפּילער. מען טרענירט זיך קורץ פאַר דעם אָנ־הייב.

שלמהס אינסטרוקציעס: „חברה, עס איז די לעצטע אָנשטרענגונג פון היינטיקן סעזאָן, מען דאַרף געווינען די מייסטערשאַפט". יאָ, זיי זענען גרייט דערצו...

דער פאַרמעסט איז געענדיקט. 2:3 לטובת „שטערן". דער קלוב האָט דערגרייכט די מייסטערשאַפט אין זיין קלאַס און גייט איבער אין אַ העכערן קלאַס. די פרייד איז גרויס — שלמהס געזיכט שטראַלט. עס איז אויך זיין פּערזענלעכער נצחון.

*

מיט העכער 30 יאָר צוריק זיך געזעגנט מיט שלמהן, ווען כ'האָב אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע. אָבער שטענדיק געהאַט פאַרן אויג און אין געדעכעניש די דאָזיקע אינטערעסאַנטע, ענערגישע און העכסט־קולטורעלע פּערזענלעכ־קייט.

כבוד זיין אָנדענק!

גיטעלע שילדקרויט־עדעלשטיין / פּאַריז

דער וועגווייזער, לערער, חבר און פריינד

1965, פּאַריז. אין איינעם פון די מערץ־פאַרנאַכטן, דערהערט זיך אַ שאַרפער קלינג פון טעלעפאָן. עס רעדט סאַבי מיטעלמאַן, די שוועסטער פון שלמהן ז״ל.

די ערשטע ווערטער צערודערן מיך, טראָגן אַוועק אין דער טרויעריקער פאַרגאַנגענהייט פון דער בעסטיאַלישער היטלער־תקופה. ווי קען דען אַנדערש זיין? מיר זענען דאָך רעשטלעך פון די על־פי־נס לעבן־געבליבענע, פאַרזונקענע אין שאָטנדיקן טרויער.

נאָר אָט הערן זיך אירע רייד:

— גיטעלע, מיין ברודער לעאָן פון אַרגענטינע איז איצט דאָ ביי מיר. געקומען בלויז אויף עטלעכע טעג. דאָס איז שלמהס עלטסטער ברודער. איך צווייפל צי דו האָסט אים געקענט אין לובלין. ער האָט געהערט, אַז פון אייער שטוב אין רוסלאַנד איז שלמה אַוועק אויפן פראָנט... וויל ער זיך טרעפן מיט דיר.

אַ געפּלעפטע און גערירטע פון די געמישטע געפילן און דערינערונגען וואָס זענען מיך באַפאַלן אין יענעם מאָמענט, האָב איך מער קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסריידן, ווי בלויז באַשטעטיקן אַ באַלדיקן צוזאַמענטרעף.

...אָט זיץ איך מיט שלמהס ברודער און שוועסטער אין מיין היים אין פּאַריז. פאַרשווונדן די ערשטע ווייטיק און מחשבה, הלמאי שלמה, וועלכער איז פול מיט ענטוזיאַזם אַוועק פרייוויליק אין דער פּוילישער אַרמיי אויף רוסישער ערד, האָט נישט דערלעבט אויפנעמען זיין ברודער, וועלכער איז געקומען פון דער ווייטער בוענאָס־איירעס אויפזוכן די משפּחה, באַנייען איבערגעריסענע פאַמיליע־פעדים מיט העכער 30 יאָר צוריק. שווער קומט אָן דער אָנהייב פון דער דערציילונג — פאַראַן אַזוי פיל איבערצוגעבן...

*

איך בין נאָך אַ קליינינקע געוועזן, אפשר 11 יאָר אַלט, מיין ברודער מאיר, פון די אָנפירנדיקע פּועלי־ציון־חברים אין לובלין, האָט מיך ביים הענטל אָנגענומען און אַוועקגעפירט אין פּאַרטיי־

לאָקאַל הערן אַ לעקציע פון שלמה מיטעלמאַן. מערער פון די רייד, האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון זיין פּנים, די טיפע שוואַרצע אויגן און — דער מוח מיטן מויל, וועלכע האָבן זיך באַמיט מיט אַ סך קראַפט און איבערצייגונג אַרויסברענגען די ווערטער, אויסטייטשן די האַרבע טעאָריעס פון סאָציאַליזם, ציוניזם, מאַרקסיזם, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, אינדעטערמיניזם, דעטערמיניזם און ענלעכע סוגיות. דאָס אַלץ — פאַר אַן אוידיטאָריע פון יוגנטלעכע פון 15 ביז 18 יאָר. אין רוב פאַלן, איז עס אים געלונגען, פּשוט דערפאַר, ווייל ר'האָט אַליין ערלעך געגלייבט אין דעם געזאָגטן, געווען איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון זיין אידעאַל.

*

1939. מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אַנטלויפט מען פון די אונדז טייערע היימען. שלמה און מיין ברודער מאיר, די צוויי תמיד אומצעשיידבאַרע חבֿרים, לאָזן זיך אויך דעמאָלט אויף נע־ונד אַלס פּליטים. נאָך יענע שטורעמדיקע טעג האָב אונדז צעשיידט. בעת איך בין מגולגל געוואָרן קיין ראָזשישטש, זענען זיי ביידע פאַרטראָגן געוואָרן קיין לוצק.

*

1940. אַ געוויסע נאַכט באַקום איך אַ פאַרטרויילעכע, קאָנספּיראַטיווע ידיעה, אַז די „ביעזשענצעס" (פּליטים) פון פוילן, ווערן פון מערב־אוקראַינע אַוועק געפירט קיין טיף רוסלאַנד, אויף סיביר. קודם פאַרשיקט מען די, וועלכע האָבן זיך פאַרשריבן צוריק צו פאָרן קיין פוילן, צי זייערע משפּחות. אינגמיטן נאַכט בין איך דעמאָלט אַריינגעפאָרן קיין לוצק און נאָך באַוויזן אָפּזוכן דעם גוט באַוואַכטן וואַגאָן, אין וועלכן עס זענען געווען פאַרשפּאַרט שלמה און מאיר. איך האָב געהאַט פאַר זיי אַ באַפרייאונג־שיין, זיי זאָלן קענען מיט מיר מיטפאָרן קיין ראָזשישטש. ביידע פרייען זיך צוליב דער אומגעריכטער באַגעגעניש, נאָר שלמה זאָגט מיר:

— גיטעלע, מיר פאָרן דאָרט ווו אַלע יידן פאָרן... — און מיר צוריק געגעבן דאָס פּאַפּירל.

אַ שטילשווייגנדיקע בין איך אַליין אַוועק פון וואַנען כ'בין געקומען. אונדזערע וועגן זענען זיך צעגאַנגען.

נאָך עטלעכע חדשים באַקומען פון זיי אַ בריוו פון דער... סיבירער טייגע. מיין איינציקע טרייסט איז געווען, וואָס כ'האָב געקענט זיי צושיקן שפּייז־פּעקלעך און שטיין אין בריוולעכן קאָנטאַקט.

*

1941. אויסברוך פון דייטשיש־סאָוויעטישן קריג. נאָך שוידער־

לעכע איבערלעבונגען, וואָגלענישן איבער וועגן און אין עשעלאָנען איינע אַליין, מיט אַ דריי־חדשימ־דיק זונעלע, אין אַנטי־סאַניטאַרע באַדינגונגען און שווערן הונגער, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז שלמה מיט מאירן און נאָך עטלעכע לובּ־לינער יידן, געפינען זיך ערגעץ אין אַ שטעטל, צי דערפל אין קאַ־זאַכסטאַן. איך האָב זיי אָפּגעזוכט!

..."די דירה — אַ "קיביטקע צונויפגעשטיקעוועט פון ליים און קיזשאַקעס, שטרוי און בלאָטע. אויפן דאַך — עטלעכע שינדלען. דאָס אָרט — לענגער־אוגאָל, אַ שטעטל מיט קוילנגרובנס, ניט ווייט פון אַלמאַ־אַטאַ, די הויפּט־שטאָט פון קאַזאַכסטאַן. דאָ האָט זיך איצט געפונען אונדזער נייע היים. מען האָט נאָר געבעטן גאָט, אַז עס זאָל ניט אַ פליייץ טאָן אַ רעגן, ווייל די הייזקע וואָלט צע־שווומען געוואָרן.

אַלס איינציקע פרוי אין דער גע־זעלשאַפט, זענען בעל־כורחו אויף מיר אַרויפגעלייגט געוואָרן מוטער־לעכע פליכטן און אחריות. אַ סברה, אַז די ירושה און טראַדיציע פון מיין מאַמען תרצה ע"ה, האָבן מיך ניט פאַרלאָזט. עס האָט זיך געניייטיקט צו שאַפן אַן אַטמאָס־פער פון היימישקייט, וואַרעמ־קייט און משפּחהדיקייט — בעת אַליין האָט מען ניט דערעסן, ניט דערשלאָפן און די געשוואָלענע פיס און בלויע צייכנס אונטער די אויגן האָבן דערציילט וועגן הונ־גער־טעג. פון דעם אָרעמען צוגע־טיילטן מעל־פּאַיאָק האָב איך גע־באַקן לעפּיאָשקעס, געגרייט מ'־שטיינסגעזאָגטע גערעכצן און גע־פירט די "ווירטשאַפט" פאַר מיינע ברידער מאיר און חיל־נח ז"ל (אומגעקומען אין 1948 אין פתח־תקוה, בעת אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָ־פע), שלמה מיטעלמאַן ז"ל און נאָך עטלעכע שטעטישע יידן.

די דאָזיקע קיביטקע אינעם קאַ־זאַכסטאַנער קוילן־שטעטל איז מיט דער צייט געוואָרן דער אַדרעס פאַר יידן פון די אַרומיקע קאָלכאָזן און פון שטעטל גופא, וועלכע זענען אין די אָוונטן געקומען אַ־הער ריידן וועגן פּאָליטיק, מלחמה־סטראַטעגיע און איבער אַלעמען — וועגן זייערע פאַרבליבענע אין פּוילן פרויען און מענער, כלהס און חתנים, עלטערן, שוועסטער און ברידער און קרובים. צו די זיפצן און ציטער איבערן גורל פון די געבליבענע ביים רוצחישן דייטש, איז צוגעקומען דער קרעכץ און זאָרג פאַר דעם ביטערן קעגנוואַרט און אומקלאָרן מאָרגן. אָבער פון מיטעלמאַנען און פון די שילד־קרויטס האָבן די פאַרצווייפלטע יידן געהערט שטענדיק ווערטער פון דערמוטיקונג, טרייסט און האָ־פענונג

*

1942. טרויעריקע ידיעות פון די פראָנטן. שלמה האָט ניט קיין רו געפונען. דאגות חיונה, אויסהאַלטן און איבערהאַלטן, האָבן

טאַקע אַלעמען אַבסאָרבירט. אָבער שלמה איז געשפּאַנט און אָנגעלאָדנט מיט קאַמפּס־גייסט. זיינע אויגן פינקלען, בעת ער רעדט וועגן זיכערן נצחון איבער די פינצטערע כוחות, הגם דער בלוטיקער שונא רייסט זיך צו די טויערן פון מאָסקווע, לענינגראַד, סטאַלינגראַד. די שטימונג איז אַ געדריקטע, אַלע זענען דערשלאָגן. שלמה איז אָבער פעסט איבערצייגט, אַז דער דייטש וועט האָבן אַ מפּלה. און ער וויל מיט אַלע זיינע כוחות העלפן צום זיג. אַ גאַנץ לעבן דערצויגן געוואָרן, צוזאַמען מיט מאירן (און זיי ביידע — האָבן דערצויגן אַנדערע) אין גייסט פון שנאה צום פאַשיזם, רעאַקציע און פינצטערקייט. איצט, ביי אַזעלכע געשעענישן און בלוטיקע קאַמפן, מוז מען וועגעטירן אין הינטערלאַנד, הגם אין יענער תקופה האָט דאָס הינטערלאַנד געליטן אפשר ניט ווייניקער ווי דער פראָנט.

*

1943. מיט גרויס התלהבות האָט שלמה אויפגענומען די ידיעה וועגן דער פּוילישער אַרמיי וואָס איז אַנטשטאַנען אויף רוסישער ערד. ער מעלדעט זיך תיכף פריי־וויליק, ער וויל אין אירע רייען העלפן צום זיג. ער ברויזט און קאָכט, וואַרט מיט אומגעדולד אויפן מאָביליזאַציע־צעטל. אויך מיין ברודער מאיר וויל זיך מאָביליזירן פרייוויליק. איך שטעל אים אַ פּשוטע פראַגע: „ווו לאָזטו איבער דיין שוועסטער מיט אַ קליין קינד?" איך ווייס, אַז דאָס איז אַ שווערער עקזאַמען פאַר אַ מענטשן, וועלכער ווערט אַוועקגעשטעלט פאַר אַ דילעמע: נאַציאָנאַלע, צי געזעלשאַפטלעכע שליחות און — משפּחהדיקע פליכט. מאיר בלייבט מיט מיר.

אין אונדזער הייזקע איז געוואָרן אומעטיק. עס וועט פעלן אַ מיטגליד פון דער משפּחה, דערצו נאָך — שלמה... יעדער באַמיט זיך עפּעס אַריינלייגן אין זיין רוקזאַק, וועלכער דאַרף אים באַגלייטן אין דעם וויטן וועג. פון דעם גאַנצן, נעבעכדיקן זאַפּאַס מעל, ווערן פאַר אים אויסגעבאַקן לעפּיאָשקעס, צידה לדרך. זאָל עס אים סטייען כאָטש ביז דעם זאַמלפּונקט.

שלמה פאָרט אַוועק. אין דער אַלטער היים איז אַזאַ פּריזיוויניק באַגלייט געוואָרן מיט דער מאַמעס הייסע טרערן און שטילע תפילות צו אַ שנעלן און בשלומדיקן צוריקקער. איצט איז נישטאָ ווער עס זאָל זיך ביי אים בעטן: „אַ בריוועלע דער מאַמען". אונדזערע יידישע מאַמעס זענען אין יענער תקופה אומגעקומען אין די קרעמאַטאָריעס אויף פּוילישער ערד. האָט דער גורל געוואָלט, אַז גראָד איך, זיין שילערין, זאָל אים מיט צער און ציטער באַגלייטן ביז דער באַן־סטאַציע אין לענגער־אוגאָל און אַז די ברכה מיינע פאַר זיין נעטוועגן זאָל זיך אויסמישן מיט

אַ סך טרערן, ווי פון דער מאַמעס אויגן...

און שלמה האָט געשריבן — אַ סך, אינטערעסאַנט, באַלערנדיק. דערציילט פון זיינע איבערלעבונ־גען און שטימונגען אין די אָקאָ־פּעס, אויפן שלאַכטפעלד, אין די באַפרייטע, חרובע שטעט און ישו־בים. ביז אַ געוויסן טאָג איז אָנגע־קומען זיין ניט פאַרענדיקטער בריוו, מיט אַ צושריפט פון אָפי־ציר, אַז שלמה מיטעלמאַן — מיין וועגווייזער, לערער, חבר און פריינד, איז געפאַלן פון אַ מער־דערישער דייטשער קויל, וואָס האָט אַ סוף געמאַכט צו אַ שטור־מיש לעבן — און אין מיין האַרצן געלאָזן אַ ניט פאַרהיילטע וווּנד...

טובה ליבערמאַן־שור / תל־אביב

ביי אַלעמען באַליבט

זיין פלינקע אָריענטאַציע און דאָס שנעלע באַנעמען און רעאַגירן אויף אַקטועלע געשעענישן, האָבן אים באַליבט געמאַכט ביי אַלעמען. אַליין נאָך אַ יוגנטלעכער, האָט ער אָנגעפירט מיט אַלע פּאַרטיי־אַרבעטן, אויף וועלכע נאָר „בר־סמכאס" האָבן געהאַט אַ רעכט. שוין זייענדיק אַ דערוואַקסענער פּאַרטיי־חבר, האָט ער די עיקרדיקסטע דערציערישע און קולטורעלע אַרבעט געפירט צווישן דער יוגנט און קינדער. אין די אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער האָט ער געזען איינע פון די וויכטיקסטע אויפטועו פון דער באַוועגונג און זיין ליבלינג — דעם ספּאָרט־קלוב „גוויאַזדאַ־שטערן", האָט ער געווידמעט אַ סך צייט, ענערגיע, התלהבות. אויך אויפן געביט פון



שול־פאַרוואַלטונג און לערער פון דער באָראָכאָוו־שול אין לובלין. עס זיצן (פון רעכטס אויף לינקס): שלמה מיטעלמאַן, שבע האַנדלסמאַן, (?), עמנואל בינדער; עס שטייען: קיכלמאַכער, פּאָלע דרייבלאַט, לאָזער גאָלדבוים, טויבע ליבערמאַן.

יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך איניציאַטיוו. עלטערע און יוגנטלעכע האָבן ביי אים געפרעגט עצות וועלכן בוך נעמען אין דער באַראָכאָוו־ביבליאָטעק — און ער האָט געוווּסט יעדער איינעם וואָס צוצופּאַסן.

ערב וואַל־קאָמפּאַניעס צו דער קראַנקן־קאַסע, שטאָטראַט, קהילה צי ביי סיים־וואַלן, האָט שלמהס רעדנער־טאַלאַנט ניט אַנטוישט. אויך די אַרומיקע לובלינער פּראָווינץ האָט ער באַזוכט מיט רעפעראַטן, לעקציעס, אָרגאַניזאַציאָנעלן אינסטרוקטאַזש.

ביזן יאָר 1932, ווען כ'בין עולה געווען קיין א"י, איז מיר יאָרן לאַנג אויסגעקומען צו זיין טעטיק אין דער באַוועגונג, צוזאַמען מיט שלמהן. און אַזעלכער איז ער פאַרבליבן אין מיין זכרון אויף שטענדיק:

אַ גוטער חבר, קעמפער און האַרציקער מענטש!

שלמה שטאָקפיש / חיפה

דער ספאָרט־טוער

די אַלזייטיקע געשטאַלט פון שלמה מיטעלמאַן וועט ניט זיין געשילדערט אין איר פולקאָמענ־הייט, אויב אויך ניט דערציילן וועגן זיין דערפאָלגרייכער טעטי־קייט אַלס ספאָרט־טוער. אין דער היעראַרכיע פון ספאָרט־וועזן אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, האָט ער פאַרנומען די צוויי וויכ־טיקע אַמטן: מיטגליד אין לוב־לינער קרייז־פאַרבאַנד פאַר פוט־באָל און פון דער לובלינער אָפּ־טיילונג פאַר שפּילן און דיסציפּלין. די צוויי אינסטאַנצן האָבן אָנגע־פירט און באַשטימט די פאַרמעסטן אין פוטבאָל אין גאַנצן קרייז, אין וועלכע ס'האָבן אָנטייל גענומען די יידישע און פוילישע ספאָרט־קלובן פון לובלין, כעלם, שעד־לעץ, לוקאָוו, לעווערטאָוו און דעמ־בלין. נאָר ספּעציאַליסטן און ספּאָרט־אויטאָריטעטן האָבן געהאַט די זכיה צו געהערן צו די וויכטי־קע אינסטאַנצן.

מיט שלמהן האָב איך זיך באַ־געגנט ביי דער ספאָרט־טעטיקייט אין יאָר 1929, ווען דער ספאָרט־קלוב „גוויאַזדאַ־שטערן" האָט גע־גרינדעט אַן אייגענעם מאַנדאָלין־אָרקעסטער. אַלס מיטגליד אין אָרקעסטער בין איך געווען זיין פאָרשטייער אין דער פאַרוואַלטונג פון „שטערן", וועמענס פּרעזעס ס'איז געווען שלמה מיטעלמאַן. אויף די זיצונגען פון דער פאַר־וואַלטונג האָב איך ערשט געזען שלמהס איבערגענומענקייט און ערנסטן צוגאַנג צו די ענינים פון פיזישער דערציונג.

אויף אויסצוהאַלטן אַ יידישן ספאָרט־קלוב, האָט זיך געפאָדערט אַ סך געלט. מונדירן, מכשירים, שיך פאַר די פוטבאָליסטן, אויס־שטאַטונג און דער אָפּצאָל אין די לאָקאַלע ווי אין די צענטראַלע ספאָרט־אינסטאַנצן — האָבן פאַר־שלונגען ריזיקע בודזשעטן. און אחרון אחרון — די נסיעות פון אַ 15־פערזאָניקער מאַנשאַפט אין אַ צווייטער שטאָט, אַ מאָל אויך פאַר־בונדן מיט איבערנעכטיקן אין אַ האָטעל, האָט יעדן ספאָרט־קלוב אַוועקגעשטעלט פאַר אַ האַרבער דילעמע, אַפילו מוותר צו זיין פון

דער רייזע און דערביי אויטאָמאַ־טיש פאַרשפּילן צוויי ווערטפּולע פּונקטן. פאַר יעדער אַזאַ נסיעה האָב איך באַוווּנדערט די ספּאָרט־אַמביציע ביי שלמהן, וועלכער האָט נאָך די פאַרצווייפלטע פאַר־שלאָגן פון רוב פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער ניט צו פאָרן, — דער־קלערט אין אַ קאַטעגאָרישן טאָן:

— מיר וועלן יאָ פאָרן!...

— פון וואַנען וועט מען נעמען געלט?

— איך וועל שאַפן די סומע.

און מיר האָבן געוווּסט: זאָגט שלמה עפּעס צו — וועט ער האַל־טן וואָרט! ביי אייגענע און פרעמ־דע, פון זיין טאַש און ביי קרובים, האָט ער געשלעפּט הלוואות, „פון טויט און פון לעבעדיק" — און „גוויאַזדאַ" איז געפאָרן קיין לו־קאָוו צי דעמבלין שפּילן מיטן קעגנערישן קלוב. לאַנגע חדשים האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ געדיכט פאַרשריבן נאָטיץ־ביכל, וווּ עס האָבן פיגורירט די קרעדי־טאָרן. מיט דער צייט האָט ער אַלעמען באַצאָלט.

אַז ס'איז אויסגעקומען ווידער צו לייען געלט, האָבן די זעלבע מענטשן געבעטן, אַז כאָטש איין מאָל זאָל ער זיי ניט אומקערן דעם חוב, וועט מען פאַרשפּאָרן נאָך אַמאָל אים לייען. אָבער אָפּזאָגן שלמהן האָט קיינער ניט געוואַגט. מיר האָבן ניט געהערט, אַז ר'זאָל האָבן ווען אַ מאָל אָנגעזעצט...

שלמה האָט פאַרמאָגט די זעל־טענע אייגנשאַפט פון צונויפפּאָרן אַזעלכע צוויי כלומרשט קעגנזעצ־לעכע דערשיינונגען, ווי פּאַרטיי־אישקייט און ספּאָרט. אויסערלעך האָט מען געמיינט, אַז די מיטגליי־דער פון „גוויאַזדאַ־שטערן" זענען אַזעלכע טרייע פּועלי־ציוניסטן, ווי די „מאָרגנשטערניאַנער" — פאַר־ברענטע בונדיסטן, אָדער די חב־רים פון „הפּועל" — איבערגעגע־בענע אָנהענגער פון פּועלי־ציון (צ.ס.). אין דער ווירקלעכקייט, האָט געהערשט אַ געוויס שטאַרקער אַנ־טאַגאָניזם צווישן די פּאַרטיי־חב־רים און די ספּאָרטלער. די לעצטע האָבן ניט תמיד זיך געוואָלט באַ־טייליקן אין וואַל־קאַמפּאַניעס, מאַי־דעמאָנסטראַציעס, פּאָליטישע אונ־טערנעמונגען. שלמהן איז אָבער געלונגען גובר צו זיין די אַלע שוועריקייטן און ווידעראַנאַנדן. איז דאָך ער גופא געווען דער אמתער סימבאָל פון דער סינטע־זע — פּאַרטיי און ספּאָרט.

זייו דערהייבן זיך איבער ענ־גע פּאַרטיי־אינטערעסן האָט ער דערוויזן אין די דרייסיקער יאָרן, ווען אין פּוילן האָבן ווי אַ בייזער געוויטער זיך אַ טראָג געגעבן פאַ־שיסטישע ווינטן פון שכנותדיקן דייטשלאַנד. דאָס גרינדן אַ נייעם יידישן ספּאָרט־קלוב, צי קולטור־אינסטיטוציע, איז אָנגעקומען ווי קריעת ים־סוף. יעדער פּרווו אויפ־צושטעלן אַזאַ אינסטיטוציע אין די פאַרשטעטט פון לובלין, איז פון פאָרויס געווען פאַרמשפּט אויף אַ



יובל־פייערונג לכבוד 10 יאָר עקזיסטענץ פון „גוויאַזדאַ־שטערן" אין לובלין.

דורכפאַל. גראָד די באַצייכענונג „אומפּאַרטייאישע“ פאַר אַזאַ קלוב, האָט ערשט אַרויסגערופן פאַרדאַכטן און מורא ביי דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט. דער ספּאָרט־קלוב „מאָרגנשטערן“ האָט ניט געוואָלט געבן זיין לעגאַליזאַציע, אויב ר׳איז ניט געווען זיכער, אַז די ניי־געעפנטע אינסטיטוציע וועט ניט זיין אַ בונדישע אין איר גייסט און כאַראַקטער. נאָר אַ דאַנק שלמהן זענען אויף דער וואָליע, טשעכיוו און זאַמד געעפנט געוואָרן דריי פיליעס פון „שטערן“. דאָס האָט ער צוזאַמען מיטן סעקרעטאַר פון „גוויאַזדאַ“, פעלדמאַן („נאַפּאָלעאָן“) געשאַפן פאַרן טשעכיווער קלוב „וויעניאַוואַ“ אַ באַזונדערן סטאַטוט און לעגאַליזיאַציע, וואָס האָט אים שפּעטער דערמעגלעכט צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַן אומאָפּהענגיקן פון פּועלי־ציון ספּאָרט־קלוב, און איז גאָר געוואָרן דער איינציקער ק א ָ מ ו נ י ס ט י ש ע ר קלוב אין דער גאַנצער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט. אויך די אַנדערע „גוויאַזדאַ“־פיליעס אויפן זאַמד און אויף דער וואָליע האָבן ניט צופיל „געזינדיקט“ מיט פּועלי־ציוניזם! אָבער שלמהן וואָלט ניט איינגעפאַלן צוליב דעם זיי פאַרמאַכן. אים, אַלס פּרעזעס, האָט מצד דער דעמאָלטיקער פּראָקוראַטור און געהיים־פּאָליציי געדראָט אַ גאַנץ ערנסטע געפאַר. דאָך האָט שלמה קיינמאָל ניט — מיט גוטן צי מיט בייזן — פּרובירט באַאיינפלוסן די דאָזיקע קלובן צו ענדערן זייער „ליניע“.

אין אַפּריל 1937 האָט מען אין לובלין פאַרמאַכט די פיליעס פון „גוויאַזדאַ־שטערן“, בתוכם אויך „וויעניאַוואַ“. דעמאָלט האָט די מאַכט אויך פאַרחתמעט די לאָקאַלן פון יידישן אַקאַדעמישן קלוב אויף לובאַרטאָווסקע 18 און פון פּ.פּ.ס.ישן יוגנט־קלוב ט.או.ר. יענע רדיפות אויף די אָרגאַניזאַציעס זענען ניט געווען פאַרבונדן מיט קיין אַרעסטן, הגם שלמה האָט זיך יאָ געריכט אַרעסטירט צו ווערן, אָבער ניט אַרויסגעוויזן קיין שום מורא.

אַזוי איז איינגעקריצט אין מיין זכרון די פּערזענלעכקייט שלמה מיטעלמאַן, וועלכער איז געפאַלן מיט אַ העלדישן טויט. זאָל אים די ערד גרינג זיין.

לייבל האָלצבערג / תל־אביב

דער מענטש מיט פּרינציפּן

שלמה מיטעלמאַן איז געקו־מען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון אַ חסידיש־בירגערלעכער היים, זייענדיק זיכער, אַז נאָר אין דער סביבה וועט ער געפינען מערער אמת, יושר און גערעכטיקייט אי־נעם קאַמף פאַר אַ בעסער, מענטש־לעך לעבן אויף דער וועלט. און געקעמפט פאַר די אידעאַלן האָט ער מיטן גאַנצן חסידישן ברען און אייפער. דעם זעלבן ברען האָט ער אַרויסגעוויזן אויף צווישנפּאַר־טייאישע צוזאַמענטרעפן, ווו ר׳האָט מיט קאָנסעקווענטער פּרינציפּיעל־קייט פאַרטיידיקט די אינטערעסן און אידעאַלן פון פּועלי־ציון. אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, שול־אָרגאַניזאַציע, קולטור־אינסטיטו־ציעס, ווו מען האָט באַדאַרפט גע־פינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך, איז שלמה געווען געניוג עלאַסטיש, אָבער גלייכצייטיק געוווסט ווו מען דאַרף בלייבן פּשרהלאָז. אין זיינע פאַרהאַנדלונגען מיטן שטאַרקן אין לובלין „בונד״, איז ער געווען אָן קאָמפּראָמיסן. בדרך כלל האָט ער אויסערלעך רעפּרעזענטירט די פּאַרטיי אין די אַלע אינסטאַנצן און געזעלשאַפטן אין לובלין, מיט וועלכע פּועלי־ציון האָט געהאַט אַ פעלד פאַר צוזאַמענאַרבעט.

ער איז כמעט אויף אַלע פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן אין וואַרשע געפאָרן אַלס דעלעגירטער פון לובלין. פּונקט ווי די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציע האָט שטאָלצירט מיט שלמהן, אַזוי אויך אין דער הויפּט־שטאָט און אין אַנדערע ערטער אין פּוילן איז זיין נאָמען געווען גוט באַקאַנט.

אין עלטער פון בסך־הכל עטלע־כע צוואַנציק יאָר, האָט ער פאַר־נומען די סאַמע וויכטיקסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע אַמטן אין דער פּאַרטיי און אויסער איר — אויף דער יידישער, ווי אויף דער פּוילישער גאַס.

פון די דערציילונגען פון חברים וועלכע זענען מיט אים געווען אין ראַטנפאַרבאַנד, ווייס איך, אַז אויך דאָרט, אַפילו אין באַדינגונגען פון פאַרשיקונג, איז ער פאַרבליבן דער זעלבער מענטש מיט פּרינציפּן און גראָדליניקייט. אַזעלכער איז ער אויך געווען אויפן פראָנט.

חבל על דאבדין ולא משתכחין!

גיטל לאָנדאָן־מעלער / תל־אביב

דער תמיד שמייכלענדיקער, חברישער שלמה

איך געדענק שלמהן פון דער פריסטער יוגנט, ווען ער איז נאָך געווען חסידיש געקליידעט און מעגלעך, ווען ר׳האָט נאָך געלערנט אין ישיבה. אָבער ניט לאַנג איז ער געווען מסוגל צו זיצן איבער דער גמרא. אין פאַרטיי־לאָקאַל פון לינקע פועלי־ציון, אויף רינעק 10 אין לובלין, פלעגט ער אָפט אַריינקומען, מיטן יידישן היטל אויפן קאָפ. אין אָנהייב — אַלס „פרייער צוהערער": געשלונגען יעדעס וואָרט פון אַ רעפעראַט, שמועס, קרייז. אַ פאַסיווער צושויער. ערשט שפעטער אַליין אָנגעהויבן אַנאַליזירן די באַרירטע פראַגן און אַרויסזאָגן מיינונגען. דערנאָך זעען מיר אים אַלס אַקטיוון, טרייען חבר, טעטיק אויף אַלע געביטן פון ברייט פאַרצווייגטן פאַרטייאישן לעבן, הגם די פרומע עלטערן האָבן ניט גערן משלים געווען מיטן געדאַנק, אַז זייער געראָטענער תורה־לערנער זאָל גאָר ווערן אי אַן אַפיקורס, אי אַ פאַרטיי־טוער.

מיר זעען שלמהן אַלס מיטגליד פון פאַרטיי־קאָמיטעט, אין דער פאַרוואַלטונג פון די באָראָכאָוו־שולן, אָוונט־קורסן, ביבליאָטעק, ספאָרט־קלוב „שטערן". אויך די יידישע גאַרבער־אַרבעטער אויף דער וואָליע קומען גערן הערן שלמהס אַ פאָליטישע לעקציע, אויף וועלכער ער האָט ניט נאָר דערקלערט די האַרבע פראָבלעמען פון קלאַסן־קאַמף און פראָלעטאַרישן ציוניזם, נאָר אויך גערופן צום ממשותדיקן קאַמף אויסצובעסערן זייערע לוינען און פאַר סאָציאַלע דערגרייכונגען.

שלמה מיטעלמאַן, דער שוואַרצחנעוודיקער דאַרער יונגערמאַן, איז געווען אַן אומאויסשעפלעכער קוואַל פון וויסן, ענערגיע און אויפטוען. תמיד געשמייכלט, חבריש און מענטשלעך זיך באַצויגן צו יעדן איינעם.

די יוגנט וואָס איז געקומען צו פועלי־ציון, פונקט ווי די קינדער אין „יונגבאָר", האָבן ממש געשלונגען יעדעס וואָרט זיינס. פאַר אַלעמען האָט ער געהאַט די ריכטיקע שפראַך און צוגאַנג.

נאָך דעם ווי די עסטרייכער האָבן אין יאָר 1918 פאַרלאָזט לובלין און די נייע פוילישע הערשער האָבן זיך געגרייט איבערצונעמען

די מאַכט, האָט פאַר יידן געדראָט אַ געפאַר צו באַווייזן זיך אין גאַס. שלמהן איז אָבער פרעמד געווען דאָס געפיל פון מורא.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן זעט מען אים אין די אָרעמע קוואַרטאַלן פון דער "יידישער" לובלין, ווו ער זאָרגט שוין דערפאַר, אַז אין די הונגעריקע און אומבאַהייצטע היי־מען, זאָל זיך געפינען אַ ברייטל, צי אַ ביסל קוילן.

מיטן אַרעסטירן דעם רוב סאָ־ציאַליסטישע טוער אין לובלין, ווערט אויך שלמה פאַרשיקט קיין בריסק. נאָך גרויסע באַמיונגען ווערט ער פון דאָרט באַפרייט. נאָר זיין קאַמפס־גייסט און רעוואָלוציאָ־נערער טעמפּעראַמענט איז ביי אים שטאַרקער געוואָרן.

דער לובלינער באָדן ווערט פאַר אים צו קליין. ער פאָרט אַוועק קיין פּאַריז, לערנט זיך דאָרט אויס אַ פאַך (לעדער־בייטלען) און טוט זיך בעניוות זיין פּאַרטייאישע אַרבעט.

אין יאָר 1924 קערט ער זיך צוריק קיין לובלין. ער האָט קיין מאָל ניט געוואָלט זיין אַ באַצאָלטער פונקציאָנאַר אין דער פּאַרטיי. מיט באַנייטן ברען זעען מיר אים אויף די וויכטיקסטע אָנפירנדיקע אַמטן פון פּועלי־ציון און אירע אינסטיטוציעס. זיינע רעדעס, פונקט ווי זיינע האַנדלונגען, זע־נען געווען אַ שם־דבר ביי אייגע־נע, ווי ביי קעגנערס.

כבוד זיין אָנדענק!



פּועלי־ציון קאָמיטעט אין לובלין, 1931. עס זיצן פון לינקס אויף רעכטס: שלמה מיטעלמאַן, בערל גריזאַלעט, מאיר שילדקרויט; עס שטייען: ישראל־איטשע ניישטיין, חיים זאַלצמאַן, פּאָלע דרייבלאַט, דוד שטאָקפיש.

לאָזער גאָלדבוים / בראַזיל

„זיי מצליח!״...

מיט די צוויי פילזאָגנדיקע ווערטער האָט דער אומפאַרגעס־לעכער שלמה מיטעלמאַן זיך גע־זעגנט מיט מיר, ווען כ׳בין מיט 32 יאָר צוריק אַוועק פון לובלין קיין בראַזיל. ווי זיינס אַ תלמיד פון „יונגבאָר״ און „יוגנט״, האָב איך געפילט אַ חוב מיט אים זיך צו געזעגענען — און אַוועק אין זיין קאָסמעטיק־געשעפט אויפן „זאַמד״, דער לובלינער פאָרשטאָט אין דער סביבה פון דער באַן־סטאַ־ציע. איך האָב אים געטראָפן, אַן עלעגאַנט געקליידעטן ווי תמיד, מיט זיינע כאַראַקטעריסטישע שטריכן און קלוגע אויגן. אַראָפּ גענומען פון די פּאָליצעס אַ פלע־שעלע פּאַרפום, מיר דערלאַנגט אַלס געזעגענונגס־מתנה און גע־ווונטשן:

— זיי מצליח, חבר לאָזער...

העכער צוויי צענדליק יאָר זע־נען פאַריבער זינט יענעם האַנט־דרוק און קוש — און כ׳זע נאָך אַלץ פאַר מיינע אויגן דאָס דאַזי־קע געשטאַלט פון דעם פלאַמיקן פּועלי־ציוניסט, אַקטיוון שול־טו־ער, ספּאָרט־עסקן, אומדערמידלע־כן קעמפער פאַר יידישער רעכט און גלייכבאַרעכטיקונג, געזעל־שאַפטלעכער טוער.

איך ווייס, אַז קיין איין וויכטי־קע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג האָט שלמה ניט דורכגעלאָזט. מיט טיפער חכמה און לאָגיש־וואָגיקע אַרגו־מענטן האָט ער באַשיינט די אַלע אסיפות, באַרייכערנדיק יעדן איינעמס באַוווסטזיין און העלפנ־דיק אויספאַרמירן די וועלט־אָנ־שויונג פון די אַנוועזנדיקע פּועלי־ציוניסטן. שלמה האָט אין דער פּאַרטיי פאַרטראַטן אַ קלאָרע, גראַדליניקע רעוואָלוציאָנערע שטע־לונג צו די אינטערנאַציאָנאַלע, ווי ספּעציפיש ־ יידישע פּראָבלעמען. זיין שטאַנדפּונקט האָט ער פאַר־טיידיקט מיט ענטוזיאַזם און אי־בערצייגנדיקער קראַפט. זיינע אַרויסטרעטונגען האָבן זיך אויס־געצייכנט מיט אַ רייכער שפּראַך און טיפן אינהאַלט.

מיר האָבן אים געזען און גע־הערט אויף שטורמישע פאַרזאַמ־לונגען פון דער פּאַרטיי, אויף ערנ־סטע, כמעט אַקאַדעמישע קרייזן און לעקציעס פון דער יוגנט, אויף

פּאָפּולערע שמועסן מיטן „יונג־באָר", אויף די עפנטלעכע אַרויס־טרעטונגען אין טאָג פון ערשטן מאַי.

פוטבאָל האָט ער נישט געשפּילט, אָבער אויף זיין איניציאַטיוו איז אין לובלין געגרינדעט געוואָרן דער יידישער אַרבעטער ספּאָרט־קלוב „שטערן", וועמענס לעבעדי־קער גייסט און אָנערקענטער מנהיג ער איז געווען אַלע יאָרן. ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט בלויז צו פּינג־פּאָנג — און ניט איין מאָל האָט מען אים געזען אין לאָקאַל, ווי מיט דער ראַקעטע אין האַנט פאַרמעסט ער זיך מיט די אויסגעצייכנטע פּינג־פּאָנגיסטן פון קלוב. בדרך כלל האָט ער „אַריינגעכאַפּט" אַ פּאַר־טיע פּינג־פּאָנג צווישן איין זיצונג און דער צווייטער, כדי זיך אָנט־שפּאַנען און אַ ביסל אָפּרוען.

דאָס יידישע שול־וועזן אין פּוילן האָט אין שלמה מיטעלמאַן געהאַט אַ טרייען, איבערגעגעבענעם טוער. איך אַליין בין אַ שילער פון די לוב־לינער יידישע פאָלקס־שולן (א. ב. פון בער באָראָכאָוו אויף רוסקע 18 און פון י. ל. פּרץ אויף דער ניע־צאַלע גאַס) און אין משך פון יאָרן געזען און באַוווּנדערט די באַציונג און רעספּעקט וועלכן די לערערס און שול־טוערס האָבן אַרויסגע־וויזן צו שלמהן. ער האָט דערנאָך געהאַט די פולע סאַטיספאַקציע, ווען נאָכן ענדיקן די שול, בין איך צוזאַמען מיט אים און נאָך עלטערע חברים, געזעסן אין דער פאַרוואַל־טונג פון דער באָראָכאָוו־שול, וועל־כע מיר האָבן אויסגעהאַלטן אויף דער רוסקע גאַס.

דאָס יידישע שול־וועזן אין פּוילן האָט צוזאַמען מיט זיינע גרויסע אויפטועך און דערגרייכונגען, גע־האַט אויך יאָרן פון ביטערן געראַנגל פאַרן ממשותדיקן קיום. דער וויכ־טיקער היכל פון קולטור און דער־ציונג האָט אויפן באַשיידענעם אָפּ־שניט אין לובלין געהאַט זיין טרייען חבר און אָנהענגער — שלמה מיטעלמאַן.

די יידישע יוגנט, וועלכע האָט מיט אַלע כוחות זיך געריסן פון דער אָרעמער פינצטערער גאַס, האָט זיך אויך אַ וואָרף געטאָן אויף אַ לגמרי פאַר איר נייעם געביט — ספּאָרט. דעריבער זעען מיר ביים גרינדן אין לובלין דעם ספּאָרט־קלוב „שטערן" אויך שלמהן. ער האָט געהאַט סיי די געהעריקע פאַרשטענדעניש, סיי דעם וויטן בליק, ביים אויפשטעלן די פוטבאָל־מאַנשאַפט און אַנדערע ספּאָרט־סעקציעס, וועלכע זענען געווען אַ קוואַל פון דערמוטיקונג און דער־פרישונג פאַר טויזנטער פאָלקס־טימלעכע יוגנטלעכע. שלמה איז באַלד געוואָרן דער וואָרטזאָגער און פאַרזאָרגער פון די ספּאָרטלער, וועלכע האָבן זיך צו אים באַציגן מיט אַ סך דרך־ארץ און אָנערקע־נונג.

שלמה האָט געלייגט זיין באַ־

דייטנדיקן חותם אויפֿן אַלזייטיקן געזעלשאַפֿטלעך - פּאָליטישן לעבן אין לובלין און איז געווען געאַכט און געשעצט אין די אַרבעטער־קרייזן אין לובלין.

*

...איך ווייס ניט ווער עס האָט מערער מצליח געווען אין זיין לע־בנסוועג: צי שלמה מיט זיינע יאָרן, אָנגעלאָדענע און אָנגעזעטיקטע מיט קאַמף און דערנאָך — זיין באַוואָ־פנטער אָנטייל אין די פֿראָנט־שלאַכטן קעגן היטלעריסטישן שונא, ווו ער האָט געברענגט אַלס קרבן זיין יונג, שטורמיש און אינטערע־סאַנט לעבן; אָדער איך, וואָס האָב אין וויטן און טראָפּישן בראַזיל געפֿירט דעם קאַמף פֿאַר די זעלבע אידעאַלן און צילן, וועלכע שלמה האָט אין מיר איינגעפּלאַנצט. אַלנ־פֿאַלס, זיין גוראַנגל איז געווען שווערער, ריזיקאַלישער — און ער איז געפֿאַלן.

זאָלן די דאָזיקע ווערטער זיין אַ קראַנץ בלומען אויפֿן קבר פֿון דעם טייערן חבר און מוטיקן קעמפֿער.

חיה קאַראַנאַ / רמת־גן

„שלמה איז אַ חכם!"...

שלמהס געשטאַלט אין מיין זכ־רון, פונקט ווי אין זכרון פון די אַנדערע וועלכע האָבן אים גע־קענט, איז איינגעקריצט אַלס טיפּ פון אַן אַקטיוון גזעלשאַפטלעכן טוער, מיט אַ סך שווונג, ברייטע האָריזאָנטן, פּאָליטישער רייפקייט און איינגעבוירענער אינטעליגענץ. פאַרנומען אַן אַנגעזען אָרט אין פאַרשידענע אינסטיטוציעס, מען האָט זיך מיט אים גערעכנט, ווייל זיין וואָרט איז געווען וואָגיק און דעצידירנדיק. פאַרמאָגט די אייגנ־שאַפטן פון אַ מנהיג.

אַמאָל זענען מיר אַ שבת פאַר־נאַכט אַוועק שפּאַצירן אין זאַקסישן גאָרטן אין לובלין. ער, זיין נאָ־ענטער חבר שמאי שוואַרץ ז"ל און איך. די באַוועגונג אין פּאַרק איז געווען גרויס. זאָגט שלמה:

— קומט, לאָמיר גיין ווייטער ווו מענטשן זענען ניטאָ. סתם מענ־טשן האָב איך ניט ליב, עפּעס אַן עולם־גולם. מענטשן זענען עגאָיס־טיש, פאַלש, נאַריש ווי די גענדז... אַ שאָד! זיי זענען אומדאַנקבאַר און ניט ווערט קיין קרבנות. נאָר פאַר אַ הויכער אידעע איז כדאי צו ברענגען אַ קרבן.

שלמה האָט געקענט דעם סוד פון מענטשלעכע באַציונגען און דערפאַר געווען געשעצט און גע־ליבט ביי אייגענע, ווי ביי קעגנער.

ער האָט געהאַט אַ גוט אַנטווי־קלטן מוזיקאַלישן חוש, הגם ניט אַזאַ גוטע שטימע. אין גרויסן קינאָ־זאַל „קאָרסאָ" איז אַמאָל פאָרגע־קומען אַ קאָנצערט פון העברעישן ליד, אין דער אויספירונג פון ברכה צפירה און נחום נרדי. נאָכן קאָנ־צערט, גייענדיק אַהיים, האָט שלמה איבערגעזונגען כמעט אַלע מעלאָ־דיעס (קיין העברעיש האָבן מיר דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען און ניט גערעדט). דערנאָך האָט מען אַ גע־וויסן אָוונט געזונגען די אַלע לי־דער, אונטער שלמהס אָנפירונג, מיט חסידישן ברען און התלהבות.

אַז כ'האָב אָנגעהויבן לייענען די ווערק פון פרעמדע און אייגענע קלאַסיקער, איז שלמה געווען דער מיט וועמען מען האָט געקענט זיך טיילן מיט איינדרוקן, אָפּשאַ־צונגען, אַרויסברענגען ספיקות

און דיסקוטירן וועגן בוך און מחבר. ער האָט געוווּסט צו געבן אַ ריכ־טיקע אָפּשאַצונג און קריטיק אי־בערן אַדורכגעלייענטן ווערק.

פאַר מיין עולה זיין קיין ארץ־ישראל אין די דרייסיקער יאָרן, איז מיר אויסגעקומען צו שמועסן אין וואַרשע מיטן חבר יצחק לעוו ז״ל, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט די עליה־ענינים פון די פּועלי־ציון־חברים. ריידנדיק וועגן שלמה מי־טעלמאַן, האָט ח׳ לעוו געזאָגט:

— איר ווייסט גאָרנישט וועמען איר פאַרמאָגט אין לובלין... שלמה איז אַ חכם, אַן אמתער חכם!

ווער נאָך ווי איך האָב געוווּסט, אַז די דאָזיקע מיינונג וועגן שלמהן איז אַ ריכטיקע?

יחיאל שטאָקפיש / הרצליה

מיינע באַגעגענישן מיט שלמה מיטעלמאַן

מיט שלמהן איז מיר אויסגעקומען זייער אָפּט און אַ סך צו טרעפן זיך. אַז מען וווינט בשכנות, דערנאָך געהערט מען צו איין פּאַרטיי און אין די מלחמה־יאָרן פירט דיך דער גורל ווידער צונויף מיט אים — מוזטו מיט אַזאַ מענטש זיין אין כסדרדיקן קאָנטאַקט. אַז עס קומט אָבער צו פאַרצייכענען אַ בינטל זכרונות וועגן אַ געפאַלענעם חבר, מוז מען אַרויס ברענגען נאָר יענע מאָמענטן, וואָס האָבן אַמ־מיינסטן זיך איינגעקריצט אין זכרון, הגם איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, האָט דער זכרון אַ ברירה אַ ביסל צו פאַרפירן.

מיט שלמהס צוויי יינגערע צווילינג־ברידער, יוטשע (יומטוב) און משהלע, האָב איך געלערנט אין איין חדר: צומערשט ביי נחמיהלע מלמד — אַ ביסל עברי, דערנאָך ביי יצחק מלמד — חומש מיט רש"י, צום סוף — ביי יאַנקעלע מלמד, גמרא און תוספות. נאָכן חדר זענען אונדזערע וועגן זיך פונאַנדערגעגאַנגען, נאָר דערפאַר מיך צונויפגעפירט מיט שלמהן — אין אַ גאָר אַנדערן „חדר"...

אין דער „פאַבריק" פון לעדערנע קנעפּלעך

צום ערשטן מאָל האָבן מיר זיך געטראָפן אינעם פאַבריקל פון לעדערנע קנעפּלעך, וואָס האָט געהערט צו שלמהס צוויי פעטערס: לייבל און פנחס ליבהאַבער. די מ׳שטיינסגעזאָגטע אונטערנעמונג האָט זיך געפונען אויפן זייטיקן, כמעט אומבאַוווינטן, שמוציקן און ניט ברוקירטן געסל — סטאָלאַרסקע, אויף דער רעכטער זייט פון דער זאַמאָיסקע גאַס. אין אַ הילצצערנער שאָפּע, 5 מעטער די לענג, אַ 3 מעטער די ברייט און 2 מעטער די הייך, מיט איין פענצטער, איז אויבנאָן געשטאַנען די פרעס, וואָס מ׳האָט באַדאַרפט אַ דריי טאָן מיטן הענטל זי זאָל זיך אויפהייבן און דערנאָך אַראָפּלאָזן אויף דעם געפלאָכטענעם פאַס לעדער — און אויסקלאַפּן אַ לעדערן קנעפּל... די דאָזיקע מלאכה האָט געטאָן אברהם גרינבערג, דער „מאַשיניסט" פון דער פאַבריק, בעת ביי די לאַנגע טישן זענען געווען אויסגעזעצט יינגלעך אין עלטער פון 14, 15 און

16 יאָר און געפּלאָכטן די לעדער־נע רימענס. פּאַר אויספלעכטן אַ קנעפּל האָט מען באַקומען אַ האַלבן גראָשן. בלויז שלמה איז דאָרט גע־ווען אַ לוין־אַרבעטער „אויף דער וואָך". די שוין אויסגעפּרעסטע קנעפּ האָט ער אַרויפגעצויגן אויף אַ דראָט — און זיי געפּוצט און פּאָלירט.

אונדזער אַרבעט אַ טאָג האָט זיך אָנגעהויבן 7 פרי און געענדיקט 7, אָדער 8 אָוונט. אין דער האַלב־פינ־צטערער שאָפּע, וועלכע איז אויך בייטאָג געווען באַלויכטן מיט אַ בליך־לאָמפּ, האָבן מיר זיך באַ־דאַרפט יאָגן צו פאַרדינען וואָס מערער האַלבע גראָשנס. נאָר אויף וויפל ס'איז געווען טונקל אין דעם פאַבריקל, פּונקט ווי אין האַרצן פון יעדער יוגנטלעכן, מעג אָן גוזמא געזאָגט ווערן, אַז שלמה איז דאָרט געווען די ליכטיקע שטראַל וואָס האָט ניט נאָר געלויכטן, נאָר אויך געוואַרעמט די נשמה.

ניט אָפּרייסנדיק זיך און אונדז פון דער אַרבעט, האָט ער כסדר איינגעזונגען און געלערנט די האַר־ציקע יידישע פאָלקס־לידער: מאָ־ריס ראָזענפעלדס „כ'האָב אַ קליין יינגעלע", אברהם רייזענס „מה קא משמע לן", אָדער „הוליעט, הו־ליעט בייזע ווינטן". אַ ביסל שפּע־טער — די „שבועה", דעם הימן פון דער פּועלי־ציוניסטישער יו־גנט. קיין גרויסער זינגער איז שלמה ניט געווען, אָבער קיין מאָל ניט געפעלשט די מעלאָדיע און תיכף פאַרריכט יעדערן פון אונדז, ווי נאָר ר'האָט דערהערט אַ ניט־ריכטיקן קלאַנג.

דערנאָך האָט שלמה אונדז גע־ברענגט יידישע ביכער צום לייע־נען. דינעזאָן און שלום עליכם, פּרץ און שלום אַש. אַנשטאָט דעם גע־זאַנג, האָבן זיך געהערט איצט דיס־קוסיעס און מיינונגען וועגן די אַדורכגעלייענטע ביכער און וועגן אידעישן גראַנגל אויף דער יי־דישער גאַס.

נאָך אַ יאָר עקזיסטענץ, האָט דאָס פאַבריקל באַנקראָטירט. עט־לעכע יוגנטלעכע אַרבעטער: זיינ־וול גליקמאַן (בעקער), חיים און קלמן שפּירא און איך, זענען אַריין געטרעטן אין די רייען פון דער פּועלי־ציוניסטישער „יוגנט". דאָס איז געשען אונטער דער השפּעה פון שלמהס פּערזענלעכקייט.

אין דער באַראַכאָוו־ביבליאָטעק

אין פּאַרטיי־לאָקאַל אויף רינעק 10 האָט אינעם צווייטן, קלענערן צימער, זיך געפונען די ביבליאָ־טעק. דאָ האָבן אַ סך יוגנטלעכע געכאַפּט ביכער צום לייענען, אָבער אַ טייל פון זיי איז מער אויסן געווען אַ „שוויך טאָן" מיט שווערע ווערק, וועלכע באַהאַנדלען פילאָ־זאָפישע, ציִ טעאָרעטישע פראַגן, אַפילו אין אַ בעלעטריסטישער פאָר־רעם. שלמה, דערוויסנדיק זיך וואָס „זיין" יוגנט לייענט, האָט זיך פריי־

וויליק אַנגאַזשירט אַלס ביבליאָ־
טעקאַר און 3 מאָל אין וואָך אַליין
אַרויסגעגעבן די ביכער. ער האָט
קיינעמען ניט אָנגעוואָרפן, צי באַ־
פוילן נעמען אַ בוך לויט זיין גע־
שמאַק, נאָר מיט זיין אײדעלן צו־
גאַנג און שטילער, קולטורעלער
אויפקלערונג, גורם געווען דערצו,
אַז חברה האָבן אַוועק געוואָרפן
דעם „שוויץ־סיסטעם" ביים לייע־
נען און זיך אַ נעם געטאָן צו דער
לעקטור — לויט אַ סדר און סיס־
טעם.

האָט אָקערשט אומגעקערט. דאָ
האָט זיך אַנטוויקלט אַן אינטערע־
סאַנטער וואָרט־געפעכט און ס'איז
געלונגען דעם לייענער איבערצו־
צייגן, ער זאָל זיך אַ נעם טאָן צו
אַנדערע ביכער.

אין דראַמאַטישן קרייז

איין מאָל איז מיר איינגעפאַלן
אַ געדאַנק צו אינסצעניזירן „באָנ־
טשע שווייג" פון י. ל. פרץ, כדי
אונדזער דראַמאַטישער קרייז זאָל



„יוגנט"־ און „יונגבאָר"־קאָמיטעט אין לובלין (1930). עס זיצן פון רעכטס אויף לינקס: ישראל־איטשע ניישטיין, שלמה מיטעלמאַן, יחיאל און פראַדל שטאָקפיש; עס שטייען: מינע און לאָזער גאָלדבוים, פאָלע דרייבלאַט, מרדכי עקהויז, שרהלע גליקלעך, דוד שטאָקפיש.

ווען אַזאַ יוגנטלעכער האָט גע־
בלעטערט אין קאַטאַלאָג, זוכנדיק
אַ נייעם ספר מיט אַ „באָמבאַסטי־
שן" נאָמען, האָט אים שלמה אַ
פרעג געטאָן וועגן בוך וואָס ער

געבן אַן ערנסטע פאָרשטעלונג. די
רעפּעטיציעס, מיטן אָנטייל פון
גיטעלע שילדקרויט, שרהלע גליק־
לעך, לאָזער גאָלדבוים, מרדכי עק־
הויז און אַנדערע, זענען פאָרגעקו־

מען אויף רינעק 10. אַ געוויסן אָוונט, בעת מיר אַלע זענען געווען פאַרקאָכט אין די ראָלן און פּרובירט די אַרטיסטישע פעיקייטן — האָט זיך באַוויזן שלמה. דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך ניט נאָר פאַרשעמט פאַרן רעזשיסירן די פאָרשטעלונג, נאָר אַפילו זיך פאַרלוירן. שלמה האָט זיך גלייך געכאַפּט וואָס עס קומט פאַר סיי ביי מיר, סיי ביי די יונגע אַמאַטאָרן. ער האָט געזאָגט: „אויב איך שטער אייך, קען איך שוין אַוועקגיין". אַלע האָבן זיך אָנגערופן, אַז אדרבה, זאָל ער בלייבן מיט אונדז, הגם די זשענירטקייט איז ניט פאַרשוווּנדן. שלמה האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און במשך דער רעפּעטיציע ניט אָנגערופן זיך מיט קיין וואָרט. ערשט נאָכן פאַרענדיקן, האָט ער אונדז געזאָגט:

— זעצט פאָר, חברים, איר טוט אַ וויכטיקע אַרבעט, הגם איר זייט ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע אַרטיסטן. דאָס יידישע טעאַטער איז פול מיט שונד־פאָרשטעלונגען און אייערע אויפטריטן האָבן אַ דערציערישע באַדייטונג. איך ווינטש אייך דערפאָלג!

זיין ווונטש איז מקוים געוואָרן. אונדזער קרייז האָט באמת געשטעלט מיט הצלחה עטלעכע ערנסטע פאָרשטעלונגען.

אין ספּאָרט־קלוב „גוויאַזדאַ־שטערן"

אינעם ערנסטן זשורנאַל פון פּועלי־ציוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד — „פרייע יוגנט", איז געהאַט דערשינען אַ קאַריקאַטור קעגן דער מגיפה פון פוטבאָל וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די יידישע יוגנט אין פוילן. אַז די צייטונג איז אָנגעקומען אין פאַרטיי־לאָקאַל, האָט צווישן די „יוגנט"־חברים זיך אַנטוויקלט אַ העפטיקע דיסקוסיע פאַר און קעגן באַלעם, דערביי האָט מען שאַרף קריטיקירט דעם ספּאָרט אַלס גאַנצן וואָס רייסט אָפּ יוגנטלעכע אַרבעטער פונעם קלאַסן־קאַמף, בעת אַנדערע האָבן געטענהט, אַז „אין אַ געזונטן קערפער — אַ געזונטער גייסט". גראָד איז אָנגעקומען שלמה און צוהערנדיק זיך צו דער ליידנשאַפטלעכער דיסקסיע, האָט ער אונדז געהייסן זיך אַוועקזעצן און אויף זיין שטייגער, געלאַסן אָנגעהויבן דערקלערן:

— נאָכן צוהערן זיך צו אייער היציקן וויכוח וועגן באַלעם, וויל איך זאָגן, אַז ביידע צדדים זענען ניט גערעכט. דער אמת איז אין מיטן... עס טויג ניט וואָס אונדזערע ספּאָרטלער זעען נאָר דעם פוטבאָל — און ניט מער, בעת די קעגנער זענען אַוודאי אומגערעכט מיט זייער טענה, אַז מען קאָן אָנעם באַלעם אויך זיך באַגיין. דער זין פון דער קאַריקאַטור איז דער,

אַז איר זאָלט ניט זיין צופיל פאַר־
ספּאָרטעוועט, אַזש ביזן פאַר־
וואַנדלען דעם קאָפּ אין אַ באַלעם.
און זייט ניט קיין צו שטאַרקע
קעגנער, ווייל ספּאָרט איז אונדזער
געזונט, צייט־פאַרברענג, פאַרגע־
ניגן. ספּאָרט איז נייטיק דעם אַר־
בעטס־מענטש אפשר מערער ווי
דעם ליידיקגייער...

שפּעטער האָבן מיר געזען אין
שלמהן די פאַרקערפּערונג פון
צוויי, כלומרשט קעגנזעצלעכע טענ־
דענצן: אַן אָנפירנדיקער, אַקטי־
ווער פאַרטיי־מענטש און איבערגע־
געבענער ספּאָרט־טוער.

אין דער אַרמיי

1943, אין שעלץ, ביי די זאַמ־
דיקע ברעגעס פון טייך אָקאַ, ווו
עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די
פּוילישע מיליטערישע איינהייטן
אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָ־
ריע, בין איך אַ געוויסן נאָכמיטאָג
אַוועק זוכן אַ באַקאַנטן פריינד, צי
לאַנדסמאַן. שפּאַצירנדיק איבערן
ריזיקן מיליטערישן לאַגער, דער־
הער איך אַ באַקאַנט קול:

— כיל?!

איך דריי אויס דעם קאָפּ און
דערזע פאַר זיך — — — שלמה
מיטעלמאַן. מען צעקושט זיך פאַר
פרייד, דער ערשטער שטורעם פון
דער באַגריסונג איז אַדורך. ער
גיט מיר פאַרייכערן, מען פרעגט
זיך ניט דעם סטאַנדאַרטן „וואָס
הערט זיך?" מען פאַרציט דעם
רויך און מען ווערט פאַרזינקען אין
מחשבות. יעדער פאַר זיך. אַ שוויי־
געניש. ערשט מען ענדיקט רייר־
כערן, פרעג איך:

— נו, שלמה, וואָס ווייטער?

ער שטעלט אויף מיר אַן זיינע
לעבעדיקע אויגן וועלכע פינקלען
דורך די ברילן־גלעזער — און
ענטפערט:

— שלאָגן, שלאָגן די מערדער!

אין אונדזערע ביידנס אויגן האָבן
זיך באַוויזן טרערן...

אין באַפרייטן מיידאַנעק

יולי 1944. אין אַ שנעלן מאַרש
פון כעלם קיין לובלין, קומען מיר
אָן אין מיידאַנעק. אַלץ איז נאָך דאָ
„פריש" פונעם מאַסן־מאָרד אי־
בער אונדזערע ברידער. מיר באַ־
וויזן אַפילו צו פאַרכאַפּן אייניקע
דייטשן פונעם לאַגער־פּערסאָנאַל.
עס דוכט זיך, אַז די קרעמאַטאָריעס
ברענען נאָך. פּלוצים דערזע איך
שלמהן, ווי ער לויפט פאַרביי מיט
זיין שווערן גראַנאַטן־וואַרפער
(מערזער). קוים באַוויזן אים צו
פרעגן ווו ער סטאַציאָנירט — און
איך שריי אים נאָך, אַז זונטיק פרי
קום איך אים באַזוכן.

באַלד נאָך דער קאַווע בין איך
אַוועק אין זיין באַטאַליאָן, ווו כ'האָב
געטראָפן שלמהן אין די יומטוב־
דיקע, זעלנערישע בגדים. צו
אונדז איז צוגעשטאַנען זיין קאָ־
מאַנדיר, חיים יאַקאָוולעוויטש סאַ־

פּאָזשניקאָוו, אַ געבוירענער אין לובלין. ווען ר׳איז אַ קינד געווען, איז זיין פאָטער פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע אין סיביר, פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. זאַל־בעדריט האָבן מיר זיך געלאָזט איבער דעם צעשטערטן יידישן קוואַרטאַל פון לובלין. סאַפּאָזשני־קאָוו האָט געוואָלט אויפזוכן זיין מוטערס קבר (ער איז שפּעטער גע־פאַלן ביי פולאַוו, ביים פאָרסירן די ווייסל). דעם קבר ניט געפונען, האָבן מיר זיך געלאָזט איבער דער שטאָט, וווּ ס׳האָט אַמאָל געקאָכט און געברויזט מיט יידיש לעבן. אַלע דריי זענען מיר געווען איי־ניק, אַז פאַר אונדז, יידישע זעלנער אין דער פּוילישער, צי סאָוויעטי־שער אַרמיי, איז פאַרבליבן נאָר איין זאַך: נעמען נקמה פאַר אַלץ, שלאָגן און יאָגן דעם דייטש ביז אונדזער לעצטן אָטעם־צוג.

אין אָוונט, ביים געזעגענען זיך, האָט מיר שלמה געזאָגט:

— הער זיך איין, יחיאל! דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז איך וועל די מלחמה ניט איבערלעבן. אויב וועסט עמעצן טרעפן פון מיינע נאָענטע, גיב זיי אַ גרוס פון מיר און זאָג זיי, אַז איך לעב איצט מיט איין־און־איינציקן געדאַנק: נקמה!

אויך איך האָב ביי אים געבעטן די זעלבע געפעליקייט. כמעט אָן ווערטער זיך געזעגנט, נאָר לאַנג זיך געדריקט די הענט, האַרציק זיך צעקושט — און פונאַנדערגע־גאַנגען.

דאָס איז געווען מיין לעצטע באַ־געגעניש מיטן אומפאַרגעסלעכן שלמה מיטעלמאַן...

כּעלע מאַרדער / ניו־יאָרק

בלומען אויפן קבר פון חבר שלמה

מ׳האָט זיך צו מיר געווענדעט צו שרייבן וועגן שלמהן. איך האַלט דאָס ווי אַ „באַפעל פון דער פּאַר־טיי״, ווייל מיט שלמהן פאַרבינדן מיך דער עיקר פּאַרטייאישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע דערינערונגען, דורכגעפלאָכטן מיט פּערזענלעכע איבערלעבונגען. און אָט דעם ענט־פער בין איך טאַקע שולדיק. שול־דיק דערפאַר, ווייל איך אַליין בין נישט געווען צו יענער צייט אין פּוילן, אין דער תקופה פון היטלע־ריסטישן וואַנזין און במילא נישט מיטגעמאַכט די אַלע פּיינען און יסורים, וואָס די נאַציסטישע בעסטיעס האָבן אָפּגעטאָן דעם יידישן פאָלק.

איך האָב צו יענער צייט זיך גע־פונען אין ארץ־ישראל און נאָר פון וויטנס געהערט די גרויזאַמע נייעס, די שרעקלעכע גרוסן פון מיין פאַרלוירענער שטאָט לובלין, וווּ עס זענען פאַרבליבן מיינע טייערסטע און ליבסטע.

איינער פון מיינע חברים איז געווען — שלמה. מיר האָבן גע־הערט צו איין אָרגאַניזאַציע און מיטגעמאַכט אַלע שטורמישע פּע־ריאָדן פון דער יוגנט אין יענער צייט. מיט איין וואָרט — מיר זע־נען געווען אידעען־חברים.

צוליב דעם וואָס מיר זענען נישט געווען קיין גאָר נאָענטע חברים, ווייס איך נישט, אויב כ׳וועל זיין בכוח אַרויסצוברענגען זיין געשטאַלט פּילזייטיק, ווי איך וואָלט דאָס געוואָלט טאָן.

*

אַ ביאָגראַפיע פון שלמהן — ווי איז דאָס מעגלעך? מיר האָבן גע־וווינט ווייט פון זיך, ער — אויפן „זאַמד״, איך — אין סאַמע האַרץ פון אַמאָליקן געטאָ אין לובלין. פאַרבונדן האָט אונדז נאָר די אָר־גאַניזאַציע. אָט דער טרעפפּונקט, וווּ מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט אַנדערע חברים און חברטעס, אַרומגערעדט אַלע טעמעס פון לעבן און געזוכט פאַר זיי אַ רפואה, אַ לייזונג.

יעדער פון אונדז איז געקומען אין לאָקאַל ווי אַ דערוואַקסענער, וואָס האָט שוין פיל דורכגעמאַכט, הגם מיר זענען נאָך זייער יונג גע־ווען. יעדער איינער איז אַדורכ־

געגאַנגען פאַרשידענע זיגזאַגן און אַליין זיך אַרויפגעדראַפעט אויפן לייטער פון לעבן, ווי ער האָט נאָר געקאָנט.

ווען איך קוק אויף צוריק, זע איך שלמה מיטעלמאַן, ווי ער שטייט אויף דער טריבונע ווי אַ רעדנער, וואָס אַגיטירט אויף ערשטע־מאַי־פאַרזאַמלונגען פאַר אַ וועלט אָן אונטערדריקער און אונטערדריקטע און ער דערמאָנט אָפט קאַרל מאַרקס׳ לאָזונג: „מיר (אַרבעטער) האָבן גאָרנישט וואָס צו פאַרלירן, אַ חוץ אונדזערע קייטן“. אָט דאָס איז געווען זיין דעוויז. ער רעדט איבערצייגנדיק און מיט טעמפעראַמענט. ער נעמט אָן אַקטיוון אָנטייל אין אַלע פאַרזאַמלונגען, זיצונגען און צוזאַמענפאָרן.

כדי בעסער אָרגאַניזירן די פראָפעסיאָנעלע סעקציעס קעגן דעם איינפלוס פון קעגנערישע פאַרטייען, שלאָגט ער פאָר, אַז אַ חבר פון דער שניידער־סעקציע זאָל באַקומען אַ מינימום־געהאַלט, ער זאָל האָבן די פליכט צו קומען אָפטער און זיין נענטער צו זיין סעקציע. אַזוי אַרום האָט דער געגעבענער חבר געפילט אויף זיך דעם חוב און געאַרבעט לטובת דער פאַרטיי.

ווער נאָך, ווי שלמה, האָט געווּסט, ווי יעדער חבר באַזונדער איז גרייט געווען פרייוויליק אויסצופירן די אויפגאַבע, וואָס איז אויף אים געוואָרן אַרויפגעלייגט.

יעדער מיטגליד איז געווען גליקלעך צו העלפן דערגרייכן עפעס פאַר דער פאַרטיי, דאָך האָט שלמה מיט זיין קלוגן פאַרשטאַנד געזען בעסער די לאַגע פון יעדער באַזונדערן חבר און געהאַנדלט מיט טאַקט, דערגרייכנדיק בעסערע רעזולטאַטן.

אויך אויף דעם קולטור־געביט האָט שלמה געוואַכט. ער האָט מיטגעאַרבעט מיט אַ גרופע באַוווּסטזיניקע חברים און איינגעאָרדנט פאָרלעזונגען, קעסטל־אָוונטן און רעפעראַטן אויף פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע און אַקטועלע טעמעס פון אייגענע, ווי אויך פון אַנדערע רעפערענטן פון וואַרשע. ער האָט אַלץ געטון, בכדי דערמעגלעכן די פשוטע פאָלקס־מענטשן זיך אַרויפהויבן צו אַ העכערן קולטורעלן ניוואָ.

ביי דער שול־אַרבעט, געדענק איך ווי היינט, ביים באַשטימען דעם געהאַלט פון אַ לערער, וואָס איז אויך געווען אַן אייגענער, נאָנטער חבר און מיטגעהאָלפן אין די קולטורעלע אונטערנעמונגען, האָט שלמה פאָרגעלייגט צו העכערן זיין געהאַלט, וואָס איז אַפילו צו יענער צייט געווען אַ געוואַלדיק קליינער. אַזוי אַרום האָט שלמה מיט זיין געזונטן חוש, געקאָנט אָפשאַצן די לאַגע אומעטום.

אַ פריילעכער און מונטערער האָט ער אין פריוואַטע שמועסן מיט חברים שטענדיק אויפגעכאַפט

די קאָמישע סיטואַציעס און אַרויס־
געפּלאַצט מיט אַ הילכיקן געלעכ־
טער, וואָס האָט אויך אַנדערע אָנ־
געשטעקט און פאַרענדיקט דעם
שמועס מיט זיין סאַרקאַסטישן
ווערטל: „לאָמיר זיין געזונט״.

ער האָט זיך קיינמאָל נישט
אַריינגעריסן צו יענעם צו אינטים,
נאָר פון דער וויטנס אָבסערווירט
זיינע חברים, הגם מיט אַלעמען
געווען נאָענט. די באַציונג צו אַ
חבר איז געווען ביי אים אָפן און
ערלעך.

ווען אַ חבר, אָדער חברטע,
האָט איינגעלאַדן שלמהן צו זיך אַ
היים, האָט ער תמיד אָנגענומען
די איינלאַדונג. ער איז געקומען,
געזעסן און אָבסערווירט. שטענדיק
גוטמוטיק און ענטוזיאַסטיש, געווען
אַלעמענס פריינד. אָט אַזאַ איז גע־
ווען חבר שלמה. מיט זיין אַריינ־
דרינגענדיקן בליק, האָט ער באַלד
באַנומען דעם גאַנצן ענין און מיט
זיין קלוגן הומאָר אַוועקגעמאַכט
זאַכן, וואָס ביי אַנדערע וואָלט עס
גענומען אַ סך לענגער זיך צו אָר־
יענטירן און אָנצונעמען געהעריקע
באַשלוסן. ער האָט מיט איין בליק
געקאָנט דערזען דאָס פאַרבאָרגענע
און נישט־דערזאָגטע.

שלמה האָט איינמאָל אין אַן
אָוונט, פלוצלונג גערופן עטלעכע
חברים צו גיין מיט אים אויפן
„זאַמד״, ווו ער האָט געוווינט. ווי
פאַרוווּנדערט בין איך געוואָרן,
ווען איך האָב דאָרטן דערזען אַ
פול־געפּאַקטן זאַל מיט בלויז
יוגנטלעכע חברים און חברטעס,
גוט אָריענטירטע און איבערגעגע־
בענע יוגנטלעכע, וואָס זענען שפּע־
טער געוואָרן מיטבויער און מיט־
קעמפער פאַר שלמהס אידעאַל.
דאָס איז געווען די „מתנה״ וואָס
שלמה האָט פון זיין זייט אונטער־
געטראָגן דער פּאַרטיי.

אַזוי אויך האָט ער געמאַכט אַ
סיורפּריז, ווען אין איינעם אַ טאָג
האָט ער זיך באַוויזן אין שול־
לאָקאַל מיט זיינס אַ שוועסטערל,
וואָס ער האָט געבראַכט אין אונ־
דזער יידישער פאָלקס־שול אַלס
שילערין. נישט געקוקט אויפן ווייטן
מהלך, וואָס איז געווען פון זיין
היים, האָט ער יעדן טאָג געבראַכט
זיין שוועסטערל אין שול, בכדי
זי זאָל אין יידיש זיך קענען אויס־
לערנען און געניסן פון די לימודים
אין דער אייגענער שפּראַך.

אַזוי איז געגאַנגען ביי שלמהן
האַנט אין האַנט טעאָריע מיטן
לעבן.

*

איינמאָל, אין אַ זומער, האָבן מיר
זאַלבעזעקס געמאַכט צוזאַמען אויף
אַ סוף־וואָך, אַן אויספלוג קיין פּו־
לאַוו און קוזמיר ביי דער ווייסל.
מיר זענען נישט געווען קיין ספּע־
ציעל צוזאַמענגעלעבטע גרופּע, —
אָבער דאָך אַ היימישע כאַליאַסטרע
וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין
דער „וויטער וועלט״, אַוועק פון

די היימען, פון געטומל, פון דעם פּראָזאַישן אַרום, גרייט געווען אויפנעמען אַלץ מיט אידעאַליס־טישע אויגן — און אָן געלט אין קעשענע...

פּולאַווו און קוזמיר געפינען זיך סך־הכל ביי אַן אַנדערהאַלבן שעה פאָרן אויפן וועג לובלין־וואַרשע. די צוויי שטעטלעך, קור־ערטער פון פּוילן, ליגן נישט ווייט איינע פון דער אַנדערער. פּולאַווו פאַרמאָגט פּרעכטיקע גערטנער און פּאַרקן, ווי אויך רואינען פון אַלטע קעניג־לעכע שלעסער. די צווייטע — קוזמיר, איז גאָר אַ נאַטור־וווּנדער, מיט אירע פאַרשידנאַרטיקע בערג און אַרויסשטאַרצנדיקע פּאַלאַצן, אַלץ אויפן פּאָן פון דער ווייסל — אַן אמתע פּראַכט און ציט דערויי־בער צו טוריסטן פון גאַנץ פּוילן און אויסלאַנד. דאָס שטעטל איז זייער מאָלעריש, דעריבער נעסטן דאָ מאָלער פון דער גאַנצע וועלט. אויך שרייבער און פּאָעטן קוויקן דאָ זייער פאַנטאַזיע און באַשרייבן זייערע איינדרוקן.

אויך אונדזער שרייבער און דיכטער ז. סעגאַלאָוויטש האָט אין זיין פּרעכטיקער פּאָעמע „קאַזשי־מיעזש", פאַראייביקט די וווּנדער־באַרע געגנט. די פּאָעמע איז גע־לערנט געוואָרן פון טויזנטער לע־רער און שילער אין די יידישע שולן אין פּוילן.

מיר, די זעקס רייזנדע, מיט שלמהן בתוכם, האָבן במשך פון די צוויי טעג פון אונדזער אויס־פלוג, געוואָלט זיך אָנזעטיקן מיט אַלע פּראַכטן. מיר האָבן גענומען אַ שיפל און פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג אויף דער ווייסל, נאָר ביים באָדן זיך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר מוזן אַריין אין טייך אויף באַזונדערע ערטער, ווייל קיין באָד־קאָסטיומען האָבן מיר נישט גע־האַט...

צומאָרגנס זענען מיר אַריין קיין קוזמיר, געקלעטערט איבער די בערג און פאַרנאַכט האָט אונדז אַ דאָרטיקער חבר, דער היינטיקער שרייבער און זשורנאַליסט ש. ל. שניידערמאַן, אַריינגעפירט אין אַ זאַל, ווו מיר זענען ווידער געווען צוזאַמען מיט אייגענע אידעען־חברים און אַזוי אַרום פאַרברענגט אין אַ חברישער סביבה ביזן פאָרן אַהיים.

*

אָט די אַלע איבערלעבונגען האָב איך זיך דערמאָנט ביים איבער־לייענען אייניקע בריוו שלמהס, וואָס ער האָט געשריבן פון פראָנט, זייענדיק אַ סאָלדאַט פון דער פּוי־לישער אַרמיי, וואָס האָט זיך גע־גרינדעט אין ראַטנפאַרבאַנד צום קאַמף מיט די נאַציס, אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער האָט זיך אַליין געמאָלדן ווי אַ פרייווי־ליקער, בכדי אַזוי אַרום קומען צוריק אַ היים, ווו ער האָט איבער־געלאָזט זיין פרוי און קינד און גע־

האָפּט מיט זיי ווידער זיך צו טרעפן.

ער האָט זיך נישט געמאַכט קיין אילוזיעס פון דעם, וואָס דער מער־דערישער שונא אונדזערער האָט אָפּגעטון אונדזער פאָלק. שלמה האָט שוין וועגן דעם געהערט נאָך אין ראַטנפאַרבאַנד. אָבער דער „אפשר", דער „טאָמער", האָט אים נישט געלאָזט רואיק איינזיצן אויפן אָרט. ער האָט געוואָלט זיין פון די ערשטע אַליין אויסצוגעפינען דעם אמת.

ווען עס פרעגט זיך אָן אַ לובּ־לינער חבר, וואָס האָט זיך אויך געראַטעוועט קיין ראַטנפאַרבאַנד, וועגן זיינער אַ טאָכטער, אפשר וועט זי שלמה באַגעגענען אויפן וועג אַהיים, ענטפערט אים שלמה באַלד אָפּ, ער זאָל זיך נישט מאַכן קיין אילוזיעס, אַז עס איז נישטאָ אויף וואָס צו האָפן. ער, שלמה, מיינט מיט דעם ענטפער זיך אַליין, ער האָט זיך נישט געוואָלט נאַרן. נאָר די האָפענונג וואָס איז טיף אין אים געלעגן, האָט אים געטריבן זוכן, און קודם־כל — נקמה נעמען אין אונדזער בלוטיקן שונא.

שלמה איז צוזאַמען מיטן מילי־טער געהאַט אַריבערגעגאַנגען די ווייסל און איז שוין געווען ביי פּולאַוו. דאָרט, ביי דער ווייסל, אין די אָקאָפּעס, שרייבט ער: „עס איז נישט די ווייסל פון מיין יוגנט, פון אַמאָל. עס איז אַ פאַרצאָרנדיקע ווייסל. היינט רעוועט זי און ברומט, ווייל זי האָט אין זיך צענדליקער מינעס און בראַנד־באָמבעס און זי הערט זיך איין אין די פלוכט־אויסגעשרייען פון די דייטשע האָרדעס, וואָס זייער ציל איז אויסמאָרדונג און אויסראָטונג פון איין זייט — און פון דעם מעכטיקן געזאַנג פון זיגער־דראַנג און נקמה־באַגער פון דער אַנדערער זייט."

און שלמה בעט זיך ביים חבר צו וועלכן ער שרייבט, פאַרוואָס יענער איז אַזוי פויל און שרייבט אים נאָר געציילטע ווערטער. „געדענק", זאָגט ער, „איך וועל דיר אויפהערן שרייבן".

און שלמה האָט אויפגעהערט שרייבן...

קאָמיטעט אַרויסצוגעבן שלמה מיטעלמאַנס בוך „בריוו פון פראָנט"

בוענאָס־איירעס, קאַנגאַזשאָ 2520
טעלעפאָן 48-8769

חיים פינקעלשטיין (ב. איירעס)
אברהם מיטעלבערג (ב. איירעס)
דוד שטאָקפיש (ישראל)
מאיר שילדקרויט (ישראל)
יצחק יאַנאָסאָוויטש (ב. איירעס)
יוסף האָרן (ב. איירעס)
שמחה סנה (ב. איירעס)
שמחה מאַדאַנעס (ב. איירעס)
לעאָן מיטעלמאַן (ב. איירעס)
מרדכי דאַיען (ב. איירעס)
ישעיהו גראָדזיצקי (ב. איירעס)
קאָפּל מיזשעריצקי (ב. איירעס)
משה מיטעלמאַן (ישראל)
יעקב גראדעל (ב. איירעס)
שפרה מיטעלמאַן (פּאַריז)
גיטעלע שילדקרויט־עדעלשטיין (פּאַריז)
רחל מיטעלמאַן־גאַלבערשטאַט (ישראל)
צדוק פעלד (ב. איירעס)
ישראל טעמפּעלדינער (ב. איירעס)
דניאל קלאַוויר (ב. איירעס)
ברידער בעכער (ב. איירעס)
יעקב פאלאטיצקי (ב. איירעס)